Insurance so good, it's #forgettable

jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

# קרית יואל וואכנשריפט

KJ · WEEKLY

Vol. 12 • # 30 (559) Friday Apr 12, '24 • ב"ה • פרייטאג תזריע, ד' ניסן תשפ"ד לפ"ק

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעף
InjuryMaxx

פקודת הקודש פונעם מנהיג העדה כ"ק מרן רבינו שליט"א איבערגעגעבן ביים "לייוו קאָנפערענץ":

## קיין שום סאטמארער תלמיד אדער תלמידה טאר נישט האָבן צוטריט צו קיין שום סאָרט סענסא-עם.פי.טרי. דעוויס אָן דעם באַשטעטיגטן "ועד משמרת" שטעמפּל, דער אויסשליסליכער "מוכשר" זיגל



מוכשר

30

לאות הכרת הטוב פאַר די וואס האבן א "זערא שכ"ל באלאנס"

## רייכע נאַכטמאָלן וועט ווערן פאַרטיילט אין די ערבי פסחים דורך "מוסדות קרית יואל"



שלוחי המוסדות ארבעטן העפטיג צו אויסארבעטן די טרעפיק אפעראציע אז אלעס פארן שנעל, רואיג, גרינג און געשמאק!

58

## תושבי קרית יואל באַגריסן מאַסיווע "פסח יריד" דורך 'נאמני הקהלה' אַהערגעשטעלט מיט אן אויסטערלישער כבוד הציבור



38

מאת ה' היתה זאת היא נפלאת בעינינו:

## פייערליכער מעמד "קביעת מזוזות ומסיבת לחיים" צום באַנייען ביהמ"ד החדש דקיט"ל מעריוואלד בלומינגראוו - קרית יואל "בניני יאקאבאוויטש" - בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אנ"ש באַגייסטערט און איבערראַשט ביים אַנטפּלעקן מלכות'דיגן פראַכט פונעם ריזן פעסטונג פולקאָם-גרייט לתורה ולתפלה ולטהרה מיט'ן שענסטן הרחבת הדעת!



אויספירליכער באַריכט וועט נאָכפאָלגן קומענדיגע וואָך בעז"ה

'ווילעדזש אָוו קרית יואל' אַדרעסירט בריוו צו 'אָראַנדזש קאַונטי' אַנבאַלאַנגט ברייטערע סוער באַשטעטיגונגען

76

היה אור במושבותם:
עלעקטריק טראנספארמערס באהאפטן פאר די נייע דירות געביידעס אין 'שכונת לעמבערג המורחבת'

76

המביט לארץ ותרעד:
**זעלטענער ערדציטערניש טרייסעלט ניו יארקער ראיאן**

116

גייענדיג צום דרוק: טאון הייוועי דעפט. פאראדערנט פערמענאנטע שליסונג פון רעיוואד-רוזין קאנעקטינג ראוד

77



## העפטיגע פעולות אונטערגענומען דורך "הנהלת המוסדות" און "וועד להקים" צו טון אַלעס מעגליך צו עפענען דעם גיגאַנטישער "בנין בית רחל החדש - בנין גאלדבערגער" אויף קומענדיגן שנת הלימודים הבעל"ט

פאַקטישע הארטע ציפערן פונעם מוסדות-וואוקס כ"י ציינט זייער קלאָר און דייטליך: מער איז נישט מעגליך! מ'קען נישט ציען מער! מוסדות קרית יואל האָט גענרייכט אַ "דעד-ענד" אין דער נושא פון פלאַץ. נישטאָ מער וואו צו לייגן אַ נאָדל!

== עטליכע מיליאָנען מוזן נאָך געשאַפן ווערן צו קענען אָנקומען צום גליקליכער מאָמענט!! ==

געטרייע 'הנהלת המוסדות' אינאיינעם מיטן 'ועד להקים' שפאַנען איין מאַקסימום קרעפטן צווישן די צענדליגע "סאָבס" אויפן שטח הבני, און פאַרלייגן אַבנאָרמאַלע כוחות צו קענען בעז"ה 'ענדיגן' דעם פראַכטפולן בנין המפואר פאַר די טויזנטער קרית יואל'ע בנות ישראל הכשרות!

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St.   Brooklyn NY 11249   718-782-5349   Fax 646-993-6741

**2,795**
**משפחות**
**5,787**
**ילדים בבית**

**סניף קרית יואל**

**129 משפחות   246 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ט"ו שבט |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $574,890.00 |

**חשבון השנה**

שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00
אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00
חשון - ט"ו שבט תשפ"ד $4,089,211.00
**ס"ה $20,712,922.00**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד ט"ו שבט תשפ"ד
**$62,606,194.00**

# חכם לב יקח מצות

מיט א שבח והודאה צום בורא כל העולמים האט מען שוין געטיילט די **מצות**
און מען גרייט זיך צו טיילן די **פעקלעך** פאר די משפחות אלמנות ויתומים,
מיר בעטן יעדן פערזענליך, ווער ס'האט א קאר, זאל קומען צוהעלפן, אהיים טראגן **די פעקלעך**
פאר די אלמנות ויתומים, מיט זיין קאר וכו', פאר איין משפחה, אדער עטליכע משפחות,

**ביטע רופן 718-782-5349 ex 403**

## בעזהי"ת וועט מען אויסטיילן די פעקלעך

## דאנערשטאג פ' תזריע (ג' ניסן - Apr. 11) - זונטאג פ' טהרה (ו' ניסן - Apr. 14)

עס דארף ווערן דעליווערד:

פון וויליאמסבורג צו: 1) וויליאמסבורג 2) בארא פארק 3) פלעטבוש 4) סיגעיט 5) סטעטען איילענד 6) קראונהייטס 7) איסט סייד 8) נייטרא-קאשוי 9) פיסעיק-קליפטאן 10) יוניאן סיטי 11) קאנעטיקוט 12) טשיקאגא 13) קליוולאנד 14) באלטימאר 15) דיטרויט 16) פילאדעלפיא

פון קרית יואל צו: **קרית יואל**

פון מאנסי צו: 1) **מאנסי** 2) **סקווירא**

פון לעיקוואד צו: **לעיקוואד**

פון פייוו טאונס צו: **פייוו טאונס**

פון קווינס צו: **קווינס**

פון מאנטריאל צו: 1) **מאנטריאל** 2) **טאהש**

פון טאראנטא צו: **טאראנטא**

| פרנס אלמנה ויתומים לפסח - קמחא דפסחא | מצות | פלייש | פיש | ווין-גרעיפ דזשוס-ביצים-קארטאפל-עפל וכו', צרכי מזון | סך הכל |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה גדולה ברוכי ילדים | 40 פונט-$1,200.00 | $1,000.00 | $600.00 | $800.00 | $3,600.00 |
| משפחה גדולה | 30 פונט-$900.00 | $750.00 | $350.00 | $500.00 | $2,500.00 |
| משפחה רגילה | 24 פונט-$720.00 | $600.00 | $250.00 | $430.00 | $2,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | 16 פונט-$480.00 | $520.00 | $220.00 | $380.00 | $1,600.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | 12 פונט-$360.00 | $400.00 | $160.00 | $280.00 | $1,200.00 |
| אלמנה ויתום | 10 פונט-$300.00 | $350.00 | $120.00 | $230.00 | $1,000.00 |
| אלמנה | 6 פונט-$180.00 | $260.00 | $100.00 | $180.00 | $720.00 |
| יתום | 3 פונט-$90.00 | $120.00 | $50.00 | $100.00 | $360.00 |

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $156,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |

בעזהי"ת

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קראונהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהורסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהורסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילוועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**
*
יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד
*
יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י .ACH
נא לקרוא
718-782-5349 #2
*
ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495
*
יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י .O.J.C
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה
*
**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**



2024 COLLECTION
IN-STOCK
READY TO DELIVER
IN 48 HOURS
TAKE ADVANTAGE OF OUR
INSTANT
REBATE
PROGRAM
WHERE YOU CAN EARN UP TO
$2,000
*MIN. PURCHASE OF $500
SECTIONALS & SOFAS
#S1250
#RS145
#ST1130
#RS147
$1099
Reg. $1,399
Available in
DINING
#D12217 | $2899
84W x 42D x 30H
extends to 150" w/
three 22" leaves
#D1228
RECLINERS & CHAIRS
#RC153 | $699
Available in
#RC152
Available
in more colors
#RC155
#D12231 | $179
#D12230 | $209
YOM TOV NIGHT HOURS
DAILY 8:30–10:00 PM
LIVIO
furniture
10 Mordche Scher Blvd #001 | Monroe, NY 10950 | 845-721-5730 | liviofurniture@churchillliving.com
Hours: Sunday - Thursday: 11:00am - 6:30pm, Wed. Additional hours 8:30pm - 10:00pm
Special Hours
Before Yom Tov
JUVENILE FURNITURE | BEDROOMS | ACCENT FURNITURE | SOFAS | RECLINERS | DINETTES





dartmedia.us

Extended hours so you can shop when it's convenient for you.

## Finest cuts

Our meat department is fully stocked with the finest cuts of fresh meat all Kosher L'Pesach, ready for your cooking convenience.

**WE DELIVER TO MONROE!**

Order by Phone or online.

*Except on Friday's

# The Kosher HIVE

250 NY-59, Airmont, NY 10901
845-357-9500 . orders@thekosherive.com

Order online: kosherhive.com




# Everything you need and everything you don’t know you need for Pesach at the supermarket you love.

Whether you’re making Pesach for the first time or have been doing it for years, making Pesach shouldn’t be stressful, **shop The Hive for variety and convenience all under one roof.**

והוצאתי

Save on your grocery expenses with competitive, **rock-bottom pricing** on all Pesach basics and beyond.

והצלתי

Grocery shopping should be convenient, avoid sitting in traffic with **convenient shopping routes** away from the center of town.

ולקחתי

**Take the food home.** Our delicious deli department features a full line of tasty takeout options so you can clean and keep everyone fed.

## Avoid the traffic.

A 20-minute drive from the outskirts of KJ, Right off Exit 14B Avoiding the Monsey traffic.

ב"ה

## כשרות אלערט #1

### ביי די לעצטע 'ארמון' ווין פראדוקציע איז

# די פאבריק בכלל נישט גע'כשר'ט געווארן אויף פסח!

די גאנצע ARMON פלענט איז שטרענג אפגעהיטן פון א משהו חמץ דורכאויס דעם גאנצן יאר...
ווי אויך ווערן נישט גענוצט קיין שום 'קאנסענטרעיט' נישט אין די ווייגען אדער גרעיפ דזשוס.

ALLIED WINE CORP, ELLENVILLE, NY

ב"ה

## כשרות אלערט #2

### ביי די לעצטע 'שווארטץ' ווין פראדוקציע זענען

# די טאנקער טראקס נישט געווארן פארזיגלט חותם בתוך חותם!!!

ביי SCHWARTZ ווערט די גאנצע פראצעדור געטון אונטער איין דאך,
פונעם פרישן געהענגל טרויבן ביז דאס פארזיגלטע פלעשל ווין...

ALLIED WINE CORP, ELLENVILLE, NY

ב"ה

## כשרות אלערט #3

### ביי די לעצטע 'ארמון נעטשוראל' ווין פראדוקציע איז

# נישט געווען קיין אויפזיכט אויף די ערלים אז זיי זאלן נישט צורירן צו די ווין!!!

אין די ARMON Natural פלענט זעהט מען נישט קיין פרעמדן פאר די אויגן
דאס גאנצע ארבייט ווערט געטון דורך היימישע אידן יראים ושלמים...

ALLIED WINE CORP, ELLENVILLE, NY

ב"ה

## כשרות אלערט #4

### ביי די לעצטע 'יין' ווין פראדוקציע האט

# מען נישט געווארט קיין 24 שעה פארן כשר'ן די כלים!!!

די גאנצע Yayin פלענט איז שטרענג אפגעהיטן פון א משהו חמץ דורכאויס דעם גאנצן יאר...

ווי אויך: ביי א לעצטערע באזוך דורך לומדי הכולל, האבן די לומדים ערקלערט
אז מיט אזא כשרות סטאנדארד ווערט אינגאנצן בטל די סוגיא פון יין נסך.

ALLIED WINE CORP, ELLENVILLE, NY



מ'פראוועט נישט יו"ט א גאנץ יאר.
דעזיגניר א
פלאץ פאר די
אנגעלייגטע חפצים
1054
dartmedia.us
Flexible Month-to-Month Leases
Climate Controlled Storage Units
24/7 Video Recording and secure access
די לאקאציע איז אונטער היימישע
אנפירערשאפט. בלויז 10 מינוט פון קרית יואל
first month FREE + 40% OFF monthly rent*
cubesmart.com
845.604.3422
52 Commerce Dr Harriman, NY
Right off the Rt 17
CUBESMART self storage
*Restrictions, fees, and taxes may apply. Must present this original coupon at time of rental. Valid only at 52 Commerce Dr Harriman, NY CubeSmart location. Call 800-800-1717 for details.


4 DAYS LEFT
APR. 14
זונטאג ו' ניסן
RUSH
EARLY-BIRD
SALE
20 % OFF
LATE HOURS LATE HOURS LATE HOURS LATE HOURS
WEDNESDAY UNTIL 10 PM
ALL 100% SILK
TISH BAKITCHES,
50 % OFF
G&G
BORO PARK 718.871.7841
WMSBG 718.923.6060
MONSEY 845.352.2702
KIRYAS JOEL 845.782.7720
ALL ITEMS MUST BE PAID IN FULL UPFRONT // NOT TO BE COMBINED WITH ANY OTHER SPECIALS

# אונזער וואסער מישט זיך נישט




## NATURE'S PUREST SPRING WATER

Not all water is bottled equal. At Mayim Chaim, we capture nature's purest spring water right at the source. That's why every glass you fill is full of that natural crisp taste and pure kashrus.

MAYIM® CHAIM

mango 718.635.1673


קיטל של מלכות
BREAK-THROUGH DESIGN!
NEW!
LIGHTWEIGHT KITTEL WITH SHOULDER PADS, SEWN AND FITTED LIKE A BEKISHE.
Available in all bekishe sizes. / 2 beautiful styles each one with or without swarovski stones.
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG: 165 Lee Ave. 718.408. 8822
BORO PARK: 3902 14th Ave. 718.854.7700
MONSEY: 17 Main St. 845.474.8822
MONROE: 7 Garfield Rd 845.250.8700
JERUSALEM: ישא ברכה 48 02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
admarkny.com


pivotgroup.nyc
מכובדיג
קרויס שטריימלעך
נייע
קרית יואל
לאקאציע
17 Garfield Rd.
718.2KRAUSS
572877
SALE 40% OFF
REG $4,500
REG $3,000
REG $2,500
$2,899
$1,799
$1,500
סעיל גייט אן ביז דאנערשטאג פ׳ טהרה (Apr. 19)



בס"ד
עזר לישיבות
סדר
#14
א סדר טיש
מלכות'דיג
$60,000
מאסיווע שטיקער זילבער אין ווערד פון איבער
Signature
$6,500
$23,000
$9,000
$3,600
$2,300
$2,400
$6,000
נעקסטע וואך דאנערשטאג
י' ניסן בחצות הלילה - קענט איר זיין די
גליקלעכע געווינער!
KOS RAFFLE #3 THIS COMING SUNDAY
פארן סכום פון $100 און העכער
גייט איר אריין אין א
וועכנטליכע גורל
אויף א הערליכע זילבערנע כוס של אליה
די גורל וועט פארקומען דאנערשטאג י' ניסן, בחצות הלילה
24 HOUR HOTLINE
845.459.4579 › SEDERRAFFLE.COM
1 פאר $36
5 פאר $54
10X פאר $72
20 פאר $100
40 פאר $180
100 פאר $360
OUR SPONSORS
arrive EXPRESS 845.622.1111
CARE 365 1 MAIN STREET • MONSEY, N.Y. 10952 ON THE CORNER OF ROUTE 59 & 306 845-371-7200 | WWW.CARE365.COM
Ark Mortgage Shloimy Tauber 845.503.3552 stauber@arkmortgage.com
TPH 718.963.3350
RIDGE FRAMERS 845.603.7263 Office@RidgeFramers.com
AFFORDABLE 845.371.4477
kids first Labeled for Greatness 845.425.2299


INTRODUCING
PESACH 2024
Gemstone
COLLECTION
admarkny.com
STAY TUNED FOR OUR ENTIRE
COLLECTION OF MAJESTIC 2024 DESIGNS!
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG:
165 Lee Ave.
718.408. 8822
BORO PARK:
3902 14th Ave.
718.854.7700
MONSEY:
17 Main St.
845.474.8822
MONROE:
7 Garfield Rd.
845.250.8700
JERUSALEM:
ישא ברכה 48
02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM



INNOVATIVE MALCHUS
FEATURING THE NEWEST KA'ARAH.
ALL THE BEAUTY WITHOUT
CRACKING YOUR MATZOS.
MATCHING HAGGADAH TO EVERY SET
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG: 165 Lee Ave. 718.408.8822
BORO PARK: 3902 14th Ave. 718.854.7700
MONSEY: 17 Main St. 845.474.8822
MONROE: 7 Garfield Rd. 845.250.8700
JERUSALEM: ישא ברכה 48 02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM
admarkny.com

חלוקה גדולה
פסח תשפ"ד

45% פראצענט טשעקס איז שוין געווארן ארויסגעשיקט!

און א גרויסער טייל שוין דעפאזיט..

ריזיגע סכומים דארף נאך ווערן געשאפן!

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

קופת הקהלה
קופת הצדקה לנצרכי הקהלה בפיקוחו של
הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

מנדב צו זיין פאר אייערע קרובים רופט:

מוה"ר פישל פריינד הי"ו
845.248.9930

מוה"ר אברהם חיים גאלדמאן הי"ו
845.248.3092


NEW
100% FINE MERINO WOOL
A WHITER WHITE
STAIN RESISTANT - PRISTINE WHITE WOOL
MEGA SALE!
ON ALL TZITZIS AND TALLEISIM.
VK
מלכות
MALCHUS
FINE JUDAICA
WILLIAMSBURG: 165 Lee Ave. 718.408. 8822
BORO PARK: 3902 14th Ave. 718.854.7700
MONSEY: 17 Main St. 845.474.8822
MONROE: 7 Garfield Rd. 845.250.8700
JERUSALEM: ישא ברכה 48 02-5400011
WWW.MALCHUTJUDAICA.COM

חלוקה גדולה
פסח תשפ"ד

איר דארפט נישט זוכן קיין סגולות...

זייט זוכה צו אלע השפעות פסח איבערנאכט!!!

דער הייליגער רבי זי"ע זאגט...
אשר אם השתדל האדם לפני הפסח שיהיו לעניים כל צרכי החג במאכל ומשתה ובגדים, הרי מאחר שבערב פסח עשה פעלים אשר כל דכפין ייתי וייכול, הוא זוכה מן השמים, אשר כל דצריך, כל משאלות לבבו שהוא צריך אליהם והוא רוצה בהם, ייתי ויפסח, יכול להביא ההשפעה עליו בתפלתו בליל התקדש של חג הפסח...

הגדה של פסח דברי יואל

פארזיכערט היינט צרכי החג מיט הרחבה פאר אנ"ש, אייערע ידידים און קרובים

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

קופת הקהלה

קופת הצדקה לנצרכי הקהלה בפיקוחו של
הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

מנדב צו זיין פאר אייערע קרובים רופט:

מוה"ר פישל פריינד הי"ו
845.248.9930

מוה"ר אברהם חיים גאלדמאן הי"ו
845.248.3092



# הכולל הזה, לכם ראש


צורכי החג פאר די לומדי העיר
איז אונזער שפיץ פסח-צוועק
כולל סאטמאר קרית יואל איז
דער שפיץ פון די אלוועלטליכע
כוללים מיט איר אויסטערלישע
באגלייטונג און הגברת כח התורה
חודש ניסן איז דער שפיץ פונעם
יאר פאר די געטרייע הנהלה, מיט
פאנטאסטישע הוצאות פאר די
חלוקות למען לומדי התורה.
$1,000
צו
דעקן
איין
תלמיד
חכם!
כולל
יומא
טבא
לרבנן
לאמיר זיי מאכן דעם יו"ט!
תמיכת הוספה ליו"ט
$250
אויסלייזן א טשעק
$500
צורכי החג לת"ח
$1,000
רופט יעצט הר"ר אברהם שלום הכהן שווארץ הי"ו, מנכ"ל
אפיס 845.783.2599 #102 סעל. 845.537.0767

# זמנים

## פרשת טהרה

**מוצ"ש תזריע**
12:00 - 10:00

**זונטאג**
10:00 - 10:00

**מאנטאג - דינסטאג**
5:00 - 12:00

**מאנטאג - דינסטאג ביינאכט**
10:00 - 8:00

די מצה
בעקערײ
וועט זיין
אפן ווי
פאלגענד:

**דעדליין פון פארקויפן איז דינסטאג בעפאר פסח,**
**וואס פריער איר קומט האט איר א גרעסערע אויסוואל**

בית האופה דקהל יטב לב קרית יואל
סאטמאר מצות

25 Larkin Drive · Monroe, NY 10950 · T: 845.783.2590 · F: 845.388.1206



Our
Mega Pesach
Sale Booklet
is here!
Find it in the
Balabusta
or Pickup
your copy
In store
One on One
Personalized Savings
Personalized Service
all in one
Major Appliances
& Electronics
1 LEMBERG CT. #003
845.774.2433


בס"ד
גנוויננו!
זכותים לנצח
נצחים
בזכות'ן שטיצן
אונזערע מוסדות
$30,000
שליסט אייך אן מיט $600
און גייט אריין אין א גורל אויף א
פראכטפולע סעט
זילבער שטיק
אין ווערד פון איבער


CROWN
STERLING
Tagline | 845.824.1600
גראנדיעזער זילבער
גורל קומט פאר
זונטאג י"ג ניסן
כוס של אליהו גורל קומט פאר
דאנערשטאג
י' ניסן
ראשון הוא
זמן חרותינו
תשפ"ד לפ"ק
אונזערע קינדער קומען ערשט
אונזערע מוסדות קומען ערשט
מיינע קינדער קומען ערשט
אונזערע כלי קודש קומען ערשט
ראשון הוא!
עלטערן איינגעשפאנט
$600 פאר די מוסדות
און גייט אריין אין א גורל אויף: פראכטפולע זילבערווערק פאר אייער סדר טיש!
24 שעה אויטאמאטישע נדבה ליין 845.378.4321
אפיס 845.782.8800 #312 | הר"ר ארי אייזנבערג הי"ו 845.637.9434


ישיבה גדולה
ישיבה גדולה
תורה ויראה דרבינו יואל
ד'סאטמאר
נתייסדה ע"י מרן
רבינו הקדוש זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן
אדמו"ר שליט"א

# גורל

# אַלע עלטערן שליסן זיך אָן
מיט'ן אחריות פאַר די אויגן צו העלפן
אויסצאָלן די מרביצי תורה
רמ"י ישיבתינו הק'

מעגל השנה

$1,200
איפ'ן חשבון פון אייער
שכר לימוד

פאַר יעדע הוספה פון
$250
באקומט איר נאך
א שאנס אין גורל

רופט אריין אין אפיס:
718-782-7070 #121/105
מיט אייער פעימענט אינפארמאציע

פּרעכטיגע, מאַיעסטעטישע
## זילבער שטיק
פאַר אַלע ימים טובים
במשך דעם גאַנצן מעגל השנה
אָדער די אָפּציע צו געווינען
**$8,000 דאָלער**

כולנו יודעים! כולנו נבונים!

## אלע עלטערן פאַרשטייען דעם אחריות
- די הנהלת הישיבה פלאָגט זיך אַגאַנץ יאָר צו דעקן די הוצאות אדירות פאַר'ן העכסטן תכלית התלמידים
- דער יסוד הצלחת ישיבתינו הק' איז אין דעם וואָס די מרביצי תורה באַקומען ב"ה "באצאלט אין צייט"
- דער פונדאַמענט פונעם בודזשעט והשלמת הכלי קודש איז "שכר לימוד" וואָס די געטרייע עלטערן צאָלן

הונדערטער תושבי העיר האבן שוין באקומען | נאך פילע זענען אויפן וועג:

# 45 פראצענט טשעקלעך זענען שוין געווארן ארויסגעשיקט; די איבריגע ווארטן אויף דעקונג!

## מיר אנ"ש דארפן דאס דעקן!

קרית יואל וועט דעקן דעם בודזשעט פון "קופת הקהלה" און אריינברענגען א שמחת יום טוב פאר די משפחות הנצרכים

כל דצריך ייתי ויפסח:

מיר ווילן דאס נאר קענען באווייזן ווען

## יעדער וועט צושטייער געבן!

"קופת הקהלה" וועט פארטיילן נאנט צו פינף הונדערט אלפים פאר משפחות הנצרכים וברוכות ילדים דאהי אין שטאט

טשעקלעך זענען אויך אינפלאצירט געווארן היי יאר:

"קופת הקהלה" דארף היי יאר דעקן מיט א צוויי הונדערט פופציג טויזענט דאלאר מער!

## קרית יואל וועט דאס באווייזן!

עם קומט יום טוב! פאר אלעמען! גיבט אפ אייער ווארעמע נתינה היינט פאר די עסקנים און גבאים פון קופת הקהלה

עם איז אונזער קופה | עם איז אונזער קהילה:

וועט דער שכן אויך האבן?
וועט דער קרוב אויך האבן?
וועט דער חבר אויך האבן?

## קופת הקהלה זארגט פאר זיי!

מיט אייער נדבה ווילן זיי אלע זיין ווי קעניגן ביים סדר נאכט!

מיר ענפערן א הילכיגער "ניין!"
צום ענטפער "ניין!"

# מיר האבן די עקאנאמיע אין דער ערד!

# "כל דצריך" יעדער וואס ברויך - קריגט!

מיט גרויס עקסטאז און אייפער טוען תושבי קרית יואל אויפנעמען די געוואלדיגע און גינסטיגע בשורה טובה אז דעם יאר ווילן אלע תושבי העיר, בלי שום יוצא מן הכלל, האבן די געלעגנהייט צו פראווען דעם הייליגן סדר נאכט ווי מלכים, א דאנק די שטארקע תמיכה וואס קופת הקהלה טוט זיי צושטעלן.

אזוי ווי די פארגאנגענע זיבן יאר, האט מען היי יאר פארטיילט די טשעקלעך גענוג פרי, כדי אז די משפחות הנצרכים וברוכות ילדים זאלן האבן די געלעגנהייט צו נוצן דאס געלט ווען זיי דארפן עס דאס מערסטע. עס איז נישט צום באשרייבן די געוואלדיגע שמחה און עונג יו"ט וואס דער ברייטער טשעקל פון קופת הקהלה טוט אריינבלאזן אין די וועלכע געניסן דערפון.

טראץ די אומסטאבילע עקאנאמיע, און טראץ די טרייסלענדע פינאנציעלע תקופה, טוען תושבי קרית יואל זיך נישט אפשטעלן, נאר ברענגען דאס געלט אל בית האוצר, פון וואו עס וועט ארויסגיין און פארטיילט ווערן פארן ברייטן ציבור הנצרכים. היי יאר, נאכן רוף פון אלע דייני קהילתנו הק' האט זיך דער עולם אנגערופן פילפאכיג שטערקער, און מען האט ב"ה באוויזן צאמצושטעלן גרויסע ציפערן פאר די נויטבאדערפטיגע פאמיליעס דא אין שטאט.

די געוואלדיגע זכותים וואס מען קויפט זיך איין דורכ'ן שטיצן די קופת הקהלה זענען נישט צום באגרייפן, אשרינו שזכינו צו אנטיילנעמען אין דעם הייליגן צדקה אפעראציע, און אריינברענגען א שמחה ועונג יו"ט פאר אלע פאמיליעס.

## 'קופת הקהלה' די קופה פון ק"ק קרית יואל!

אונטער די פערזענליכע באגלייטונג פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א


בס"ד
גראנדיעזער זילבער גורל קומט פאר
זונטאג י"ג ניסן
כוס של אליהו גורל קומט פאר
דאנערשטאג י' ניסן
שִׁשָּׁה מִי יוֹדֵעַ?
בעבור זה: ראשון הוא!
ששה אנו יודעים!
זעקס הונדערט דאלאר פאר די מוסדות
אומצאליגע פארדינסטן ברוחניות ובגשמיות!
Tagline | 845.824.1600
ראשון הוא
זמן חרותינו תשפ"ד לפ"ק
אונזערע קינדער קומען ערשט
אונזערע מוסדות קומען ערשט
מיינע קינדער קומען ערשט
אונזערע כלי קודש קומען ערשט
ראשון הוא!
עלטערן איינגעשפאנט
$600 פאר די מוסדות
24 שעה אויטאמאטישע נדבה ליין 845.378.4321
אפיס 845.782.8800 #312 | הר"ר ארי אייזנבערג הי"ו 845.637.9434



לְכָל הָאֹתֹת אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁ"ה
המון ברכות • לעמוד העסקנות
מלא מדע, מלא חכמה, מלא כשרון, מלא עצה וגבורה
איש האשכולות • עושה גדולות • פועל גבורות • אדיר הפעולות
הרב
משה אלי' ווייסמאנדל
שליט"א
עמוד העסקנות
של מבצרינו הכביר מוסדות קרית יואל
שמחת הבר מצוה
של בנו יקירו למזל טוב
כמר יעקב יצחק נ"י
מוזגים כוס ואומרים עליו את ההלל • כוס של אליהו!!
בעצתו • בחכמתו • בגבורתו • בעסקנותו • בהתמסרותו • בנאמנותו • בחריצתו
בכולם אין כדומהו!
להגביר כוחינו • להרחיב גבולינו • להאדיר מבצרינו
ולהרחיב את גבולי הקדושה של מוסדותינו הק' ביתר שאת וביתר עז
הכל עשה ועושה ומעשה בסבר פנים יפות, בעתו ובזמנו יומם ולילה, בלתי לה' לבדו!
אשריך ר' משה אליהו, כי אתנו "יחד" נגדה לה'!
הנהלת המוסדות
ממשה עד משה
משה אלי' עסטרייכער מנב"ל
מוסדות סאטמאר קרית יואל


בס"ד
גראנדיעזער זילבער
גורל קומט פאר
זונטאג י"ג ניסן
כוס של אליהו גורל קומט פאר
דאנערשטאג
י' ניסן
דְּזַבִּין
אַבָּא
בְּשֵׁש
מֵאוֹת
זוּזֵי
אלע עלטערן
זענען זיך משתתף מיט
זעקס
מאות
פאר די מוסדות
בעבור
זה:
ראשון
הוא!
אדער
לכה"פ
דריי
הונדערט
זעכציג
דאלאר
מיינע
קינדער
און מוסדות
קומען
ערשט!
Tagline | 845.824.1600
ראשון
הוא
זמן חרותינו
תשפ"ד לפ"ק
אונזערע קינדער קומען ערשט
אונזערע מוסדות קומען ערשט
מיינע קינדער קומען ערשט
אונזערע כלי קודש קומען ערשט
ראשון הוא!
עלטערן איינגעשפאנט
$600 פאר די מוסדות
24 שעה אויטאמאטישע נדבה ליין 845.378.4321
אפיס 845.782.8800 #312 | הר"ר ארי אייזנבערג הי"ו 845.637.9434

וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר:

# העכער 10,000 סאַטמאַרער עלטערן כ"י פון ניו יאָרק און ניו זשערסי און קאנאדע דערציטערט און הייס אַנטשלאָסן פאַר'ן עתיד דורותיהם ביי ריינדער "לייוו קאָנפערענץ"

## פאַררופן על פי פקודת הקודש פונעם מנהיג העדה עמוד האש ההולך לפני מחנה ישראל כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

קלאָרע און שטאַרקע דרשות פון מנהלים רוחניים איבער דעם חובת השעה און דעם אחריות וואָס ברענט אויף די עלטערן צו פאַרזיכערן דעם עתיד דורותיהם

קוֹמִים קְהַל עֲדַת מִי מָנָה:

"שליחות הקודש" פון כ"ק מרן רבינו שליט"א פאַר טויזנטער טאַטעס און מאַמעס איבערגעגעבן אין קורצע האַרציגע דיבורים פון בנו הגה"צ רבי יואל שליט"א

שטייענדיג אינעם זמן מסוגל ערב ראש חודש ניסן:

התרגשות'דיגע טרערן גיסן זיך פון געטרייע עלטערן ביים אויסזאָגן אינאיינעם הייליגן "תפלת השל"ה" מיט הייסע תפלות צו קענען מחנך זיין די דורות בדרך ישראל סבא!

ניו יאָרק. – א ברען און א פייער איז געוואָרן אנגעצינדן אין די הערצער פון די טויזנטער סאטמארער עלטערן די בכל אתר ואתר, ווען זיי האבן דעם פארלאפענעם זונטאג אווענט, ביי אן ערשטמאליגער קאנפערענץ וואס האט צוזאמגענומען די עלטערן פון "אלע סאטמארער ישיבות ומוסדות" פון גאנץ ניו יאָרק און ניו זשערסי און קאנאדע, געהערט און אויפגעציטערט געוואָרן איבער דעם עתיד פון זייערע דורות, צו פארשטיין קריטיש-וויכטיגע יסודות פאר זייער ריינעם חינוך צו קענען אויפוואַקסן מיט יראת ה'.

אָט דער קאנפערענץ, מיט די באטייליגונג פון העכער צען טויזנט סאטמארער טאַטעס און מאמעס כ"י האט אפגעשפיגלט א ריכטיגער "ליל שימורים לדורותיכם", א נאכט וואס די עלטערן האבן אוועקגעגעבן מיט'ן גרעסטן מאָס ערנסטקייט, מיט א הייסן רצון, גרייט צו טון אַלעס אויף דער וועלט צו טון צו ערגרייכן דעם ציל פון "מגדל זיין ערליכע דורות"!

ונתקדש שם שמים ברבים, ווען ווידעראמאל האָט זיך אַרויסגעצייגט די חומה אדירה וואָס ק"ק סאטמאר פארמאגט בעז"ה, מיט א רבבה הייליגע עלטערן וואָס זענען הייס אַנטשלאָסן אויסצופאָלגן יעדע תקנה און מיטשטיין מיט יעדן סייג וואָס פאָדערט זיך פאַר'ן תכלית און קדושה פון זייערע טייערע קינדער!

די טאַטעס ווילן הערן. די מאַמעס ווילן פאַרשטיין. און די צוויי געטרייע "שותפים באדם" זענען פאַראייניגט בדעה ובעצה אחת צו טון בלויז דעם רצון פונעם גרויסן דריטן שותף, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא. די עלטערן ווילן טון. זיי ווילן אויספירן. אלעס וואָס פעלט זיך אויס פאַר די קדושה פון זייערע הייליגע דורות!

און ווי נאָר זיי הערן, ווי נאָר דער וויי-געשריי ווערט געברענגט צו זייערע אויערן, שרייען זיי מיט איין פאַראייניגטע שטימע – ווי אונזערע הייליגע זיידעס און באַבעס בזמן מתן תורה טויזנטער יאָרן צוריק – "נעשה ונשמע"!

און זיי זענען גרייט, צו פאַרשטאַרקן די גדרים, צו פאַרפאַנצערן אונזערע מויערן, נאָך אַסאַך שטאַרקער ווי

## שטעלט אַראָפּ אַ פּאַראייניגטער פראָנט למען קיום תקנת הקודש פון רבינו שליט"א למען טהרת הדורות אינערהאַלב "אַלע" חינוך-אימפּעריעס פון ממלכת סאַטמאַר

### תלמוד תורה • ישיבה גדולה • ישיבות קטנות • בית רחל • בית אסתר

### אין אַלע שטעט לענגאוים ניו יארק און ניו זשערסי און קאנאדע

וויליאמסבורג • קרית יואל • בארא פארק • מאנסי • קרית יטב לב • לעיקוואוד • מאנטריאל

# קיין שום סאטמארער תלמיד אָדער תלמידה קען נישט האָבן קיין שום צוטריט צו קיין שום סאָרט סענסא-עם.פּי.טרי. דעוויס, נישט אין טאַש | נישט אין שטוב | נישט קיין פּריוואַטע כלי | און נישט קיין משפחה דעוויס!

### נאָר בלויז מיט דעם באַשטעטיגטן "ועד משמרת" שטעמפּל, דער אויסשליסליכער "מוכשר" ועד משמרת זיגל אדער "מוכשר" ועד הקהלות זיגל וואָס באַשטעטיגט אַז עס איז ריין און כשר צו ווערן אַריינגענומען אין אַן ערליכע סאַטמאַרער שטוב

בעפאָר. ווייל זיי געטרויען די געטרייע עומדים על הפקודים די מנהלים רוחניים, זיי זענען נכנע לקול קריאת הקודש פון מנהיג העדה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וסרים למשמעתו, זיי ווייסן אַז יעדע תקנה פון רבי'ן איז בלויז די טובה פון זייערע דורות, און זיי ווילן נאָר איין זאַך, עררייכן זייער לעבנס-וואונטש, מגדל זיין ערליכע קינדער, לעכטיגע דורות, מאירים את העולם בתורה ובמעשים טובים!

### נאָכפאָלגנדיג די היסטאָרישע "נאספים" אסיפה: מ'גייט מער נישט שווייגן!

דער קאָנפערענץ פאר די עלטערן, האט נאכגעפאלגט א ריי פון אסיפות, קלענערע און גרעסערע, מיט העפטיגע פעולות וואס זענען פארגעקומען 'הינטער די קוליסן' דורכאויס די פארלאפענע חדשים, צווישן די מחנכים און מנהלים רוחניים פון אלע סאטמארער ישיבות ומוסדות התורה והחינוך, מיט'ן קלימאקס פון דער היסטאָרישער "נאספים" אסיפה, מיט עטליכע וואָכן צוריק, מיט דער באַטייליגונג פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

ס'זענען אַלע מנהלים רוחניים געקומען צו דעם זעלבן באַשלוס, אַז ס'איז א צייט וואס מ'קען מער נישט שווייגן. מ'קען נישט שטיין גלייכגילטיג. ווייל דער שטן האָט זיך פאַרלייגט אויף דאָס הייליגסטע; ער וויל פוגע זיין בקדושתן פון די הייליגסטע אוצרות וואס מיר פארמאגן, חלילה וחס, דורכ'ן אַריינשלייכן צו זיי אין די קעשענעס אַזוינע דעווייסעס וואָס קענען זיי אַוועקלייגן אויף אייביג, ה' ירחם!

### דעווייסעס קליין און אומשולדיג, אָבער שעדליכע מאָנסטערן!

קליין און אומשולדיג קוקן זיי אויס, די עם-פּי-טרי, סענסא, דעווייסעס, אָבער וואָס דאָרט קען זיך אַלץ דורכדרייען זאָל דער איינציגער טאַטע אין הימל באַהיטן. ווי א טאג שפּעטער זענען די דעווייסעס געווארן מער פאָרגעשריטן, און אויסגעשטאַט מיט קאָליר-סקרינס און אַלע סאָרט ווי-פּיי און בלו-טוט פארבינדונגס-מעגליכקייטן, ר"ל.

די מנהלים האָבן צוגעקוקט און פשוט געוויינט, ווי וואוילע בחורים, איידעלע יונגלעך און תמימות'דיגע מיידלעך, זענען "באגליקט געווארן" מיט דאָס אַרגסטע מאַטריאַל, דורך די שיקערייען פון איין סענסא צו דער צווייטער, צי דורך בלו-טוט פאַרבינדונגען, און ס'האָט זיי איינפאַך אַוועקגעלייגט זייער תמימות, זייער רוחניות, זייער איידלקייט, ה' ירחם.

ווען טאַטעס און מאַמעס האָבן געהערט וואָס אַ שעדליכע מאָנסטערן האָבן זיך געדרייט ביי זייערע קינדער אין די קעשענעס, און וואָס אַלץ זיך אָנצוזען און זיך אָנצוהערן איז געווען ביי זיי בהישג יד, האָבן זיי נעבעך פאַר צער געריסן די האָר פון קאָפּ.

אָבער וויפיל מ'האָט גערעדט, וויפיל מ'האט מעורר געווען, האָבן רוב עלטערן נישט תופס געווען עד היכן הדברים מגיעים. מ'האט זיך נישט געכאַפּט פון וואָס אַ צרה מ'רעדט דאָ. געמיינט האָט מען אַז דאָס דינט ריין פאַר דרשות און שובבי"ם-טעיפּס, און צומאָל אפשר אַ סקולענער ניגון... מ'האָט נישט געוואָלט גלייבן אַז דאָ האַנדלט זיך פון חמורות שבחמורות.

### דער פונקט פון אַנטשלאָסנקייט: די אומקאָנטראָלירטע תקופה איז טייל פונעם עבר!

ס'איז געקומען צו אַ פּונקט וואָס די מנהלים האבן איינגעזען, בהתייעצות הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, אז מ'מוז זיך צונויפנעמען מיט א פאראייניגטן כח, שטעלן אַ פייערדיגער מויער, אראפּשטעלן אַן איינהייטליכע אַנטשלאָסנקייט, מיט קלארע תקנות, פאַר "אַלע" אָפּטיילונג פון מוסדות וישיבות סאַטמאַר, אַז "אַלע עלטערן" אָן אויסנאַם זאלן וויסן קליפ און קלאָר: די תקופה פון הפקירות אין די סענסא-כלים איז געענדיגט!

פונקט ווי יעדער אידישער טאטע אויף די גאנצע וועלט פארשטייט היינט, אז ער וועט זיין קינד נישט געבן אין די האנט קיין צוטריט צו אינטערנעט, אפילו מ'זאָל אים וואַרפן אין פייער אַריין, גענוי אַזוי ווי ער וועט נישט אָפּבריען זיין קינד'ס האַנט מיט הייסע בליי, אָט אַזוי מוז מען – מחמת דעם אַבסאָלוטן הכרח – מהיום והלאה פאַרשטיין, אַז אַן אומקאָנטראָלירטע סענסא-דעווייס איז פייער! נוקלעאַר! נישטאָ אַזאַ זאַך מער!

דאָס האָט מען קלאָר

אונטערגעשטראָכן בהתאסף אלע מנהלים רוחניים, די רוחניות'דיגע גענעראַלן לימינו פונעם שר צבא ישראל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א מיט עטליכע וואכן צוריק ביי דער אסיפת "נאספים", און דאס האט מען אצינד איבערגעגעבן דירעקט פאַר די הורים יקרים ביי דער אויסנאַמליכער "לייוו טעל קאנפערענץ" וואס איז פאררופן געווארן פון איין מינוט אויף דער אַנדערער, אָבער בליץ-שנעל צונויפגענומען אַ רבבה הייליגע עלטערן, מיט א נעשה ונשמע'דיגן געפיל.

## אַ דורכברוך ווערט באוויזן: כשר'ע סענסא-כלים מיט אַ "מוכשר" הכשר-שטעמפּל!

אָבער, מ'האט זיך נישט אפּגעשטעלט בלויז ביים "סור מרע", אָפּצושטעלן די בלוטיגונג, נאר מ'האט געטון פּאקטישע און פּראקטישע שריט צוצושטעלן כשר'ע אָלטערנאַטיוון וואָס די קינדער און בחורים, די עלטערן אין די שטיבער, זאלן קענען באַניצן אָן קיין זאָרג פון "טעיפּס" צו "סידיס". ס'איז בסייעתא דשמיא.

דאָס איז אַמאָל קלאָר און פאַרשטענדליך, אַז די וועלט פון הערן רעקאָרדירונגען איז אַריבער פון "סידיס" צו עם.פּי.טרי. דעווייסעס, פּונקט ווי ס'איז בשעתו אַריבער

ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף

# שליחות הקודש • תקנה הקבוע

## שהשמיע הגה"צ רבי יואל טייטלבוים שליט"א בפקודת כ"ק מרן רבינו שליט"א

בשליחות פונעם טאטן זאל זיין געזונט וועל איך זאגן אפּאר דיבורים.

שטייען מיר ערב ראש חודש מען גרייט זיך אריינצוגיין אינעם גרויסן חודש ניסן. מען האט נעכטן געזאגט ביי מוסף הנם ימים המבורכים.

עס קומען די געבענטשע טעג מען זאגט ווייטער "יורה ומלקוש בעלם פורחים" די כוח און די השפעה פון די רעגן במשך די ווינטער קומען ארויס אין די בליענדיגע פירות, "כח תת ברביבים רכים" אריינציגעבן דעם כוח און די יונגע פירות אונזערע קינדער דאס זענען די ריטיגע פירות די חשובע בחורים די טייערע אינגלעך די איידעלע אידישע טעכטער די בנות ישראל הכשירות.

נאך א לאנגע ווינטער זמן וואס מען האט אין די מוסדות און אין די שטובער אריינגעלייגט השפעות חינוך פון תורה יראת שמים מדות טובות קדושה וטהרה, יעצט און די בין הזמנים טעג בליען די פירות פון די כוחות פונעם גאנצן ווינטער.

יעצט ווען עס קומט די געבענטשע טעג אין די קינדער וועלן זיין אסאך אינדערהיים, דארף מען זיך מתבונן זיין און מאכן די ריכטיגע שמירה אזוי ווי מען האט געליינט שבת ביי די פרשה פון קרבן פסח "ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף".

עטליכע וואכן צוריק ביי פרשת ויקהל איז געווען אן אסיפה פון די מנהלים, האט די טאטע זאל זיין געזונט ארויסגעברענגט אז פונקט אזוי ווי יעדער פארשטייט אז ווען עס איז נוגע פאר כשרות המאכלים אז מען טאר נישט עסן אן א גוטען הכשר איז ביי די ענין פוון טעכנאלאגיע איז אסאך מער אז מען דארף קובע זיין אז עס זאל האבן א ריכטיגער הכשר!

די נקודה וואס מען רעדט יעצט בפרטוית איז בנוגע די כלים וואס עס זענען געמאכט צי הערן, וואס אן א הכשר האט עס שוין ביז יעצט געברענגט גרויסע שווערע מכשלות, אזוי ווי מען האט שוין פריער געהערט!

ב"ה די הנהלה האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות מיט אסאך יגיעה מיט מחשבה אהערצושטעלן כלים מיט א הכשר מיטן נאמען "מוכשר".

מ'דארף דערמאנען אז אפילו אזוי דארף מען וויסן אז מען דארף האלטן א עינא פקיחא עס איז נישט געזונט ברוחניות אז קינדער זאלן זיך צוגעוויינען צי הערן כסדר פארשידענע זאכן אזוי ווי מוזיק וכדומה, אפילו זאכן וואס הייסט כשר'ע זאכן.

אבער בכל אופן, עכ"פ וואס מען האט, זאל נאר זיין מיטן זיגל פון 'מוכשר' און 'וועד הקהילות".

**דאס געב איך דא איבער בשם דעם טאטען זאל זיין געזונט אז ער בעט און פאדערט אויף פון אלע עלטערן אז מען זאל זיך צושטעלן און אויספאלגן די תקנה אז מען זאל נאר האבן און ניצן כלים אויף צו הערן, נאר בלויז מיט'ן חותם פון 'מוכשר' צוזאמען מיט'ן 'וועד הקהילות'**

**דאס איז בנוגע כלים אויף צו הערן, וואס איז נוגע אלע תלמידים און אלע תלמידות פון אונזערע מוסדות הקדושים און די ישיבות און בתי חינוך פון איבעראל.**

די זעלבע איז אויך לגבי אנדערע זאכן אזוי ווי טעלעפאנען און קעמראס, האט מען פאריאר צאמגעשטעלט א וועד הקהילות מיט די אנדערע גרעסערע קהילות ציצושטעלן כלים וואס ווערן לכתחילה געמאכט כשר פאר ערליכע אידן.

מען האפט אז בקרוב קומען ארויס וועלן זיין צי באקומען אלע כלים מיט א כשרות זיגל אזוי וועט זיין א מציאות אז א ערליכע אידישע שטוב נעמט מען נאר אריין יעדע סארט כלי נאר מיט א הכשר.

אז מען רעדט פון שמירה ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף איז כדי איבער גיין בקיצור נמרץ די זאכן וואס די מחנכים לערנן מיט די קינדער במשך די ווינטער סיי ביי די אינגלעך און סיי ביי די מיידלעך וואו עס איז די פראגראמען פון "אורות לדורות" און "חומותיך", און ס'איז וויכטיג ארויסצוברענגען אפאר וויכטיגע זאכן בקיצור נמרץ.

**עס איז נוגע א גאנץ יאר און נאך מער בין הזמנים די תקנה אז קיין שום תלמיד אדער א תלמידה זאל נישט האבן קיין אייגענע סעלפאון, און אזוי אויך זאל מען זיך נישט באנוצן בקביעות מיט דעם וואס ווערט אנגערופן די 'משפחה טעלעפאן'.**

און אוודאי אויף קיין שום וועג נישט האבן קיין שייכות מיט קיין טעקסט מעסעדזשעס.

אזוי אויך דארף מען שטארק אבאכט געבן עס איז דא היינט דא פארשידענע 'האט ליינס' וואס עס זענען פול מיט דיעות נפסדות און גויאישקייטן אין נישט ערליכע השקפות וואס איז א סתירה צו אונזער חינוך און צו די גאנצע מסורה. **מען האט נישט קיין אנונג וויפיל גיפט און ליצנות די קינדער קענען זיך צאמהערן אויף די ליינס. דארף מען האבן א שמירה אויף דעם.**

אויך דארף מען וויסן אז עס מאכט זיך ביי בחורים ביי די מיידלעך אז מען שטעלט זיך צוזאם 'קאנפרענס ליינס', עס האט שוין ליידער געברענגט אסאך פראבלעמען. עס קומען ארויף פאַרדאָרבענע מענטשן און קענען אריינברענגען די קינדער לידי סכנה. דארף מען שטיין שטארק על המשמר אויף דעם..

**מען דארף וויסן אז די קינדער לערנט מען אויס אז מען דארפן שטיין ווייט און נישט צוצורירן צו קיין קאָמפיוטער. דארף מען אוודאי האבן א שטארקע שמירה אויף די קינדער זיי זאלן בשום אופן נישט אריינגיין אין קיין קיאסקן, בשום פנים ואופן. עס איז א שרעקליכע סכנה אפילו מיט'ן בעסטן פילטער!**

**אויך דארף מען דארמאנען וואס דער טאטע זאל זיין געזונט האט מעורר געווען דעם ווינטער אויף די טריפה'נע מאגאזינען, די ענגלישע און אפילו אויף די אידישע שפראך, ובפרט ווי עמי, משפחה וכדומה. עס איז פול מיט ציונות און גוי'אישע טומאה וואס די גאנצע השקפה דארט איז פארקערט ווי די קינדער באקומען אין מוסד און אין שטוב.**

מען האט אריינגעלייגט אסאך כוחות אויסצורוימען די מאגאזינען פון די געשעפטן. דארף מען האבן די ריכטיגע שמירה פון דעם. ס'זאל זיין א בחינה פון "ושומר נפשו ירחק מהם".

דער רבוש"ע זאל העלפן, דער טאטע האט געוואונטשן, אז אין דעם זכות וואס מיר מאכן די ריכטיגע שמירה און מען איז מבער די חמץ פון אונזערע שטובער זאל מען זוכה זיין צו זען נחת דקדושה מיט הרחבת הדעת, ערליכע אידישע דורות אויפ'ן ערליכן וועג. מען זאל ניצול ווערן פונעם גזירות החינוך און מען זאל נאך זוכה זיין דאס יאר מקריב צו זיין די קרבן פסח ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים.

מיר זאלן אלע בקרוב זוכה זיין צו גיין בנערינו ובזקינינו לקראת משיח צדקנו מיט'ן טאטן זאל זיין געזונט בראשינו, במהרה בימינו אמן.

עפּעס וואָס מ'לעבט דערמיט, און ס'איז דעריבער עפּעס וואָס מ'דאַרף אַוועקשטעלן אויף אַן אופן ס'זאָל קענען גענוצט ווערן באופן המותר.

מיט מורא'דיגע סייעתא דשמיא, און מיט א געוואלד כוחות, וואָס די עסקנים החשובים און די מנהלים רוחניים האָבן אינוועסטירט, מיט די קלאָרע הדרכות פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א על כל צעד ושעל, איז ב"ה געלונגען אַהערצושטעלן אַ פולשטענדיגער אָלטערנאַטיווו!

מ'איז געזעסן מיט אלע היימישע פאַבריצירער און סוחרים פון די סאָרט דעווייסעס, און מ'האָט געגעבן אַ קלאָרע ריי פון אָנווייזונגען, באַשטעטיגט דורכ'ן ועד משמרת, וואס די כלים מעגן אנטהאלטן און וואָס נישט, און נאָר בלויז דאָס וועט קענען ערלויבט ווערן צו ניצן מהיום והלאה פאַר די הייליגע תינוקות של בית רבן, בחורי חמד און בנות ישראל הכשרות.

## פון היינט און ווייטער: בלויז מיט'ן זיגל, קען מען זיין רואיג בעז"ה!

אַ ספּעציעלער זיגל איז ערפינדן געוואָרן, אונטער'ן סלאָגאַן פון "מוכשר" וואָס דאָס איז דער כשרות-שטעמפּל צו וויסן אז ס'איז אויסגעהאלטן אויף הונדערט פראצענט.

עס דארף געזאגט ווערן לשבח פון די חשוב'ע אייגנטימער פון די פירמעס און די געשעפטן, וועלכע האָבן זיך צוגעשטעלט מיט דער פולסטער געטריישאַפט, צו מאכן זיכער אז ס'איז דא א ברייטע אויסוואל פון אַלע סאָרט דעווייסעס, פון די בעסטע קאָמפּאַניס, צו יעדער צייט.

אזוי ארום וועט דאס עפענען א נייע קאפיטל פון רואיגקייט, סיי פאר די חשוב'ע עלטערן ווען זיי וועלן האָבן דעם רואיגן געוויסן אז זיי פאַרמאָגן נישט אין שטוב – און זייערע קינדער האָבן ח"ו נישט אין טאַש – עפּעס וואָס קען זיין פּראָבלעמאַטיש חס וחלילה, און סיי די מנהלים רוחניים וואָס וועלן קענען זיך אָפּגעבן מיט די עבודת הקודש, צו הייבן די תלמידים ותלמידות שטייגן מעלה מעלה, און נישט דאַרפן אַזויפיל נאָכגיין דעם "סור מרע", ווייל ס'וועט זיין אַ פעסט-איינגעפונדעוועטע תקנה וואָס ווערט נישט גערירט פון פלאַץ!

צו דעם צוועק, איינצושטעלן און איינצופעדימען די נייע תקופה, אז אלע עלטערן זאלן פארשטיין דעם מצב, ארויסהאבן וואס איז שעדליך מיט די אלע אומקאָנטראָלירטע אָן-קיין-הכשר דעווייסעס, און זיך צונויפנעמען מהיום והלאה אראפצושטעלן אַ פאַראייניגטן מויער אַז מ'קען נישט אַריינלאָזן ביי אונז נאָר בלויז מיט אַ "מוכשר" זיגל, האט מען פאררופן דעם היסטארישן קאנפערענץ.

מיט'ן ציל צו ערקלערן, פארשטיין געבן, און קלארשטעלן, וואס מ'מעג און וואס מ'טאר נישט, אַז "אַלע סאטמארער עלטערן" זאלן זיין אויפ'ן זעלבן בלעטל, אנצוהייבן די נייע תקופה מיט'ן איינהאלטן די פרישע תקנה וואָס מיר נעמען אויף זיך באהבה וברצון, אַלס טייל פון אונזער הייליגע מיסיע וואָס דער רבוש"ע האט אונז אָנפאַרטרויעט צו ערציען ריינע ערליכע אידישע קינדער.

## 10,000 טאַטעס און מאַמעס מיט די גרעסטע מאָס ערנסטקייט

ווען ס'איז געקומען די באַשטימטע שעה, זונטאָג אָוונט, און דער זייגער האָט געשלאָגן 9:45 אויפדערנאַכט, האָבן פילע טויזנטער סאטמארער עלטערן פון לענגאויס ניו יארק און ניו זשערסי און קאנאנדע, וויליאמסבורג, קרית יואל, בארא פארק, מאנסי, קרית יטב לב לעיקוואוד, און מאנטריאל, גענומען די טעלעפאָנען און אַריינגעקלינגען מיט'ן גרעסטן מאָס ערנסטקייט און זאָרגפולע אחריות צו די ספּעציעלע אָנגעגעבענע נומערן.

די ערנסטקייט מיט וואָס די עלטערן האָבן עס אָנגענומען האָט זיך אָנגעזען פונעם פאַקט, אַז יעדער האָט זיך פון פאָראויס מסדר געווען צו האָבן אַ רואיגע שטונדע צו קענען מיטהאַלטן דעם קאָנפערענץ אומגעשטערט, מיט אַ ישוב הדעת.

עלטערן האָבן אָפּגעשטיפּט אַלע פליכטן. אַרומגעדרייט דעם סקעדזשול. ערלעדיגט צו גיין צו שמחות פאַר דעם און נאָכדעם, און אַזוי ווייטער. אַלעס כדי מ'זאָל קענען הערן וואָס איז אַזוי וויכטיג פאַר'ן תכלית און תועלת פון אונזערע טייערע קינדער.

אין טויזנטער אידישע שטיבער האָט זיך אין די נאַכט אָפּגעשפּילט דער "זה עומד בזוית זו וזו עומדת בזוית זו".

ווען סיי דער טאַטע און סיי די מאַמע זענען געזעסן אין באַזונדערע ווינקלען, און ביידע צוגעשמידט די טעלעפאָנען צו די אויערן, נישט צו פאַרפּאַסן קיין איין וואָרט פון וואָס אונזער גרויסער מנהיג העדה כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט באַפוילן די ראשי העומדים על משמרת החינוך איבערצוגעבן פאַר אונז, מיר זאָלן וויסן די נסיונות וואָס לאָקערן אויף אונזערע קינדער און די מיטלען וויאַזוי זיך צו באַהיטן דערפון בעזר ה'.

אלע דרשות זענען געווען, קורץ, צו די זאך, געשמאַק, קלאָר, הלכה למעשה'דיג, וואס די עלטערן האבן זייער באוואונדערט, ווי יעדע דרשה פאר זיך איז געווען אן אמת'דיגע



# מסכת וויין

באקענט אייך מיט אייער וויין

פארשטייט דעם וויין לעיבל




די שטעמפל פון די בארימטע נאבל-סעדעוו פירמע, וועלכע פארזיכערט די העסטע דרגא אין קוואליטעט און כשרות.

דאס איז די נאמען פונעם וויין. די אפטייטש דערפון איז: פעדערן פון פאלומעי.

פאלומעי איז די נאמען פונעם וויינגארטן און פאבריק. יעדע וויינגארטן אין פראנקרייך האט אן אייגענעם נאמען, און ווערט געווענטליך אנגערופן א שאטאו.

פראנקרייך איז איינגעטיילט אין פילע געגנטער וואו די טרויבן וואקסן. האוט מעדאק איז די נאמען פון איינס פון די טייערסטע וויין ראיאנען - גערופן אין פראנצויזיש א 'טערעאור' - אינערהאלב בארדאו פראנקרייך.

דאס איז די יאר פונעם וויין-שניט (וועלכע ווערט גערופן די 'ווינטעדש', וועלכע שפילט א גרויסע ראלע אינעם קוואליטעט, געוואנדן אינעם קלימאט פונעם ספעציפישן יאר.

די חידוש פונעם וויין: ער פארמאגט נישט קיין שום צוגעלייגטע סאלפייטס, און איז דעריבער גאר לייכט אויפן מאגן.

די אפיציעלע אמעריקאנע שטעמפל וועלכע טוט פארזיכערן דעם וויין אלס הונדערט פראצענט ארגאניש.

דיאמאנט שטיין.

## "פארוואס דוקא יעצט? ווייל יעצט ברענט עס" – הרה"ג ר' יקותיאל הערש יאקאבאוויטש שליט"א, ראש המנהלים דקרית יואל

צום ערשט האָט געעפנט די אסיפה אין א דראמאטישן טאָן דער חשוב'ער 'ראש המנהלים' פון מוסדות קרית יואל, הרה"ג ר' יקותיאל הערש יאקאבאוויטש שליט"א.

דער מנהל האט ארויסגעברענגט דעם ציל פון די נאַכט, פארוואס מ'האט צוזאמגערופן אלע עלטערן, אין אזא פארנומענע צייט, אזא זעלטענער שריט וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען ביז היינט, ממש הארט ערב פסח, יעדער איז פאַריאָגט און פאַרפלאָגט. צי וואָס איז עס אַזוי וויכטיג?

האט דער ראש המנהלים פון קרית יואל ערקלערט, אַז דאָ שטייט מען פאר "בין הזמנים", סיי ביי די בחורים, סיי ביי די מיידלעך, און שפעטער אויך ביי די יונגערע קינדער, איז מען אַסאַך מער אינדערהיים, מ'האט מער ליידיג צייט, דער נסיון איז זייער גרויס זיך צו דרייען מיט די אלע כלים, און עלטערן מוזן וויסן איבער דעם פייער וואס ברענט!

טרעפליך האָט ער ערקלערט אַז מ'איז נישט דאָ געקומען עפּעס "ארויפצואצווינגען" אויף די עלטערן, שווער צו מאכן, ענג צו מאכן, איינפירן פרישע באגרעניצונגען, נאר אדרבה! צו העלפן די עלטערן! פארגרינגערן די עלטערן! לייכטער מאַכן! צו קענען גרינגער ערציען זייערע קינדער און זען ביי זיי ערליך אידיש נחת, ווייל מיט'ן ארבעטן צוזאמען, מיט פאראייניגטע כוחות וועט מען אי"ה זען גוטע פּירות!

די האַרציגע דיבורים זענען אַריין טיף אין די הערצער פון די עלטערן צו פארשטיין דעם אחריות וואס פלאקערט דא, און האט אריינגעפעדימט די אסיפה צו די ווייטערדיגע שטאפּלען.

## "הייליגע עלטערן, מיינט נישט אז מיין קינד איז אנדערש" – הרב דוד אהרן יונגרייז שליט"א, מנהל בית אסתר אין מאָנסי

נישטאָ וואָס צו רעדן, אז פון די שטארקסטע מאמענטן ביי דעם קאנפערענץ איז געווען די גאר טרעפליכע דרשה פון דעם בארימטן מנהל רוחני פון "בית אסתר" שע"י מוסדותינו הק' אין מאָנסי, איש האשכולות, הרב דוד אהרן יונגרייז שליט"א, וועלכער האָט מיט זיין אָפענער קלאָרער שפּראך אנגעשלאגן די טאן פון דער נאכט.

דער מנהל האט אנגעהויבן אז ער וויל נישט זאגן קיין דרשת התעוררות נאר איבערגעבן טרוקענע פאקטן וואס אסאך עלטערן ווייסן נישט.

מיט קורצע דעטאַלן האט דער מנהל – אין שליחות פון אלע מנהלים רוחניים – אראפּגעגעבן די סכנה הנוראה וואס ליגט באהאלטן אונטער די אלע דעווייסעס, מיט לעבעדיגע שילדערונגען פון שוידערליכע פּראָבלעמען וואס דאס האט שוין ליידער געשאפן.

עלטערן האבן אויפגעציטערט צו הערן דאס וואס זיי האבן קיינמאל נישט געוואוסט – און נישטאמאל אין אַ בייזן טרוים גע'חלומ'ט – אַז די פּיצלעך דעווייסעס וואס פילן קוים אָן אַ גאַנצער האַנט-פלאַך, קענען דינען אַלס גאַנצע אויסטויש-פלאטפארמע, וואו סיי וועלכער אומגעוואונטשענער חבר אָדער חבר'טע קען אַריינליפערן אומגעפילטערטע פסלנות'ער, אַז דער מח שטעלט זיך איינפאַך אָפּ!

"זאָל זיך קיינער נישט איינרעדן", האט דער מנהל ארויסגעגאָסן אנגעזאמלטע ווייטאָג פון די טיפעניש פון זיין הארץ, "אז מיין קינד איז אנדערש, מיין קינד איז דאך אזוי ריין און תמימות'דיג, ווייל מיר האָבן שוין געטראָפן די אַרגסטע חשכות'דיגע מאַטריאַל ביי גאָלדענע מצויינים'דיגע קינדער וואָס מ'וואָלט אויף זיי אַזאָנס נישט גע'חלומ'ט ה"י"!

דער מנהל האָט ערקלערט דעם איינפאַכן מציאות, אַז איינמאָל יעדער קען שיקן וואָס ס'לאָזט זיך, זענען די גרעניצן צום גיהנום געעפנט.

מ'רעדט שוין נישט פון קיין פאַרבינדונגען צום אינטערנעט וואָס קען זיך אריינכאפּן דורך הינטערטירלעך און דאַן איז עס – ווי פאַרשטענדליך – דער עק פון די וועלט; נאר דאס אליין אַז מ'קען זיך אָנהערן – און לא עלינו אָנזען – מיט כל נגע וצרעת, איז אַ צרה נוראה ואיומה! די ריינסטע הערצער קענען דאָך אָפּגעלאָשן ווערן דערפון!

"עלטערן זאָלן נישט מורא האָבן צו זיין שטאַרק און פעסט אויף דעם", האט דער מנהל געפאָדערט אין נאָמען פון אלע מנהלים רוחניים, "און נישט ערלויבן בשום אופן קיין צוטריט צו כלים וואס האבן נישט דעם קלאָרן 'מוכשר שטעמפל'", ערקלערנדיג דערביי אַז דאָס זעלבע איז גילטיג ביי די 'משפחה דעווייסעס' וואָס די עלטערן ניצן פאַר די קליינע קינדער אא"וו – גאָרנישט אָן חותם פון "מוכשר" זאָל זיך נישט דרייען אין שטוב!

## "שליחות הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א" – איבערגעגעבן דורך הגה"צ רבי יואל שליט"א

דאן האט מען געהערט גאר ווארעמע ווערטער פון הגה"צ רבי יואל שליט"א, וואס האט אנגעהויבן בקול נרגש אז ער איז געקומען דא איבערגעבן דעם שליחות הקודש פון אביו הגדול רבינו שליט"א פאר אלע עלטערן.

ס'האָט ביי יעדן אַ ריר געגעבן אין האַרץ צו הערן די הגדרה וואָס דער רועה הנאמן האָט באַפוילן צו זאָגן פאַר די עלטערן, אַז פונקט אזוי ווי יעדער איינער פארשטייט ווען עס איז נוגע צו כשרות המאכלים, אז קיינעם וועט נישט איינפאלן צו נעמען א זאך אן א הכשר – זאָל מען וויסן אַז די מכה פון טעכנאלאגיע איז אסאך א גרעסערער מכשול, וואס קען ארויסקומען אז עס איז נישט אפגעהיטן ווי עס דארף צו זיין!

דער רבי שליט"א האָט געבעטן אַז מ'זאָל אויפקלאַקערן די געוויסנס פון די עלטערן, זיי זאלן וויסן אַז אין איין רגע קענען זייערע קינדער פארלירן דעם גאנצן יראת שמים, מען קען אריינפאלן אין די נ' שערי טומאה, וואס פון דארט קען מען ר"ל זיך נישט אַרויסדראַפּען!

הגה"צ רבי יואל שליט"א האָט בשליחות הקודש אויפגעפאָדערט מ'זאָל נאָר קויפן די דעווייסעס מיט'ן שטעמפל פון "מוכשר - ועד הקהלות".

אַזוי אויך האָט ער אַדרעססירט עטליכע נקודות, בכלליות, וואָס רבינו שליט"א האָט געבעטן איבערצוגעבן פאַר די טויזנטער עלטערן איבער:

- די טעלעפאָנען און קעמרעס, זאָל מען לכתחילה קויפן בלויז די כשר'ע מיט'ן שטעמפל פון "ועד הקהלות";
- די שעדליכקייט פון דעם אז בחורים און מיידלעך באקומען אייגענע סעלפאון, אדער צוטריט צו משפחה סעלפאונס בקביעות ובפרט דארף מען אכטונג געבן ארויף דעם ביי די בין הזמנים טעג;
- די סכנה אַז קינדער זאָלן האָבן ח"ו סיי וועלכן שייכות מיט טעקסט מעסעדזשעס אפילו אויף די סעלפאונס פון די עלטערן;
- וויכטיגקייט אוועקצושטיין פון אלע סארט האטליינס למיניהם וואו צווייפלהאפטיגע פערשוינען פרעדיגן כל האסור;
- די שעדליכקייט פון די "קאנפרענץ ליינס", איבערהויפּט ביי מיידלעך, וואו מ'קען זיך אָנהערן מיט אלע פּסול'ע השקפות ה"י;
- עלטערן זאלן שטיין אויף די וואך נישט לאזן צורירן צו א קאמפּיוטער און אוודאי נישט לאזן גיין אין קיאסק אפילו ווען ס'געפילטערט;
- אַוועקשטיין פון די טריפה'נע מאגאזינען, סיי אידיש און אוודאי ענגליש, וואס פילט אָן די קעפּ און די הערצער מיט גיפט ר"ל;

הגה"צ רבי יואל שליט"א האט אויסגעפירט מיט א ברכה אז אין דעם זכות וואס מיר רייניגן אויס דעם חמץ פון אונזערע שטיבער זאל מען זוכה זיין צו זען אסאך נחת דקדושה מיט הרחבת הדעת, יעדער זאל זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות, מ'זאל ניצול ווערן פון אַלע נסיונות און מ'זאל קענען נאך היי-יאר די זכי' האבן לאכול שם מן הזבחים ומן הפסחים, בב"א.

## הייסע טרערן פון טויזנטער עלטערן ביי תפלת השל"ה

אַ סקרוך איז אלעמען דורכגעלאָפן אין די הערצער, ווען דער יושב ראש האט אויסגערופן אַז שטייענדיג אין אזא זמן מסוגל ועת רחמים ווי ערב ראש חודש ניסן, וועט מען אויפרופן דעם חשוב'ן לאנגיאריגער מנהל רוחני, הרה"ג ר' משה פריעדמאן שליט"א, וואָס וועט פאָרזאָגן "תפלת השל"ה", די פּאָרכטיגע תפלה פאַר אידישע טאַטע-מאַמע צו בעטן אויף ריינע דורות.

מיט אַ פייער און ברען האָט דער מנהל אָנגעהויבן פאָרזאָגן די הייליגע הארץ-רייסנדע שטיקלעך פונעם תפלת השל"ה, וואו עלטערן בעטן זיך אויס און וויינען זיך אויס דאס הארץ צו מצליח זיין מיט די קינדער זרע קודש ובה' דבקים.

ווארט ביי ווארט, מילה במילה, האָט דער מנהל שליט"א פאָרגעזאָגט די תפלה הנוראה, געווייקט אין אַ ביטערן געוויין, ווען ס'שפּירט זיך אַן אומדערהערבאַרער געשריי פון א רבבה עלטערן דורך די טעלעפאָנישע דראָטן ווי אַן עלעקטעראָנישער שטראָם, ווי זיי פאַרגיסן דערביי טרערן מיט א ריינע כוונה רצוי' אַז דער רבוש"ע זאל זיך מרחם זיין אויך אין דעם שווער-געפּרואווטן דור, זאָל מען קענען דערלעבן רעכט ערליך נחת; אַ ריינע המשכת הדורות.

## ואת בתינו הציל! אַלע עלטערן זענען פאראייניגט!

נאכ'ן שליסן דעם קאנפערענץ האָבן אַלע עלטערן אָן אויסנאַם געהאַט דעם זעלבן געפיל פון לויב און דאנק צום הייליגן באשעפער, אַז ברוך ה' מיר זענען נישט פארלוירן –

וועד משמרת שע"י קהלות ומוסדות סאטמאר

דאס מוכשר מאושר ע"י ועד משמרת ד'סאטמאר

ואת בתינו הציל!

אונזערע הייליגע מוסדות, מיט די געטרייע געגעראַלן וואס שטייען לימין קדשו פון רבינו שליט"א אין שפּיץ פון די מוסדות, זענען על פּי פּקודת קדשו אנטשלאסן אפּצוהיטן דעם הייליגן גאָרטן וואָס אבינו רועינו רביה"ק זי"ע האָט איינגעפלאַנצט, און מ'איז דא צוצוהעלפן און ארבעטן "אינאיינעם מיט די עלטערן", אז מ'זאל קענען אָפּהיטן די ריינע הערצער פון אונזערע קינדער מחנך זיין הייליגע דורות.

די אויסערגעוויינליכע טעלעפאָנישע-אסיפה איז פארוואנדעלט געוואָרן אין "געשפּרעך פון טאָג" אומעטום, ביי אַלע עלטערן – נישט קיין גוזמא, נאָר אין בוכשטעבליכן זינען פון וואָרט! – אלע טאַטעס און מאַמעס האבן עס איבערגעשמועסט, און יעדער האָט זיך אויסגעדריקט די זעלבע, אַז יעדעס וואָרט איז געווען הייליג און טייער, וויכטיג און ברענענדיג.

יעדער איז געקומען צום זעלבן אויספיר, אַז דאָס וואָס די דעווייסעס האָבן זיך אַריינגעריסן אַזוי אומקאָנטראָלירט, איז ממש אַ טראַגעדיע, אָבער וואס איז געווען איז געווען! מכאן ואילך חושבנא!

פון יעצט און ווייטער איז נישטא מער אזא זאך! נישטא מער קיין תירוץ, נישטא מער קיין אויסרייד, און ס'נישטא מער קיין וועג אפילו, אז אונזערע קינדער און בחורים זאָלן האָבן צוטריט צו אומ'כשר'ע כלים, ווייל מ'גייט עס מער נישט דורכלאָזן! נישט די עלטערן, נישט די מנהלים! ס'איז אַ נייע תקופה!

## אַ געוויש און אַ טומל, אויבן אין הימל! ס'ברענגט אַ הייליגע שפע פאר אידישע קינדער!

עס איז זיכער, אז אין יענע שעה'ן, ווען דער קאנפערענץ און די הייליגע דרשות האבן זיך ארויסגעהערט פון העכער 10,000 טעלעפאָנען ביי ערליכע טאטעס און מאמעס, איז אין הימל געווען א גערויש און א טומל!

ס'האט געוויזן ווי אידישע קינדער ווילן זיין הייליג און ערליך, און זיי ווילן – אין גרעסטן פינסטערניש פונעם גלות, ווען די גאנצע וועלט זינקט אין די טיפענישן פון טומאה און זוהמא – ערציען דורות אַזוי ווי אונזערע עלטערן און זיידעס אין אַלע דורות!

מיט'ן כח המשלח פון רבינו הקדוש זי"ע, מייסד המוסדות הקדושים, שטייט רועינו הנאמן כ"ק מרן רבינו שליט"א בראש פון די אַלע פונאַדערגעוואַקסענע מוסדות בכל מקום שהם בעוז ובגבורה, מיט אַ פעסטקייט און גבורת הנפש, לעצור בעד המשחית, און מיט סייעתא דשמיא וועלן מיר אי"ה אויך דעם נסיון קענען דורכטראָגן און מיר זאָלן ווייטער קענען מחנך זיין אונזערע הייליגע קינדער כאשר עם לבבינו.

וויפיל השפעות דאס האט אראפּגעברענגט אין דעם יעצטיגן זמן ווען מיר גרייטן זיך צו מקיים זיין דעם "והגדת לבנך" קענען מיר נישט באַגרייפן. ס'איז זיכער אַז כוחו וזכותו פון רביה"ק זי"ע וואס האט מייסד געווען די ישיבות ומוסדות הק' בדם לבבו ובמסירת נפשו האָט אין יענע רגעים געשוועבט אויף די אַלע עלטערן, וממקומו האָט דער צדיק אמת איינגעריסן אַז חפץ ה' בידם פון די מנהלים רוחניים און די עלטערן יצליח, למען שלא ניגע לריק.

ס'קיין ספק נישט, אַז דורך די אויסטערלישע התעוררות וואָס מ'האָט צושטאַנדגעברענגט ביי אָט דער אסיפה אין דעם "ליל שימורים" איז געוואָרן אַן אויסטערלישע אתערותא דלעילא, א רעש און אַ געפּילדער האָט זיך אָפּגעשפּילט בשמי מעלה, ווען קוב"ה ופמליא דילי' האבן זיך צוגעקוקט כביכול צום "וחפצים לעשות רצוניך" פון אידישע קינדער, און דאָס וועט בעז"ה ברענגען די ריכטיגע סייעתא דשמיא, וישמרך מן המזיקים, ברוחניות ובגשמיות, יעדער טאַטע פאַר זיך זאָל קענען שטאַרקער פארפאנצערן די גדרי הקדושה וטהרה פאר אונזערע דורות, צו קענען זיי מגדל זיין ריין און לויטער, די הייליגע מוסדות און די ישיבות הקדושות וואָס זענען די באַזעס פאַר'ן לגיון של מלך זאלן פארבלייבן "שימורים לדורותם" ביז מ'וועט שוין זוכה זיין לאכול שם מן הזבחים ומן הפסחים, עביגוא"צ בב"א.

שִׁמֻּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם!

הרב רבינו איזראעל, דער גרינדער פון סעדעוו-נאבל ווין, האט פאר יארן געטרוימט אויפצוקומען מיט א רייכע ארגאנישע ווין, אן קיין שום צוגעלייגטע סאלפייטס. סאלפייטס איז עפעס וואס ווערט צוגעלייגט אין כמעט אלע ווינען, און טוט האלטן קאנטראל אויף די אלקאהאל פונעם ווין, אבער אין די זעלבע צייט זענען פארהאן פילע וועלכע קענען נישט דערהייבן די סאלפייטס און א ווין אן קיין סאלפייטס איז בכלל פיל לייכטער און גרינגער אויפן מאגן. אין פאקט איז גאר א שווערע קאמפליצירטע זאך צו קענען פראדוצירן אזא ווין, און דעריבער זענען פארהאן גאר ווייניג כשר'ע ווינען אן קיין סאלפייטס. ביז ווען איין טאג האט זיך הרב רבינו באגעגנט מיט מר. פיער קאזאנאוו.

מר. קאזאנאוו פארפיגט אויף א ווינערי אין די גאר טייערע און בארימטע האוט-מעדאק געגנט אין פראנקרייך. קאזאנאוו האט אויפגעבויעט אן אנערקענטע און פאפולערע שאטאטו - וועלכע גייט שוין צוריק פילע יארן - און איז אויך באקאנט אלס איינער וועלכער שטעלט זיך נישט אפ פאר קיין שוועריקייטן, און איז גרייט אונטערצונעמען ריזיקעס צו קענען פראדוצירן א בעסערן פראדוקט. דעריבער איז עס געווען א פאסיגע צוזאמשטעל צווישן אונז און קאזאנאוו, וועלכע האט נאך א לאנגע צייט ענדליך באוויזן אהערצושטעלן דעם שלימות'דיגן 'פאלומעי' ווין.

אויסער דעם וואס דער ווין איז א אויסנאם גוטע און געשמאקע ווין, און טוט טאקע נישט פארמאגן קיין שום צוגעלייגטע סאלפייטס, האבן מיר דערמיט באוויזן צו דערגרייכן נאך א מיילשטיין, מיט'ן עס אהערשטעלן אלס גענצליך 'ארגאניש', פון ווען די טרויבן הייבן אן וואקסן, ביז ווען איר עפנט אויף דעם באטל ביי אייער שבת און יו"ט טיש. דאס האט אפגעקאסט פאר די פירמע איבערמידליכע ארבעט, כוחות און געלט און מיט סייעתא דשמיא האבן מיר באוויזן אראפצוברענגען די אמעריקאנע איינגעשטעלטע צו סטעמפלן דעם ווין אלס הונדערט פראצענט ארגאניש.

עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז ווען מען פראדוצירט אן ארגאנישן ווין, טוט דאס באדייטן אז די ווין פעלדער טארן נישט באשפריצט ווערן מיט קיין שום כאמיקאלן דורכאויס די גאנצע וואוקס, און דאס ברענגט צו אז גאר אסאך פון די טייערע האוט-מעדאק טרויבן גייען צוגרונד פון באשעפענישן און באקטעריעס, און בלויז א קליינע פראצענט פון די טרויבן ווערן אויסגעקליבן אלס פאסיגע און גוטע טרויבן געניצט צו ווערן אינעם פראדוקציע.



הרב רבינו איזראעל און ר' משה ציק, באזוכן אין די קעלערן פונעם פאבריק

כשר לפסח בהשגחת הבד"ץ ירושלים של העדה החרדית

בהשגחת הבד"ץ · כשר על פסח למהדרין כדתיא · אחדות קהלות החרדים

NOBLE WINES
The quality of tradition

הערט אלע דרשות אויף
מערכת סאטמאר
718.831.7000 #116

# ישיבות ומוסדות סאטמאר

ישיבה גדולה • ישיבה קטנה • תלמוד תורה • בית חינוך לבנות

וויליאמסבורג • קרית יואל • בארא פארק • מאנסי • קרית יטב לב • לעיקוואוד • מאנטריאל, קאנאדע

וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא

## החלטת האסיפה

### די קלאָרע רעזאָלוציעס פאַר'ן תכלית הדורות

וואָס די טויזנטער סאַטמאַרער עלטערן האָבן געהערט מיט אַ ציטער פאַר'ן עתיד פון זייערע קינדער ביים

**היסטאָרישן קאָנפערענץ**

בפקודת הקודש פון מנהיג העדה כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

**זונטאָג פרשת תזריע תשפ"ד**

וואו די מנהלים רוחניים האָבן בשליחות הק' איבערגעגעבן פאַר די העכער 10,000 עלטערן כ"י

**די קריטיש-וויכטיגע תקנות**

וואָס איז בינדענד אויף "אלע תלמידים ותלמידות" פון "אלע יארגענג" אין "אלע סאטמארער מוסדות" אין "אלע שטעט" אומעטום

- קיין שום סאטמארער תלמיד און תלמידה קען נישט האָבן קיין צוטריט צו קיין שום סאָרט סענסע - MP3 כלי און דאָס גלייכן, וואס האט נישט דערויף קיין "זיגל" פון "מוכשר".
- אפילו דעווייסעס וואָס ליגט בלויז אינדערהיים און מ'האַלט עס נישט ביי זיך אין טאַש, מוזן אויך האָבן דעם "מוכשר" זיגל. דאָס רעכנט אַריין אפילו אויב די דעוויים איז נישט בלויז פאַר איין ספעציפישן קינד, נאָר ס'ווערט באַניצט פאַר די גאַנצע משפחה, קען אויך נאָר זיין מיט'ן הכשר.
- מתמידים-פראגראמען וכדומה וואס שיקן אהיים דעווייסעס מיט שיעורים צו קענען הערן, אדער די וואס קויפן "פרי-לאודעד" דעווייסעס, קען נאָר געהאַלטן און באַניצט ווערן אויב ס'האט דעם 'מוכשר' זיגל.

**אויפמערקזאם!**

היות עס איז דא צדקה-אָרגאַניזאַציע וואס טיילן מתנות וואס איז נישט אויסגעהאלטן, דעריבער איז זייער וויכטיג אז עלטערן זאלן האַלטן אַן אויג און הייסן די קינדער אַוועקשטיין פון יעדע סאָרט צדקה-אָרגאַניזאַציע וואָס פאַרשפרעכט מתנות פון די סארט סענסא-דעווייסעס וועלכע פאַרמאָגן נישט דעם באַשטעטיגטן זיגל פון "מוכשר".

**קלארשטעלונג!**

טראָץ וואס די דעווייסעס האבן א 'מוכשר' זיגל, דארף מען געדענקען נישט צו געבן 'לכתחלה' פאר א קינד צופיל צוטריט צו מוזיק, ווייל דער מציאות באווייזט אז דאס טראגט אריין דעם קינד אין אן אנדערע וועלט. נאר אויב פארמאגט מען דאס יא, דארף מען זיכער מאכן אז עס האט דעם 'הכשר'.

**ומכאן הקריאה יוצאת:**

פון דאָ גייט ארויס א רוף צו אלע היימישע פירמעס וואס פאבריצירן די סאָרט דעווייסעס, און די זעלבע סיי וועלכע סאָרט קינדער-שפילצייג מיט ענליכע טעכנעלאגיע:

**ביטע מאַכט זיכער 'פון פאָראויס' ביים פראָדוצירן, אַז דאָס ווערט באַשטעטיגט דורכ'ן ועד אַז ס'קומט נאָך די סטאַנדאַרטן פון "מוכשר", און ס'איז אויסגעהאַלטן אַז אונזערע קינדער זאלן זיך קענען דערמיט באַניצן.**

**אַלע עלטערן האָבן אויסגעהערט קלאָר, און פאַרשטייען די מורא'דיגע סכנה וואָס קען ליגן אין די דעווייסעס אָן קיין הכשר**
**סיי פאַר בחורים • סיי פאַר יונגלעך • סיי פאַר מיידלעך**
**און יעדער איז גרייט זיך צוצושטעלן מיט'ן גאַנצן האַרץ, צו שטיין על המשמר מיט דער פולסטער שטאַרקייט למען עתיד דורותינו!**

ויה"ר מיר זאלן קענען מחנך זיין אונזערע קינדער לה' ולתורתו בדרך שהורה לנו רביה"ק זי"ע,
און דערלעבן פון זיי הייליג אידיש נחת, עד ביאת הגואל, ומלכינו בראשינו בב"א.

בברכת חג כשר ושמח

**הנהלת הישיבות והמוסדות**

# וועד משמרת
## שע"י קהלות ומוסדות סאטמאר

### פריידיגע מעלדונג!

אין ליכט פונעם גרויסן קאָנפערענץ פאַרלאָפענעם זונטאָג תזריע העעל"ט
ווען עס איז געווארן אויסגערופן די פעלזן-פעסטע

## תקנה קבוע

בפקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

אז יעדע סאָרט דעוויים וואָס געפינט זיך אין אַ שטוב, אדער קומט אָן
אין באַזיץ פון אַ יונגל אָדער בחור אָדער תלמידה, פון די סאָרט כלים

**סענסע - רעקארדער - MP3**
**מוז האָבן דעם "מוכשר" זיגל**

**'מוכשר' וועד משמרת אדער 'מוכשר' וועד הקהילות**

טוען מיר מעלדן אַז איז שוין דאָ צו באַקומען

**אַ ברייטע אויסוואַל פון דעווייסעס פון**
**גוטע קאָמפּאַנים • אין פילע געשעפטן**

לויט יעדנס בודזשעט און באַקוועמליכקייט

אַ פּראָבלעם? אַ פראַגע? אַ קאָמפּליקאַציע?

**אויב האָט איר סיי וועלכער פּראָבלעם, ווי למשל אז א געשעפט האט**
**נישט די כלים מיט די זיגל פון 'מוכשר', אדער סיי וועלכע הערה**

**קענט איר רופן דעם ספּעציעלן "מוכשר ליין"**
**929.274.3856 און לאזן א מעסעדזש**

### איר האָט שוין אַ כשר'ע דעוויים פון פריער און איר ווילט דעם זיגל?

ס'וועט אי"ה געגעבן ווערן אַ ספּעציעלע געלעגנהייט, פאַר די וואָס האָבן שוין כשר'ע דעווייסעס פון פריער

**צו קענען זיגלן זייערע דעווייסעס דורכ'ן וועד משמרת**

**ס'וועט זיין א ספּעציעלע צייט און פּלאַץ אריבערצוברענגען די דעווייסעס.**

דער וועד וועט אי"ה איבערקוקן יעדן מאַשין באַזונדער צו פעסשטעלן אויב ס'קומט נאָך דעם פאַרלאַנגטן סטאַנדאַרט. און עס וועט אי"ה געשטעמפּלט ווערן מיט'ן "מוכשר זיגל" צו קענען ווייטער באַניצן

---

פאָלגט נאך די ווייטערדיגע מעלדונג

---

זעלבסט פארשטענדליך אַז דאָס איז בלויז פאַר די סאָרט דעווייסעס וואָס מ'פאַרמאָגט שוין פון פריער נאָך בעפאָר די תקנה איז איינגעפעדימט געוואָרן. מהיום והלאה דאַרף מען זיין געוואָרנט צו קויפן בלויז נאָר מיט'ן "מוכשר זיגל".

מיר האָפן און מיר קוקן אַרויס אַז חפץ ה' בידינו יצליח, און ס'וועט אַרויסקומען דער גרעסטער כבוד שמים און תועלת, וה' יהי' בעזרינו למען כבוד שמו יתברך, אמן.

**וועד משמרת**

וְכָכָה תֹּאכְלוּ אֹתוֹ!

# תושבי קרית יואל באַגריסן הערהאָישע 'נאמני הקהלה' דקהל יטב לב אַהערשטעלנדיג "פסח יריד" צו דראַסטיש לינדערן אומגעהויערע יו"ט הוצאות

## פילע נויטיגע פראָדוקטן און קעיסעס פאַר שפּאָט-ביליגע פרייזן

**פסח יריד #1:**

גרויסע איסוואַל פון גאָר נויטיגע פּראָדוקטן לכבוד יו"ט פאַר שפּאָט-ביליגע פרייזן - חלוקה מייסטערהאַפטיג פאַרטיילט אויפ'ן גיגאַנטישן שטח המוסדות י. ד. גאָלדבערגער דר.

**פסח יריד #2:**

פראַיעקט אהערצושטעלן פילע פרוכט און גרינצייג פּראָדוקטן פאַר שפּאָט-ביליגע קאָסט-פרייזן - ווערט אהיים דעליווערט ביזן טיר

**קהל'ס מקוה געשעפטן:**

וואוילטעטיגע שריט דורך חשוב'ער נדבן ערמעגליכט גאַנצע פופציג פּראָצענט דיסקאונט אויף וויין אין קהל'ס געשעפטן

קרית יואל. - שוין לאַנג נישט געווען אַזאַ לעכטיגע עפּאָכע פון שפּאָרן געלט פאַר אַזויפיל הונדערטער אידישע שטיבער, אַזוי ווי קרית יואל האָט מיטגעהאַלטן אין דעם יעצטיגן ערבי פסחים תקופה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואָך בעפאָר ראש חודש ניסן, און האלט אן די נאָכפאָלגענדע טעג און וואָכן, מיט אַ ריי פאַקטישע דורכברוכן וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די הערהאָישע "נאמני הקהלה' דקהל יטב לב, צו דראַסטיש לינדערן די אומגעהויערע שווערע יו"ט הוצאות וואָס באַטרעפן יעדע אידישע שטוב ווען ס'קומט אַריינצוברענגען די הייליגע יום טום פסח.

### ווײנען אַראָפּ מיט פופציג פּראָצענט!

צו ערשט האָט די הנהלת הקהלה אַראַנדזשירט, מיט'ן הילף פון אַ חשוב'ן נדבן, צו אַרויסצוהעלפן משפּחות אנ"ש צו קענען איינקויפן די יינות המשובחים אויף יו"ט און באַזונדער אויף די סדרים, בהרחבה טראָץ די שווערע פינאַנציעלן מצב, פאר אַ גאַנצע פופציג פּראָצענט אַראָפּ, אויף אַ גרויסע ליסטע פון צענדליגער ווײנען ביי אַלע 'קהל'ס מקוה געשעפטן'. וואָס אַ גרויסע ציבור האָט געקענט דורכדעם האָבן אַ רואיגן שמחת יו"ט, דורך אַ פאַקטישע לינדערונג אין אַזאַ הוצאה וואָס באַטרעפט עטליכע הונדערט דאָלאַר ביי גרויסע משפּחות.

### פסח יריד אויף פעיפער גודס און אַנדערע פּראָדוקטן

אַ גאָר דראַסטישע בענעפיט וואָס האָט אַזוי שטאַרק אָפּגעקלינגען און אַרויסגעהאָלפן הונדערטער משפּחות אין שטאָט, איז געווען די 'פסח יריד' אויף איבער צוואָנציג קעיסעס פון נויטיגע פעיפער-גודס, און נאָך פילע פּראָדוקטן אויף אַ ריי שטוב באַדערפעניש, פאר שפּאָט-ביליגע קאָסט-פרייזן, וואָס איז צושטאַנד געקומען דורך די באַרימטע עסקנים וואָס האָבן אינזין צו לינדערן די שווערע הוצאות אין אידישע שטיבער אין אַזאַ פאַרנומענער יו"ט סעזאָן.

אויף די זונטאג טאג ווען ס'געווען באשטימט אפצונעמען די קעיסעס, איז געווען אַ מחזה הוד צוצוקוקן ווען הונדערטער קאַרס זענען געקומען צו די שטח המוסדות אויף י. ד. גאָלדבערגער דרייוו, און האָבן געעפענט די טראָנק וואָס איז געוואָרן אָנגעפילט מיט צענדליגער נויטיגע גאַנצע קעיסעס פון גאָר נויטיגע פּראָדוקטן. די סיסטעם איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די געטרייע 'נאמני הקהלה' אַזוי נאָבל און רואיג שטייענדיג אויפ'ן פלאץ געטריי שלא על מנת לקבל פרס, אך ורק אינזין צו האָבן אַ צווייטן איד לגמול חסד צו אַרויסהעלפן משפּחות אנ"ש צו אַריינברענגען די יו"ט מיט די ריכטיגע הרחבת הדעת און רואיגקייט.

אריינקומענדיג אין די שטח המוסדות, האט יעדע קאר באקומען א דעזעגנירטער עסקן וואס איז מיטגעגאנגען מיט די קאר דורכאויס דעם גאנצן שטח החלוקה, און לייכטערהייט אנגעוויזן פאר די אנדערע עסקנים וואס זענען געשטאנען ביי יעדע פראדוקט, וויפיל פון דעם אריינצולייגן אין דעם קאר, און אזוי ביז געציילטע מינוט איז מען שוין געווען אינדרויסן מיט אלע פראדוקטן! ממש לא יאומן כי יסופר אז א ריזן פסח יריד קען פארקומען מיט אזא ארדענונג.



# פסח יריד

אגב, איז כדי אנצומערקן א באזונדערע געוואלדיגע בענעפיט פון אט דעם יריד, אז מען האט געקענט אויסוועלן וועלכע פראדוקטן מען וויל נעמען און וועלכע נישט, און וויפיל פון יעדן פראדוקט. וואס ביי נישט יעדע יריד האט מען דאס געקענט טון, און איז נישט אזוי פראקטיש פאר טייל משפחות.

## פסח יריד אויף פירות, ירקות, און אייער

די צווייטע 'פסח יריד' איז געווען אויף די נויטיגע קעיסעס פון פירות, ירקות, און אייער, פאר ממש שטוינענד-ביליגע פרייזן, וואָס איז געוואָרן דעליווערט צו הונדערטער משפחות אנ"ש לענגאויס די שטאט, וואָס דאָס האָט פילפאַכיג פאַרגרינגערט די שטייגנדע אינפלאַציע און הויכע פרייזן וואָס די אַלע פראָדוקטן קאָסטן אָפּ סתם אַזוי, נאָכדערצו שטייענדיג בעפאָר יו"ט פסח ווען יעדע שטוב ניצט אויס גאַנצעטע שאַכטלעך פון אַ ריי פירות און ירקות, אָפּגערעדט פון אייער און פאָטעיטאָס וואָס גייט ממש ווי וואַסער כידוע...

## קיינע צדקות! יעדער איז נהנה!

דאָס אַלעס איז מיטגעקומען מיט אַ קנייטש וואָס איז שטאַרק באַגריסט געוואָרן, אַז ס'איז נישט געווען אַן ענין פון צדקה, נאָר איז פשוט געווען כמעט די קאָסט-פרייז, וואָס איז געלונגען פאר די עסקנים צו פאַרשאַפן פון פאַרשידענע דיסטריביוטערס. דאָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ שטאַרקע הנאה און שמחה, אַז אפילו די וואָס זוכן נישט צו נהנה זיין פון הילף-קאַסעס, און דאַרפן טאַקע נישט אַזוי צוקומען צו צדקה, אָבער האָבן אַצינד געקענט רואיג הנאה האָבן און בענעפּעטירן צו אַראָפּנידערן די אומגעהויערע קאָסטן וואָס אַזאַ יו"ט ברענגט מיט פאר יעדע אידישע שטוב, איבערהויפּט פאַר קינדער געבענטשטע שטיבער.

תושבי קרית יואל באַדאַנקען פון טיפן האַרצן, די נאָבעלע גאָר קריטישע פעולות וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די געטרייע נאמני הקהלה אינאיינעם מיט די הנהלת הקהלה, און באַזונדער איז די דאַנק פאר די שעפערישע עסקנים וואָס האָבן זיך אַריינגעלייגט צו שאַפן די אַלע פראָדוקטן פאר קאָסט-פרייז, הקב"ה ישלם שכרם וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם.

ערבי פסחים תשפ"ד וועט געדענקט ווערן אינערהאַלב קרית יואל רבתי, אַלס אַן ערב יום טוב וואָס מ'האָט געהאַט די ריכטיגע הרחבת הדעת און רואיגקייט, מיט אָט די אַלע פעולות נשגבות וואָס האָט גאָר דראַמאַטיש געלינדערט די שווערע יו"ט הוצאות אויף אַ מאַסשטאַבליכן פאַרנעם, און האט אָפּגעשפּאָרט הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן, אינערהאלב הונדערטער שטיבער לענגאויס קרית יואל רבתי!

מִשְׁכוּ וּקְחוּ לָכֶם לְמִשְׁפְּחֹתֵיכֶם!

נאמני הקהלה

עוסקים בצרכי ציבור באמונה











בס"ד

# נייע ליסטע
## תשפ"ד
## תשפ"ה




## - וויליאמסבורג -
אין אלע ספרים געשעפטן

MIDTOWN CAMERA
191 LEE AV.

LEE AV. PHOTO
72 LEE AVENUE

ROEBLING APPLIANCES
156 HOOPER ST.

SOUTH SIDE GROCERY
BEDFORD AV. & S. 8 th ST.

## - בארא פארק -
קודש ספרים סטאר
13 AV & 52 STREET

מבחר הספר
18 AV & 50 STREET

## - קרית יואל -
ביי אלע גראסערי געשעפטן

## - מאנסי -
בית הספרים
מרכז

וי אויך צו באקומען ביי אלע סאטמארע מקוה אידן

נייע חידוש - באָלק דעלי

# פאמילע נאכטמאל

## סערווירט פאר 6 פערזאנען

BULK PACK
BUY IN BULK, CUT THE PRICE!



**INCLUDES A CHOICE OF A SOUP, MAIN, AND 2 SIDES.**

**$59.99** *Per Package*

פון ר"ח ניסן ביז פסח - אין אונזער געשעפט.

CASH & CARRY - IN STORE ONLY.

SATMAR MEAT'S BULKPACK. **QUALITY MEATS, UNMATCHED PRICES!**

WILLIAMSBURG
80 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
823 Bedford
718.963.1100

WILLIAMSBURG
239 Lee Ave.
718.963.1100

WILLIAMSBURG
360 Wallabout
718.963.1100

BORO PARK
5023 N. Utrecht
718.854.2100

BORO PARK
4525 16th Ave.
718.854.2100

KIRYAS YOEL
68 Forest Rd.
845.782.2900

סאטמאר פלייש

דער העכסטער סטאנדארט אין כשרות הבשר

# גע׳ניטער "ערב פסח מצות" אויסשטעל וועט ווידעראַמאָל איינגעשטעלט ווערן צו די באַקוועמליכקייט פון טויזנטער חברי קהל יטב לב סאַטמאַר קרית יואל

## נאָך געוואַלדיגע סוקסעס פון דעם פאַראַיאָריגן ערבי פסחים וואָס איז ב"ה באַגריסט געוואָרן דורך אַלעמען מיט אויסנאַמליכע צופרידנהייט

שטייענדיג שוין אין סאַמע ברען פון דעם "ערב פסח" סעזאָן לקראת דעם הייליגן חג המצות הבא לקראתינו, האָבן תושבי קרית יואל אויפגענומען מיט פרייד די מעלדונג דורך "קהל יטב לב סאַטמאַר קרית יואל" אַז צום צווייטן יאָר אין דער רייע וועט איינגעפעדעמט ווערן דער העכסט - געלונגענער און שטאַרק באַגריסנדע סדר וואָס איז פאַראַיאָר איינגעשטעלט געוואָרן צו פיל פאַרלייכטערן און אַהערשטעלן אַ ריכטיגע הרחבה פאר די חברי הקהלה, וועלכע ווענדן איינקויפן "ערב פסח מצות" כנהוג.

דער נייער סיסטעם פון קויפן און אָפּנעמען די "ערב פסח מצות" איז פאַראַיאָר דורכגעפירט געוואָרן מיט אַן אויסטערלישע סוקסעס ראַטע, זייענדיג ב"ה אַ סדר השוה לכל נפש, וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן דורך הנהלת הקהלה וועלכע האָבן גענצליך איבערגעמאַכט דעם גאַנצן סדר פון אָפּנעמען די ערב פסח מצות אין די פארנומענע שעות פון ערב פסח, וואס איז טאַקע באַגריסט געוואָרן צו די פולקאמע צופרידנהייט פון אלע חברי הקהלה.

דער יעצטיגער סדר איז אויסגעשטעלט געוואָרן מיט אַ סיסטעם אַז עס ווערן בלויז פאַרקויפט אַ באַשטימטע צאָל סעטס מצות, מיט אַ שטאַרקן דגוש אַז ס'זאָל זיין בלויז וויפיל מען איז הונדערט פראָצענט פארזיכערט אז די שטאב קען אהערשטעלן רואיגערהייט למהדרין מן המהדרין.

די "ערב פסח מצות" וועלן דעריבער פאַרקויפט ווערן בלויז פאר אקטיווע חברי הקהלה, וואס האבן איינגעקויפט אין דעם בעקעריי די גאנצע מצות אָרדער און בלויז איין סעט פער מעמבער.

אַזוי אויך, כדי צו פארמיידן לענגערע ליניעס ביים בית האופה, וועלן די מצות פאַרטיילט ווערן אין קלענערע לאקאציעס, צעטיילט ביי די משמשים אין די בתי מדרשים דקהלתינו הק'. ווי די הנהלת הבית האופה וועט צוגרייטן סעטס לויט וויפיל קארטלעך עס איז געקויפט געווארן פון יענע לאקאל.

כדי צו פארמיידן א צומישעניש אין די פארנומענע ערב יו"ט שטונדן, וועט מען קענען אפנעמען די סעטס בלויז ביי דעם זעלבן משמש וואו מהאט באשטעלט די ערב פסח מצות, מיט די רעסיט פון די באשטעלונג.

אין אַ באַזונדערע אַנערקענונג פאר די געשעצטע "חברי זהב" פון דער קהלה, וועלן זיי נאָכ'ן ארויסנעמען א קארטל ביי די משמשים, באַקומען אַהיים דעליווערט די "ערב פסח" מצות צו זיך אין שטוב, להביע רננות בעד מפעלם.

גלייכצייטיג וועט אויך זיין אַ ספעציעלע מעגליכקייט פאר אידן וואָס ווילן אפנעמען די מצות פריער אין טאָג, אָנגעהויבן פון 2:30 נ.מ. פאר די פרייז פון 120 דאללער א סעט, דורך אַ ספעציעלע קארטל וואס מ'וועט קענען קויפן "בלויז" אין בית המדרש בית יקותיאל אין שכונת ויואל משה. און אפנעמען דארט ערב פסח.

די לאָקאַציעס וואו די שמשים וועלן פאַרקויפן קאַרטלעך און פאַרטיילן די "ערב פסח מצות" זענען אין די בתי מדרשים דקהלתינו הק', ביהמ"ד הגדול, ביהמ"ד בית כהנא, ביהמ"ד ישמח משה, ביהמ"ד בית יעקב, און ביהמ"ד בית יקותיאל, די קארטלעך וועלן פארקויפט ווערן פון מיטוואך תזריע - ביז דינסטאג טהרה, און מען האָפט אַז עס וועט טאַקע זיין אַ הצלחה אויפ'ן שענסטן פאַרנעם.

**בערב תאכלו מצות!**

# גרויסאַרטיגע פסח חלוקה מיט אלע נויטיגע צרכי יו"ט פארטיילט בדרך כבוד פאר אלע מתפללי ביהמ"ד בית יקותיאל דקהל יטב לב

### פערזענליכע אונטערנעמונג פון מו"ה ר' נפתלי סופר הי"ו רוח החיים דביהמ"ד בית יקותיאל

**יעדע חלוקה פעקל אין די ווערט פון קרוב צו 1000 דאללער!**

Satmar Matzos
Cong. Yetev Lev Satmar
Kiryas Joel

סאטמאר מצות

סאטמאר מצות
בית האופה דקהל יטב לב
קרית יואל

25 Larkin Drive • Monroe, New York 10950 • T: 845.783.2590 • F: 845.388.1206

# בערב תאכלו מצות

תלי"ת, פאלגענד טוען מיר איינמעלדן פארן ציבור, אלפי חברי קהלתינו הקדושה

## דער סיסטעם פון באשטעלן און אָפּנעמען די

# ערב פסח מצות

## לקראת חג המצות תשפ"ד לפ"ק

**מיר וועלן היי יאר בעז"ה אהערשטעלן דעם זעלבן געניטן פראקטישן סיסטעם פון פאריאר ערב פסח תשפ"ג העעל"ט, וואס איז גאר שטארק באגריסט געווארן דורך די טויזנטער חברי קהלתינו הק'**

## מינימום צאל סעטס

כדי צו פארזיכערן אז יעדער וואס קויפט איין א סעט זאל זיין פארזיכערט דערמיט ערב פסח וועלן מיר בלויז פארקויפן א מינימום צאל סעטס בלויז וויפיל מיר זענען פארזיכערט אז אונזער שטאב קען אהערשטעלן רואיגערהייט למהדרין מן המהדרין.

- **בלויז פאר אקטיווע מעמבערס בקהלתינו הק' וואס האבן איינגעקויפט די גאנצע מצות ארדער אין אונזער בעקעריי.**
- **בלויז איין סעט פער מעמבער.**

## קלענערע לאקאציעס

די מצות וועט מען פארטיילן אין קלענערע לאקאציעס, צוטיילט ביי די משמשים אין די בתי מדרשים דקהלתינו הק'. ווי די הנהלת הבית האופה וועט צוגרייטן סעטס לויט וויפיל קארטלעך עס איז געקויפט געווארן פון יענע לאקאל.

כדי צו פארמיידן א צעמישעניש אין די פארנומענע ערב יו"ט שטונדן: וועט מען נאר קענען אפנעמען די סעטס ביי די זעלבע משמש ווי מ'האט באשטעלט די ערב פסח מצות, מיט די רעסיט פון די באשטעלונג.

## דעליווערי פאר חברי זהב

חברי זהב דארפן אויך ארויסנעמען א קארטל ביי די משמשים, און די ערב פסח מצות וועט - אזוי ווי די פארגאנגענע יארן - ווערן אהיים דעליווערט צום שטוב. (די וואס וועלן נישט ארויסנעמען קיין קארטלעך, וועלן מיר נישט דעליווערן קיין מצות.)

## אפנעמען פריער אין טאג

**עס וועט זיין א מעגליכקייט פאר ווער עס וויל אפנעמען די מצות פון 2:30 נ.מ. פאר די פרייז פון 120 דאללער א סעט. ביי א ספעציעלע קארטל וואס מ'וועט קענען קויפן "בלויז" אין בית המדרש בית יקותיאל אין שכונת ויואל משה. און אפנעמען דארט ערב פסח.**

# די קארטלעך וועלן נאר פארקויפט ווערן פון מיטוואך תזריע - ביז דינסטאג טהרה

דערנאך קענען מיר נישט גאראנטירן קיין מצות פאר קיינעם

בברכת חג כשר ושמח
**הנהלת סאטמאר מצות**

## לאקאציעס

פאלגענד איז די 5 לאקאציעס ווי מ'וועט קויפן די קארטלעך און פארטיילן די מצות ערב פסח:

**בית המדרש הגדול:**
מוה"ר **שמעון יושע ווייס** הי"ו
יעדן אינדערפרי:
פון 8:00 ביז 11:00 • זונטאג ביז 12:00
יעדע נאכט: פון 8:30 ביז 10:30

**ביהמ"ד בית כהנא**
מוה"ר **זלמן לייב מארקאוויטש** הי"ו
משמש

**ביהמ"ד ישמח משה**
מוה"ר **משה יאקאבאוויטש** הי"ו
משמש

**ביהמ"ד בית יעקב**
מוה"ר **שמחה שטיין** הי"ו
משמש

**ביהמ"ד בית יקותיאל**
מוה"ר **שלום יוסף אייזענבערג** הי"ו
גבאי



SATMAR SK KASHRUS
ועד הכשרות סאטמאר

בס"ד


# זַכַּאי בְּהַגְרָלָ"ה!

פאלגענד זענען די גליקליכע

## עלטערן-געווינער פון די ערשטע סעריע גורלות:

**ד' שמיני** כ"ד אדר

$500 sockprints
Sockprints | Brand Presentation
געווינער: מו"ה יעקב יששכר שניצער הי"ו

$500 Robo Vacume
געווינער: מו"ה יושע אליעזר שטויבער הי"ו

**ה' שמיני** כ"ה אדר

$500 מצות
סאטמאר מצות
געווינער: מו"ה שמואל שמעון זאפיר הי"ו

$500 טיכלעך
ESLA SILKS
געווינער: מו"ה נפתלי ווינקלער הי"ו

**א' תזריע** כ"ו אדר

$500
סאטמאר פלייש
קרית יואל
געווינער: מו"ה יואל הלל פריעדמאן הי"ו

$500
MEN'S CORNER
געווינער: מו"ה פנחס פריעדמאן הי"ו

**ב' תזריע** כ"ח אדר

$500 פיש
REBFISHEL
SEA-TO-TABLE FRESH
געווינער: מו"ה יואל דערשאוויץ הי"ו

$500 קעש קארד
געווינער: מו"ה שמשון צבי פאגעל הי"ו

**ג' תזריע** כ"ט אדר

הערליכע טשענדעליער
HELLO LIGHTING
געווינער: מו"ה לייבוש פארקאש הי"ו

GB קלאודינג פעקעדזש
GB $1000 ווערד
געווינער: מו"ה הערש אלימלך דערשאוויץ הי"ו

ד' שמיני מו"ה משה בצלאל פרידריך הי"ו
ה' שמיני מו"ה יצחק אהרן זעלצער הי"ו | א' תזריע מו"ה יואל בר"י מארקאוויטש הי"ו
ב' תזריע מו"ה שלום דוב קופטשיק הי"ו | ג' תזריע מו"ה שמעון ברוך פריעדמאן הי"ו

צוגאב טעגליכע גורל $100 דעלי ביי סאטמאר פלייש

מאַכט אייער שכ"ל באַלאַנס 0
אדער $3,500 אויפן חשבון
היינט!

רופט היינט די שכ"ל אפיס:
845.782.8800 #321

יעדער טאַטע צאָלט; יעדן טאָג גורלות!

# לְךָ וּלְךָ... כִּי לְךָ

## די קומענדיגע גורלות וועט איר געווינען אי"ה!

**ד' תזריע** ב' ניסן
$500 — all in one, Major Appliances & Electronics, SHOWROOM & STORE, 1 Lemberg Ct. #003 (Cor. Acres Rd.) 845.774.2433
$500 — B PRINCESS BOUTIQUE

**ה' תזריע** ' ניסן
$500 — SHEFA DEPARTMENT STORE, KJ Shopping Center
$500 טיכלעך און פארמס — skärvz

**א' מצורע** ו' ניסן
$500 קעש קארד
הערליכע מלכות פסח סעט — MALCHUS FINE JUDAICA

**ב' מצורע** ז' ניסן
$500 — kinder corner
$500 — blu shu

**ג' מצורע** ח' ניסן
$1,200 — LIVIO furniture
$3,000 — מיללער שטריימל
קען נוצן די געווינס ווען מען וויל

**ד' מצורע** ט' ניסן
$500
$300 שמש שטיבל בביהמ"ד הגדול

**ה' מצורע** י' ניסן
אפיקומן $500 — FUNTAZZ
$500 נשר — NESHER JUDAICA

**א' אחרי א'** י"ג ניסן
זשועלערי $1,000 — LAFEER'S Jewels
זילבער $1,000 — CROWN STERLING

צוגאב
טעגליכע גורל
$100
דעלי ביי סאטמאר פלייש

## נאענט צו טויזנט עלטערן כ"י
שוין אַריינגעשלאָסן אין די גורלות, מיטן אויסצאלן זייער
## שכר לימוד צו א זערא באלאנס!
זייט אויך פון זיי! ערפולט אייער פליכט!

# ביומו תתן שכרו

# מוסדות סאטמאר קרית יואל
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקדוש זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

אין שמחת יום טוב אלא בבשר:

# רחבות'דיגע 'טעיק־אוט' שאַטער ווידעראַמאָל אויפגעשטעלט פאָרנט פון 'סאַטמאַר פלייש' אויף פאַרעסט ראָוד צו סערווירן טויזנטער תושבים מיט העכסטע קוואליטעט אין די ערבי פסחים

## באַגריסנדע איינשטעל אונטערנעמען עפ"י הוראת הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א און רבני 'וועד הכשרות קרית יואל' צו האלטן גאנצע פלייש געשעפט דעזיגנירט בלויז פאר די טויזנטער פסח ארדערס אויפ'ן העכסטן כשרות סטאנדארט

קרית יואל. - פארבייגער און קליענטן פון דער באַרימטער "סאַטמאַר פלייש" געשעפט נעמען ווידעראמאל אויף די פרישע ערב יום טוב אונטערנעמונג דורך די הנהלת סאטמאר פלייש פאַרוואַלטונג, צו אַהערשטעלן אַ רחבות'דיגן שאַטער, ספּעציעל פאר די יעצטיגע פאַרנומענע סעזאָן, צו סערווירן די איבערפליסענדע וואוקס פון אַריבער 4 טויזענט צופרידענע קאָסטומער וועלכע קויפן אלע זייערע פלייש געברויכן אויסדריקליך אינעם 'סאטמארן' פלייש יאַטקע, און דערמיט אויך פאַרזיכערן אַ געוואַלדיגן הידור אַז דאָס געשעפט זאל זיין אהערגעשטעלט אויפ'ן סאמע העכסטן סטאַנדאַרט צום יום טוב פסח הבעל"ט.

### אַ הידור אין כשרות; אַ פּראַקטישע רחבות

תושבי קרית יואל ווייסן אז די העכסטע חומרות אויפן פעלד פון כשרות הבשר איז אין דער 'סאטמאר פלייש' געשעפט, וועלכע שטייט בהשגחת הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א אינאיינעם מיט די רבני וועד השחיטה דק"ק סאַטמאַר. דאָס איז טאַקע וואָס ברענגט דעם פלייץ פון פרישע קליענטן וואָס האָט געברענגט דערצו אַז דאס ביז יעצטיגע געשעפט איז שוין א לאנגע צייט אויסגעוואקסן פון קענען סערווירן אזא גרויסע קליענטל.

איבערהויפט איז דאָס קענטיג אין די טעג נענטער צו די ערבי פסחים וואס הייבט פילפאכיג דעם פארקער אינעם געשעפט פון די טויזנטער דעליווועריס וואס פאַרוואַנדלט דעם געשעפט אין א ערנסטען שיפּינג צענטער, און באזונדער די פארגרעסערטע אנוועזנהייט פון תושבי קרית יואל וועלכע קומען אריין אינעם געשעפט פאר די בארימטע 'טעיק אוט' סערוויס, אינאיינעם מיט דעם גאנץ יעריגע ווירטשאפט נאכצוקומען אזא ברייטן ציבור בליעה"ר.

אָט דערפאַר איז עפ"י הוראות הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, אינאיינעם מיט די רבני וועד הכשרות, באשטימט געווארן צו האלטן דעם גאנצן פלייש יאטקע געווידמעט בלויז פאר די טויזנטער פסח דעליווועריס, און אַהערשטעלן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג וואָס זאָל באַדינען די גאנציעריגע אָרדערס און 'טעיק אַוט" אויפ'ן שענסטן און מהודר'דיגסטן פאַרנעם.

### ספּעציעלע שאַטער ווערט אויפגעשטעלט פאר באַקוועמליכקייט פון קאָנסומער

נאך אינטענסיווע ארבעט אריינגעלייגט פאריאר אהערצושטעלן דעם שטח האט מען אצינד ווידעראמאל אויפגעשטעלט א גרויסן באקוועמען שאטער פארענט פונעם פלייש געשעפט ספּעציעל פאר די דעלי און טעיק אוט.

דער שטח איז פאריאר ספּעציעל אהערגעשטעלט געווארן, און איז פאר דעם צוועק אויסגעהאקט געווארן פון ביימער און אנדערע שטערונגען, און ווערט באנוצט דורכאויס דעם יאר דורך די פלאטע פון סאטמאר פלייש ווענס פאר פארקינג.

דער אויסגעפלאסטערטער שטח מיט געגאסענע אַספאַלט, דינט אצינד פארן געברויך פון א רייע אויסברייטערונגען ארום דעם געשעפט ס'זאל דינען פראקטיש פאר ערב פסח און א גאנץ יאר.

### אַ מהודר'דיגע ערב פסח עפּאָכע אין קרית יואל!

דער באקוועמען לאקאל פאר די 'טעיק-אוט' דעפארטמענט טוט אריינברענגען א גענצליכע התחדשות מיט פיל ברייטערע מעגליכקייטן נאכצוקומען דעם אויסטערלישן פארלאנג פאר פארטיג גרייטע עסן צו סערווירן די משפחה אין די יעצטיגע ערבי פסחים.

דער 'טעיק-אוט' לאקאל איז צוטיילט באזונדער פארן 'טעיק-אוט' און א באזונדערע ברייטע אויסוואל פארן 'סענדוויטש דעפארטמענט' צו קענען סערווירן פילע קליענטן אין די זעלבע צייט יעדער לויט זייער געברויך און פארלאנג שנעל און געשיקט.

באזונדערע כוחות איז אריינגעלייגט געוואָרן, סיי מטעם הכשרות און אויך אויפ'ן פראקטישן פראָנט, אויפצושטעלן באזונדערע קעשירס פאר די אויסגעברייטערטע 'טעיק אַוט' דעפּאַרטמענט, אזוי ארום צו האלטן דעם גאנצן געשעפט פולקאם אָפּגעטיילט, דערמיט צו פארזיגלען דעם 'סאטמאר פלייש' געשעפט אלס אויסשליסליך 'כשר לפסח' דורכאויס דעם גאנצן פסח סעזאָן.

די אונטערנעמונגען על משמרת הכשרות ווערט אויפגענומען מיט גרויס צופרידנהייט ביי די טויזנטער קליענטן וועלכע קויפן דייקא אינעם 'סאטמאר פלייש' געשעפט צוליב איר העכסטע סטאנדארט אין כשרות. און אצינד גייענדיג מעלה בקודש עפ"י הוראות הדומ"ץ שליט"א ווערט דאס שטארק באַגריסט דורך מדקדקים בכשרות און תושבי העיר בכלל.

די פלייש פארוואלונג קוקט טאַקע ארויס צו קענען טאקע סערווירן די קליענטן מיט די בעסטע קוואליטעט און העכסטע כשרות סטאַנדאַרטן אַז די טויזנטער קליענטן זאלן אָנקומען צום יו"ט מיט הרחבת הדעת, ביז מיר וועלן אָט זוכה זיין לאכול שם מן הזבחים אינאיינעם בבנין בית המקדש.



ישיבה
תורה ויראה
ובית רחל דרב"י
מסאטמאר

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ספעציעלער
רוף צו
תושבי
קרית יואל
רבתי

יעדע ערבֿ פסחים!
איז די ריכטיגע צייט אויסצוצאָלן אייער
כ"א כסלו דינער-געלט
לטובת אונזערע הייליגע מוסדות אין וויליאַמסבורג




$1000
סדר-טיש גורלות
$500
קרעסטיד נסיעה
$100 / $250
פסח-פעקעדזש גורלות

רופט שוין:
רופט 24 שעה מיט אייער קרעדיט קארד:
718.963.9260 #84

און גלייכצייטיג קענט
איר זיין דער גליקל
יכער געווינער פונעם
פראַכטפולן
סדר-טיש



הכונו!
קרית יואל
מקבל זי...
מאכט זיך גרייט צו
השפעות טובו...
דורך צדקת רבי מאיר בעל הנס
מעיין הישועות - אלקא דמאיר ענני
כולל שומרי החומות
לצדקת רבי מאיר בעל הנס
אבי המוסדות ואם הצדקות המסורה לנו מאבותינו ורבותינו מדור דור
צדקת רבי מאיר בעל הנס
שפע רב
השפעות טובות
דורך אונזער מסורה
קרית יואל
פסח אפיעל
מיסודו של מרן רביה"ק זי"ע • נשיא כוללנו



מעיין הישועות - אלקא דמאיר ענני
שומרי החומות
פסח אפיעל
אוועקגעשטעלט דורך:
מרן רביה"ק זי"ע מייסד עירנו

מיט וויינינגער ווי צוויי וואָכן צו פסח, דער "ראשון הוא לכם" טייטשט זיך אָפּ מיט הילכיגן אָפּקלאַנג:

# חיזוק אין קרית יואל'ס מוסדות-אָפּיסעס אין העכסטע ספערן; ס'שפּעּרט מיט טויזנטער $600 נדבות פון אלפי התושבים וועלכע דעמאָנסטרירן "ראשון הוא"!

תושבי קרית יואל דעקלאַרירן בכל לבם ובכל נפשם:

גאָרנישט אויף די וועלט איז אונז נישט וויכטיגער ווי אונזערע טייערע קינדער און אונזערע הייליגע מוסדות; דאָס איז "ראשון הוא לנו"!!

באזונדערע גורל צום תשפ"ד קאמפּיין – על כוס יין מלא:

## זילבערנער כוס של אליהו" גורל פּראקלאמירט פאר "$360 נדיבים"



במיוחד פאַר אינגע אברכים בני תורה ומעטי יכולת וואס ווילן בלבם ובנפשם האבן אַ חלק לחזק המוסדות ערבי פסחים!

לרומם ולהדר ולנצח

אַ ריכטיגער ענג יום טוב והידור מצוה:

## פּרעכטיגע פּרעזענטאַציע פון אַריסטאָקראַטישע סדר-טיש זילבער-שטיקער אין ווערד פון קאָלאָסאַלע 30 אלפים באַגייסטערט מוסדות-באַזע פון אלפי תומכים והורים ותושבים

נייעסטע מוסטערן פון טייערסטע און שענסטע כלי כסף וועט ערמעגליכן גליקליכער געווינער צו מקיים זיין העכסטן באַדייט אינעם "יסדר שלחנו בכלים נאים" מיט די קייזערליכע כלי כסף המפוארים צום ליל התקדש החג

# גאַנצע שטאָט איז אַנטשלאָסן צו פאַרזיכערן ווייטערדיגע אָנגייענדע קראַנטע סטאַבילע עקזיסטענץ פון די הייליגע מוסדות יפה נוף משוש כל קרית יואל



קרית יואל. – ס'שוין נאָך אַ וואָך נאָענטער צום פסח, און דער "ראשון הוא" אויסגעשריי פון די הייליגע שטאָט קרית יואל ווערט אַלץ העכער און מער אפקליגענד, מער העפטיג און מער דרינגענד, ווען אָט אָט רוקט מען זיך שוין נאָענטער צום ליל התקדש החג און ביי דעמאָלט מוז מען שוין האָבן דערגרייכט דעם "ראשון" ציל, אַז "יעדער" מאנ"ש תושבי קרית יואל זאָל זיך אָנשליסן מיט $600 פאַר די הייליגע מוסדות, צו פאַרזיכערן אַז מ'קען "ווייטער באַצאָלן" די געטרייע כלי קודש!

ס'נישט משער צו זיין דעם חיזוק, די ערמוטיגונג, אין די אָפיסעס פון די הייליגע מוסדות – אין אָט די זעלבע אָפיסעס וואו מ'שטייט יעדן טאָג און מ'בלוטיגט צו דעקן דעם באַנק – ווען מ'זעט ב"ה עין בעין ווי עס פליסן אַריין יעדן טאָג די מאַסן $600 נדבות, נאָך אַ נדבה און נאָך אַ נדבה, בלב שלם, פון תושבי עירנו וואָס דער קיום המוסדות גייט זיי בלבם ובנפשם!

600 דאָלער איז נישט אַזויפיל געלט, איבערהויפט מיט די היינטיגע אינפלאַציע.

אָבער ווען טויזנטער אידן געבן אויפאַמאָל זעקס הונדערט דאָלער ערבי פסחים, איז דאָס אַן אינדיקאַציע! אַן איבערצייגונג אַז דאָ ליגט עפּעס טיפער! דאָ ווילן טויזנטער אידן אויסרופן אינאיינעם: אנחנו עמכם גבורי החיל! מיר ווילן נישט, בשום אופן שבעולם, איר העלדישע ראשי המוסדות זאָלט חלילה אַרונטערפאַלן! מיר זענען מיט אייך.

יעדע 600 דאָלער נדבה איז אַ שטיק חיות!

יעדע 600 דאָלער נדבה איז אַ שטיק חיזוק!

יעדע 600 דאָלער נדבה ציגט פאַר די הנהלת המוסדות קליפּ און קלאָר אַז מיר ווייסן די שוועריגקייטן, מיר פאַרשטייען די פלאָגעניש, און מיר זענען דאָ צו העלפן! יהי' מה שיהי' וועלן די הייליגע מוסדות האָבן אַ רוקנביין, און קיין תושב קרית יואל וועט קיינמאָל, קיינמאָל, די מוסדות נישט לאָזן פאַלן!

מיט יעדן פאַרבייגייענדן טאָג, ווען די דינער-עסקנים קומען צוריק מיט פרישע באַגאַזשן 600 דאָלערדיגע נדבות, ווערן די מוסדות-אָפיסעס אָנגעפולט מיט זאַפּאַסן התחזקות; ס'גלעט דאָס האַרץ, ס'ערמוטיגט די כוחות אָנצוגיין ווייטער, ביתר שאת וביתר עז.

**יעדער קווועלט, יעדער גיט 6, מאות פאַר "אונזער עקזיסטענץ"!**

"יעדער" קווועלט דאָך פונעם פרעכטיגן מציאות המוסדות, ווי לעכטיג די מוסדות בליען, אזוי הערליך, אזוי ריין, אזוי שיין, אזוי פעסט, אזוי מאַסיוו, ברוחניות ובגשמיות, כולך יפה רעייתי, ורוח הקודש אומרת – נאכאנאנד און אומאויפהערליך – כן ירבה וכן יפרוץ!

"יעצט" ערבי פסחים, ווען יעדער וויל דאָך פאַרטיילן זיין ערב פסח צדקה, איז ביי יעדן איינפאַך און קלאָר, אַז מ'וויל דאָס ערשטע און וויכטיגסטע אָפּגעבן די "ראשון הוא" געלט פאר אונזערע הייליגע מוסדות, וואס איז ביי אונז דאָס טייערסטע, חשוב'סטע, וויכטיגסטע און הייליגסטע!

אין למעלה הימנה! ראשון הוא לנו! ראשון הוא לך!

די מוסדות איז ביי אונז נומער איינס, וקודמת לכל דבר שבעולם!

אונזער סאַמע העכסטע פּריאָריטעט, ווייל "דאָס" איז אונזער קיום! "דאָס" איז אונזער עתיד! "דאָס" איז אונזער נחת!

און צו זען אונזערע מוסדות ווייטער וואַקסן און בליען איז אונזער גרעסטער ציל, מיט'ן גרעסטן מאָס קראַנטקייט און פעסטקייט, מיט די מאַקסימום סטאַביליטעט וואָס נאָר שייך.

**די מאַיעסטעטישע זילבער-שטיק באַגייסטערן די שטאָט!**

ווען אין קרית יואל איז פּרעזענטירט געוואָרן דער פּראכטפולער און מאַיעסטעטישער "סדר טיש גורל", האָט עס פּריש אַרויסגערופן אַ התפעלות ביי יעדן איינעם. דאָס איז עפּעס אויסנאַם, אַ טיש וואָס מ'זעט נישט דאָס גלייכן.

מ'האָט געלאָזט אַהערשטעלן אַ מייסטערהאַפטיגע קייזערליכע קאָלעקציע, פון מאַיעסטעטישע "זילבער שטיק" – פון דער נייער באַרימטער "קראון" געשעפט דאָהי אין קרית יואל, וועלכע האָט זיך ספּעציעל צוגעשטעלט מיט אַן אויסערגעוועגליכער געשטריישאַפט לטובת המוסדות – די נייעסטע מוסטערן וואָס זענען ערשינען היי-יאָר אויפ'ן מאַרקעט!!!

אַ "סדר טיש" מיט כלי כסף, וואס פארכאפּט איינפאַך די אויגן מיט'ן אויסטערלישן מלכות'דיגקייט און נאָבעלער פּראַכט וואָס האָט נישט דאָס גלייכן! תפארת שבמלכות, מלכות שבמלכות!

ווען מ'כאַפּט אַ בליק אויף די זילבער-פּרעזענטאַציע אַנטפּלעקט זיך אַ רייכקייט באמת פון די שענסטע כלים וואס זענען נאר פארהאנען צו באַשיינען און פאַרהערליכן דעם "סדר טיש" פון דעם גליקליכן געווינער.

די "שטיקער" רעדן פאַר זיך; אַ מלכות'דיגע וואַסער טעפּל און שיסל, א קעניגליכע ווײַן פלאַש און טאַץ אַ פּרעכטיגע קערה, אַ בעכער מיט אַ טעצל און דעקל, א מאַיעסטעטישע בלומען וואַזע, א חידוש'פולער הדסים האַלטער, א.א.וו. ממש פּרעכטיג. ריין-זילבער, באַצויבערנדע קונסט-דעזיינס אויפ'ן רייכסטן און מלכות'דיגסטן פאַרנעם, עלעגאַנט און אַריסטאָקראַטיש.

ובכן, ווען דאָס גאַנצע וואָס פאָדערט צו קענען געווינען אַזאַ ווערדפולקייט איז אַן אָנשלוס פון $600, פאר די אייגענע הייליגע מוסדות, וואס מ'וויל דאך סייווי בלב ובנפש שטיצן און העלפן איבערהויפּט פאַר פסח, איז דאָך דער חשבון אַן איינפאַכע און קלאָרע; "יעדער" וועט זיך דערינען אָנשליסן!

דאָס איז באמת די בפירוש'ע הלכה אין שלחן ערוך וואָס שרייבט פאָר אויף דעם ליל התקדש החג, אַז "יסדר שלחנו בכלים נאים", איינרישן דעם טיש מיט הערליך-שיינע כלים, ווי ס'פּאַסט אין אַזאַ נאַכט, ווען יעדער איד איז ווי אַ מלך בביתו, כאילו הוא יצא ממצרים!

מיט אַזאַ סדר טיש – וואָס דער סך הכל ווערד פון די זילבער שטיק איז ביי אומגעפער 30 אלפים כיכר כסף – וועט דאָך דער געווינער באמת זיצן ביים סדר ווי אַ ריכטיגער מלך, לכבוד יום טוב. דערצו, ווען אַלע קינדערלעך אַרום דעם טיש ווייסן אַז דאָס האָבן מיר עררייכט ווייל אונזער טאַטע שטיצט די הייליגע מוסדות בלב ובנפש! אַך ווי שיין!

איינציגסטער תושב קרית יואל "ראשון הוא"! מיר שטיצן און שענקען מיט'ן גאַנצן האַרץ! ס'איז זיכער, אָן קיין צווייפעל, אַז "יעדער" וועט זיך אָנשליסן, צו שענקען דעם מינימאלן סכום פון $600 דאלער צום "ראשון הוא קאמפיין", און געווינען די מלכות'דיגע שטיק, וואס פאַרכאַפּן די אויגן מיט זייער פּראכט, און קענען נאָך אויפ'ן היי-יאריגן פסח באַצירן אייער סדר-טיש, און דערמיט פאַרזיכערן דעם ווייטערדיגן קיום המוסדות לשם ולתפארת!

**ראשון הוא! חידושים אין התלהבות – חידושים אין אָנשלוס – חידושים אין געווינסן!**

## באַזונדערע גורל צום תשפ"ד קאמפיין — על כוס יין מלא:

# פּרעכטיגער "זילבערנער כוס של אליהו" גורל פּראָקלאַמירט פאַר "$360 נדיבים"



### במיוחד פאַר אינגע אברכים בני תורה ומעוטי יכולת וואָס ווילן בלבב ובנפשם האָבן אַ חלק לחזק המוסדות ערבי פסחים!

אויב איז די מוסדות "ראשון הוא", דאָס ערשטע און וויכטיגסטע ביי יעדן תושב קרית יואל וואָס האחריות למען הדורות איז נוגע ללבו, דאַן איז קלאָר געוואָרן ביי הנהלת המוסדות אַז מ'דאַרף ערצייגן נאָך אַ סוג, צו ערמעגליכן אויך די וואָס קענען לעת עתה מיט'ן בעסטן ווילן זיך נישט דערלויבן דעם גאַנצן סכום פון 600 דאָלער, אַז זיי זאָלן אויך קענען זיין אַ טייל פונעם קאמפיין.

ווען אין קרית יואל פלאַקערט אַן התלהבות פון "ראשון הוא" וויל דאָך נישט קיינער שפּירן ווי ער איז אַנדערש. ס'ווילט זיך ביי קיינעם נישט אַרויסבלייבן פונעם כח הרבים של כל תושבי העיר וואָס טוען אינאיינעם ערפילן זייער פליכט ערבי פסחים למען דורותינו, מיט'ן אַנטיילנעמען אינעם קאַמפּיין פאַר אונזערע הייליגע מוסדות.

אָט דערפאַר האָט מען אַהערגעשטעלט אַ פרישע דרגא אינעם קאמפיין. נעמליך, פאַר אידן וואָס שטרענגען זיך אָן צו שענקען כאָטש 360 דאָלער, האָט מען פּראָקלאַמירט אַ ספּעציעלן גורל, אויף אַ פּראַכטפולער "זילבערנער כוס של אליהו", בעתו ובזמנו ערב ליל הסדר תשפ"ד, וואָס וועט געצויגן ווערן בו ביום, אינעם זעלבן טאָג ווי מ'וועט ציען דעם צענטראַלן פסח-טיש גורל.

דאָס איז ספּעציעל מיוחד פאַר די אידן וועלכע קענען נישט אויפ'ן מאָמענט שענקען די גאַנצע 6 מאות, אָבער זיי ווילן פאָרט למען ה' אויך זיין אַ חלק אַרויסצוצייגן זייער חיזוק און זייער התלהבות פאַר די הייליגע מוסדות, אַז זיי זאָלן אויך קענען מחזק זיין די הייליגע מוסדות.

ומכאן הקריאה יוצאת: איש איש כפי יכלתו! טייערע תושבי קרית יואל, אחד המרבה ואחד הממעיט, יעדע נדבה איז קריטיש, יעדע נדבה איז הייליג, יעדע נדבה איז טייער, ובפרט שיכוין לבו לשמים, לחזק את עתיד דורותינו ויסוד קיומינו!

די קאַסע פון די הייליגע מוסדות בלוטיגט, און יעדער דאָלער העלפט מ'זאָל זיך קענען סטאַביליזירן און אָנגיין ווייטער בכח לעשות חיל!

**שליסט אייך אָן מיט די מאַקסימום וואָס איר קענט, וכל המוסיף מוסיפין לו מן השמים!**

**געווינט דעם פּראכטפולן מלכות'דיגן "כוס של אליהו" לכבוד יום טוב, על כוס יין מלא כברכת ה'!**

## דער "ראשון לחדשי השנה" איז שוין דאָ; קרית יואל שרייט: ראשון הוא!

מיט דעם ווענדפּונקט פון "ראש חודש ניסן" וואָס זאָגט אונז דאָך אָן אַז פּסח איז שוין אָט ביים שוועל, ווערט די לופט אין מוסדות קרית יואל'ס צענטראַלע אָפיסעס אָנגעצויגן און געשפּאַנט אויף די העכסטע אָקטאַוון; "די הויט ברענט"! מ'מוז דאָ סטאַביליזירן דעם בודזשעט און פאַרזיכערן אַז קרית יואל שפּאַנט אַריין רואיג אינעם יום טוב, אַז אונזערע הייליגע מוסדות וועלן ווייטער קענען באַצאָלן די מלמדים בעתו ובזמנו!

יעדן טאָג, בלי גוזמא, פון יעצט ביז פּסח, דאַרף אויפגעטריבן ווערן שווערע הונדערטער טויזנטער דאָלער! און יעדער דאָלער פון "דאָהי", תושבי קרית יואל, אנשי שלומינו, הורים נאמנים, תומכים יקרים!

די ברענענדיגע אַקטיוויטעטן ווערן אַצינד פאַרדאפּלט און פאַרשטאַרקט; סיי די עסקנים וואס זענען מיוחד אויף ארומצוגיין אין די בתי מדרשים, אפּנעמען די נדבות פונעם ציבור, סיי די גבאי קודש וואס גייען ארום איבער די הייזער פון די נדיבים, און אנדערע עסקנים-גרופּעס וואס רופן ארום צו די עלטערן און תומכים פּערזענליך, יעדער לייגט אריין די מאַקסימום כוחות, צו העלפן דערגרייכן דעם ציל בעז"ה, ובשם ה' יעשו ויצליחו!

די הנהלת המוסדות ווענדט זיך צום ציבור, מיט א הייסע בקשה, אנא חזקינו נא! טייערע אנ"ש, טייערע עלטערן, העלפט אונז ארויס! איר ווייסט דאך דעם אמת, אז "דאָס" איז "ראש וראשון"; נישטאָ קיין וויכטיגערס אויף דער וועלט ווי די אייגענע קינדער!

ובכן בעטן מיר אייך: אל תעמדו מנגד! שטייט נישט אין דער זייט בשעת מ'מוטשעט זיך אַזוי איבערגעוועגליך מיט אזעלכע ריזן-סכומים, צו קענען דעקן דאס געהאלט פון די אייגענע מלמדים וכלי קודש! זיי זענען מקיים דעם "והגדת לבנך" יעדן איינציגן טאָג פון יאר; העלפט די הייליגע מוסדות זאָל זיי קענען באַצאָלן אַ גאַנץ יאָר בעתו ובזמנו, זייט מטיב זיין, זייט הייבן, זייט מרומם זיין, זייט מחזק זיין, און דערמיט פאַרזיכערט איר דעם עתיד הדורות! שליסט אייך אָן "שוין", און איר געניסט פון דעם שכר בזה ובבא!

שרייט אַצינד אויס יעדער



סעיל
פארלענגערט
ביז ראש
חודש אייר
מאושר
סיינט אייך
היינט אויף
פאר א יערליכן
סובסקריפשאן
און באקומט א
וואונדערקינד
הויכהילכער
(ווערד $50)
גרינגער
און
ביליגער
סובסקריפשאן
סעיל!
$199 א יאר
(רעגולער $239)
וואונדערקינד
718.517.8310
VINDERKIND.COM



די וואך | שריפט | קינדער שריפט

די וואך איז
א גאנץ יאר

# פסח'דיג

רייכע
מלכות'דיגע
ארטיקלען

ריין פון יעדן
ברעקל חמץ

הונדערט
פראצענט
היימיש

כשר
בתכלית
הכשרות

# די וואך
# טיילט מעגא אפיקומן מתנות!

**סובסקרייבט אייך היינט און באקומט פינף הערליכע נייע שפאנענדע קאמיקס ביכער! + זיסע מיילער און מלכי סטיקערס פאר די קינדער.**

**3 טעג געבליבן**
צו באקומען די ביכער פאר יום טוב



דריי ביכער וועלן אנקומען ערב פסח אי"ה
צווי ביכער וועלן אנקומען ערב יום טוב שבועות הבעל"ט

סעיל גייט אן ביז זונטאג
פרשת קדושים – כ"ז ניסן

צו באקומען די ביכער בעפאר פסח,
שרייבט אייך איין בעפאר ז' ניסן

פארפאסט נישט דעם געלעגנהייט, רופט שווין:
718.305.5863 #1 | DeeVoch.com
Subscriptions@DeeVoch.com



פאָזיטיווע ערבי פסחים'דיגע איפּוּאַכמנע האַלט אלפּי ההורים געשפּאַנט:

## לעבהאַפטיגע שפּאַנונג צווישן טויזנטער קרית יואל'ער עלטערן אַרום די "טעגליכע גורלות" פון "ביומו תתן שכרו"

# דערגרייכונג: העכער 1,000 עלטערן האָבן שוין 0 באַלאַנס!

דער חידוש'דיגער "גורלות מהלך" פון וואָס יעדער רעדט:

## "יעדן איינציגן טאָג" ווערן געצויגן "2 גורלות" פאַר "אַלע עלטערן" וועלכע זענען אויסגעצאָלט מיט "0 באַלאַנס"!

## טעגליכער שטראָם פון הונדערטער גוטמוטיגע פּאַן-קאָלס אין קרית יואל'ס שכ"ל-אָפיסעס

פון עלטערן וואָס צאָלן אָפּ זייערע באַלאַנסן צו זיין אַ טייל פון די גורלות, און באַדאַנקען זיך פאַר דעם הערליכן מיטל אַלעמען צו אַנגאַזשירן אויף אַ פּאָזיטיוון אופן צו זיין אויסגעצאָלט מיט שכר לימוד און אַריינגיין אין פסח מיט אַ גוטמוטיגקייט!

אינציאַטיווע פון הנהלת המוסדות איבעראַשט אַלעמען:

## גאַנצע 2 וואָכן נאָכאַנאַנד יעדן טאָג צוויי גורלות; מיט ספּעציעלע טייערע "דינסטאָג גורלות"!

טויזנטער עלטערן פאָלגן נאָך מיט אינטערעסע די געווינער טאָג-טעגליך

זכאי בהגרל"ה, לך ולך, לך אף לך:

**ריי ערשטע געווינער פאַרעפנטליכט אין היינטיגן "וואָכנשריפט"; סעריע גורלות קומענדיגע 2 וואָכן הייבן ענטוזיאַזם ביי אַלע עלטערן צו זיין אָנגעשלאָסן!**

אין ברען פון אויסטערלישע יקרות-קריזיס אַ שטיק חיות:

## חיזוק'פולע ערמוטיגונג ביי הנהלת המוסדות זענדיג עלטערן'ס געטרייישאַפט איז עד אין לשער ואין לתאר!

קרית יואל. – לעבהאַפטיג און פּאָזיטיוו טוען טויזנטער קרית יואל'ער עלטערן אין די יעצטיגע טעג נאכפאלגן די "טעגליכע גורלות" וואס די הנהלת המוסדות טוט פראקלאמירן צום היי-יאריגן ערבי פסחים, אין אַ הערליכע אינציאַטיווע וויאַזוי צו ערמוטיגן די אלפי ההורים יעדער זאל אָפּצאָלן די שכ"ל חובות און שאַפן אַ פולשטענדיגע "0 באַלאַנס" דורכ'ן פארזיכערן דעם "ביומו תתן שכרו", צו ראַטעווען דעם יעצטיגן מצב הקשה וואָס פלאָגט אונזער הייליגע מוסדות-אימפעריע.

ס'איז חידוש'דיג. ס'איז אינטערעסאַנט. ס'איז רייך. יעדן טאָג ווען ס'קומט אין די אווענט-שטונדן שטייען שוין טויזנטער עלטערן געשפּאַנט צו הערן; ווער זענען די היינטיגע 2 געווינער, פון צווישן די העכער 1,000 עלטערן וועלכע האָבן שוין אויסגעצאָלט זייער שכר לימוד גענצליך!...

זכאי בהגרל"ה, כי להם נאה כי להם יאה, ווערט אצינד שוין פארעפענטליכט א גאנצע ריי מיט די "ערשטע סעריע גליקליכע געווינער", חשוב'ע געטרייע אחריות'דיגע עלטערן וועלכע האָבן אויסגעצאָלט זייער שכר לימוד, און זיי האָבן זוכה געווען צו

ווערן אויסגעקליבן אַלס די זוכים פון די רייכע טעגליכע גורלות; 2 פער טאָג, יעדן איינציגן טאָג, נאָכאַנאַנד.

## יעדן טאָג נייע גורלות; יעדן טאָג נייע עלטערן דערינען!

ס'נישטאָ קיין איין טאָג וואָס די גורלות זענען די זעלבע ווי נעכטן. יעדן טאָג עפּעס פריש, עפּעס ניי, עפּעס אינטערעסאַנט, עפּעס ווערדפול, עפּעס פונקט פּאַסיג פאַר יום טוב, עפּעס פסח'דיג, וואָס יעדער וואָלט 'פּונקט' געוואָלט האָבן אין שטוב אויף יום טוב.

ווי צום ביישפּיל, געווינסן אויף: מצות; פלייש; גראָסערי; וויין; מענער קליידונג; פרויען קליידער; צירונג; לייטינג; שטריימל; זילבער; קינדער קליידער; אפיקומן קיופּאַנס; פיש; פסח סעט, און אַזוי ווייטער, יעדע סאָרט הוצאה וואָס אַ אידישע שטוב ניצט פאַר יום טוב!

אָבער נישט אין דעם ליגט דער הויפּט אינטערעסע, אַז יעדן טאָג איז דאָ גורלות וואס איז נישט געווען נעכטן – הגם, ס'געוויס אינטערעסאַנט ביז גאָר.

נאָר דער ריכטיגער שיינקייט איז אין דעם וואָס "יעדן טאָג" קומען צו נאָך הונדערטער 'עלטערן' וואָס זענען אַ טאָג פריער זענען זיי נאָכנישט געווען אין גורל, און היינט שוין יאָ!

וויאַזוי? ווייל זיי האָבן געטון וואָס איז וויכטיג; זיי האָבן געטון וואָס איז ריכטיג; זיי האָבן אויסגעצאָלט זייער שכר לימוד פאר זייערע טייערע קינדערלעך! זיי האָבן ערצייגט, ווי עכטע גוטע עלטערן, אַ 0 באַלאַנס למען בניהם!

## יום ג' שנכפל בו: יעדן דינסטאָג, טייערערע גורלות!

בעת יעדן איינציגן טאָג ווערן אפּגעהאלטן צוויי גורלות, ווערט ביום ג' שנכפל בו כי טוב, יעדן דינסטאָג, די ווערד פון די גורלות אַרויפגעצויגן צו נאך העכערע ספערן, מיט ספּעציעלע טייערערע געווינסן וואס מ'האט אויסגעקליבן, אַ שטייגער ווי – מיר כאפּן א בליק אויף דעם דינסטאָג תזריע – אַ מלכות'דיגער שענדעליער און אַ טויזנט דאָלער'דיגער זשי.בי. בגדים פּעקעדזש!

אין אַ אינפלאַציע-תקופה וואו אלעס קאסט אזוי טייער, זענען דאך אזעלכע געווינסן אַזוי ווערדפול אין אַ אידישע שטוב, אין אזא קאסטבארע צייט ווי ערבי פסחים, ווען יעדע רגע מוז מען האבן ביי די האַנט נאך און נאך געלט צו קויפן די וויכטיגסטע הוצאות הבית.

דערפאַר טאַקע, זאָגן די שכר-לימוד אָפּיס איינגעשטעלטע, אַז אום דינסטאָג אָוועגט זעט זיך אָן אַ דאָפּעלטער "פּאַרקער" פון מאַסן עלטערן וואָס שטראָמען – פּערזענליך און טעלעפאָניש – אפּצוצאלן זייערע שכ"ל באלאנסן, פאַרזיכערן אַ 0 באלאנס, אדער כאטש אַהינגעבן אַ 3,500 דאָלערדיגער פּעימענט אויפ'ן חשבון.

אַזוי ווערן זיי אויך אָנגעשלאָסן אין די ראַנגען פון אַזויפיל ווי 'העכער טויזנט עלטערן' וועלכע זענען שוין פולשטענדיג אויסגעצאָלט ב"ה און זיי זענען אַדאַנק דעם קוואַליפיצירט צו זיין פון די טעגליכע גורלות-געניסער!

## אזעלכע גורלות, ווייל דער מצב המוסדות איז איום ונורא!

דער אינציאַטיווע גורלות פון הנהלת המוסדות איז אַהערגעשטעלט געוואָרן, ווייל דער מצב המוסדות אויפ'ן פינאַנציעלן פראָנט איז ממש קריטיש!

די העלדישע חברי הנהלת המוסדות שרייען געוואַלד, אַז מ'שטייט יעצט ביים שוועל ח"ו צוריקצופאַלן צו אַ תקופה פון שווערע חובות-זומפּן, אויב זאָל מען נישט יעצט סטאַביליזירן דעם בודזשעט אַז ס'זאָל אויפהערן בלוטיגן!

לאור זה, ווייל מ'מוז אָנקומען צו "יעדן איינציגן טאטן" זאל אויסצאלן זיין שכר לימוד ווי נאך קיינמאל בעפאר, האט מען אונטערגענומען א ריי קאסטבארע גורלות צו הייבן די מאמענטום און אריינברענגען די מאַקסימום שכ"ל ווי נאָך קיינמאָל בעפאָר!

ס'איז קלאָר ביי יעדן די איין פּאָלגענדע נקודה:

ס'איז קריטיש-וויכטיג, און ס'איז נוגע יעדן תושב קרית יואל בנפשו ממש, לעבנס-וויכטיג, אַז מ'מוז אנהאלטן די מוסדות שטיין אויף די פיס!

מ'מוז ווייטער סטאַביליזירן דעם בודזשעט, אַז די באַנק זאָל זיך זעצן, די הכנסות קעגן די הוצאות זאָלן שטימען, און מ'זאָל חלילה נישט צוריקפאַלן צום שווערן אומפאַרגעסליכן ראָד פון חובות פון וועלכע מ'האָט ממש מיט בלוט באַוויזן זיך אַרויסצודראַפּען בחסדי ה'!

## אויב יעדער טאַטע צאָלט יעצט זיין שכ"ל פאַר פסח, ווערט דער בודזשעט אי"ה סטאַביליזירט!

# ביומו תתן שכרו

ס'איז ביי די הנהלה קלאָר, אַז אויב זאָל "יעדער טאַטע" יעצט אָפּווישן זיין שכ"ל באַלאַנס, אויב זאָל אַלע "אַוטסטענדיג" שכר לימוד וואָס מ'איז "יעצט" שולדיג פאַר'ן מוסד, יעצט אריינקומען אין די נעקסטע פאָר וואָכן ביז ערב פסח, דאַן איז דער מצב גערעַטעוועט, און מ'קען גליקליך און פריילוך אַריינגיין אינעם יום טוב פסח!

מיט אַלע עלטערן 0 שכ"ל באלאנס – אינאיינעם מיט די הכנסה פונעם "ראשון הוא" קאמפּיין וואָס לויפט זייט-ביי-זייט אויפצוטרייבן "600 דאָלער נדבות" – קען מען, און מ'וועט אי"ה, צוריקשטעלן די הייליגע מוסדות-אימפּעריע אויף די ריכטיגע רעלסן.

## פּאָזיטיוו און לעבהאַפּטיג, באַצאָלט זיך יעצט ביי יעדן הנאה'דיג!

ברוך ה', אדאנק די "ביומו תתן שכרו" טעגליכע גורלות, קומט דאָס יעצט אויף אַ פּאָזיטיוון וועג, אויף א לעבהאפטיגן אופן, מיט די אייגענע הכרה פון די עלטערן, אַז מ'וויל באצאלן, און מ'וויל זיין אַ חלק פון די גורלות!

יעדער פאַרשטייט אַז שכר לימוד איז דער יסוד היסודות. התעיף עיניך בו ואיננו. אָן קיין שכ"ל קען דער מוסד נישט עקזיסטירן. קיין איין טאָג נישט.

ס'נישט קיין צדקה, ס'נישט קיין "בדרך אפשר". יעדעס קינד קאָסט געלט פאַר'ן מוסד, און דער מוסד קען עס דעקן נאָר ווען דער טאַטע באַצאָלט. אויב קומט דאָס געלט נישט אַריין, ווערט אַ קריזיס פּשוטו כמשמעו!

אויב וועט עס יעדער טאַטע יאָ באַצאָלן, וועט מען בעזר ה' זיך אַרויסזען פון דעם קריזיס און מיר אַלע וועלן גליקליך זיין ונודה שיר חדש על פּדות מוסדותינ"ו!

## חיזוק'פולע ערמוטיגונג ביי די הייליגע מוסדות איז מורא'דיג, עד אין לשער!

רעדנדיג מיט די עומדים על הפקודים פון די הייליגע מוסדות, ובראשם דער דינאַמישער מנכ"ל הרה"ח ר' משה אלי' הי"ו, הערט מען פון זיי ווי זיי אָטעמען ממש מיט חיזוק!

חסדי ה', דאס אז די עלטערן "זענען דאָ" און קומען אנטקעגן אזוי געטריי מיט שכר לימוד, טראָגט זיי ממש אונטער!

אין די שווערסטע רגעים, 2 וואָכן צום פסח און מ'דאַרף אויפקומען מיט מיליאָנען, ווען די רויטע באַנק-ציפערן שלאָגן אין פנים, הייבט זיך זייער געמיט ווען מ'הערט די טעלעפאָנען קלינגען העפטיג אין דערנעבענדיגן שכר לימוד אָפיס!

יעדער קלונג, ווי אַ קלאַנג פון מוזיק אין די אויערן פון די הנהלת המוסדות! נאָך אַ טאַטע זאָגט הנני! נאָך אַ טאַטע דעקלאַרירט: ס'מיין קינד, ס'מיין מוסד און ס'מיין אחריות!

יעדער פרישער "0 שכר לימוד באַלאַנס" איז אַן אַקטיוועער קאָנטער-כח צו באַלאַנסירן דעם "0 אַקאַונט באַלאַנס" אין די באַנק-קאָנטע פון די הייליגע מוסדות!

## א פרישער וואָך, יעדן טאָג גורלות, יעדן טאָג נאָך טאַטעס!

טאָ, וועלכער טאַטע זאָל נישט מיט ברען און פייערדיגע התלהבות זיך צו דעם צושטעלן און פאַרזיכערן אַז די הייליגע מוסדות פאַרבלייבן עקזיסטירן בעוז וברמה?!

ס'קומען יעצט פרישע טעג מיט פרישע גורלות, און אלעס ווערט יעצט הערליך פרעזענטירט. אָט דאָס אַלעס גייט מען געווינען, בעזר ה', בלויז פאר'ן זיך אָנשליסן צו ערפילן די מינימאלע פליכט פון צאלן שכר לימוד פאר די אייגענע קינדער, וואָס איז די ערשטע און וויכטיגסטע הוצאה פאר יעדן איד אין זיין פערזענליכן לעבן!

וכל זה למה? ווייל די הנהלה ווייסט, די הנהלה באַגרייפט, אַז "שכר לימוד" איז אַצינד דאָס קריטיש'סטע צו מאַכן זיכער אַז "יעדע פּרוטה" קומט אַריין, כדי די הייליגע מוסדות זאָלן זיך צוריק קענען סטאַביליזירן, בעזר ה', און ארויסקומען שטאַרקער ווי סיי ווען פריער בסייעתא דשמיא.

"יעדער טאַטע" וועט אי"ה אריינגיין אינעם יום טוב פסח וויסנדיג אַז ער האָט זיך נישט אויסגעשלאָסן פונעם ציבור, ער האָט ערפילט זיין אחריות, ער האָט געטון וואָס ער דאַרף טון פאַר'ן "והגדת לבנך", אַז דער הייליגער לויטערער חינוך הדורות זאָל קענען ווייטער עקזיסטירן בגאון ובעוז, און אַזוי אַרום וועט יעדער האָבן אַ גליקליכן פריילוכן יום טוב, און מיר זאָלן שוין אַלע זוכה זיין נאָך היי-יאָר לאכול שם מן הזבחים ומן הפסחים, בביאת גואל צדק בב"א.

**"ביומו תתן שכרו" מיט'ן גאַנצן האַרץ! פאַר אונז! פאַר אונזערע קינדער!**

**יעדן טאָג גורלות! יעדן טאָג נפלאות! יעדער איינציגסטער טאַטע פון קרית יואל איז אָנגעשלאָסן! בלב, בנפש!**

**אונזער "0 שכ"ל באַלאַנס" וועט אי"ה פאַרמיידן אַ "0 באנק באלאנס" פון די הייליגע מוסדות! מיר גייען עס באַווייזן!**

# נאָבעלע אינציאַטיווע "אַרויסצוהייבן און אַנערקענען" טויזנטער געטרייע עלטערן וועלכע זענען "זערא באלאנס" ביי שכר לימוד:

# געשמאַקע רייכע נאַכטמאָלן" ערבי פסחים

**אַלע עלטערן וועלכע זייער שכ"ל איז זערא באלאנס, וועלן בעז"ה געניסן פון די פליישיגע רחבות'דיגע נאַכטמאָלן פאַר זייער גאַנצע משפחה קומענדיגע מיטוואך און דאנערשטאג פ' טהרה**

**אף אתה תהא נמנה עמהם: פלייץ פון הונדערטער "פרישע עלטערן" וועלכע שליסן זיך אַריין אין מאכן זיכער אז זייער שכ"ל איז גענצליך אויסגעצאלט וועלן אי"ה געניסן פון די געשמאַקע נאַכטמאָלן און כסדר'דיגע אַנדערע אינציאַטיוועס אַרויסצוהייבן און באַדאַנקען**

קרית יואל. - מיט גרויס צופרידנהייט האבן הורי המוסדות אויפגענומען די גינסטיגע נייעס, ווען מטעם הנהלת המוסדות איז געמאָלדן געווארן די וואונדערבארע אונטערנעמונג, ארויסצוהייבן און אנערקענען די אלע חשוב'ע עלטערן וועלכע שטרענגען זיך אָן אויסצוצאָלן זייער שכר לימוד מדי חודש בחדשו, און זענען כסדר "אַפּ טו דעיט" מיט זייערע צאָלונגען, און האבן א "זערא באלאַנס" – גייט מען זיי אַצינד שענקען געשמאַקע פרייע נאַכטמאָלן אין די וואָך פון ערבי פסחים!

## פאַרגרינגערן די וואָס טוען אונז פאַרגרינגערן!

די גרעסטע און שווערסטע לאַסט וואָס ליגט אויף די פלייצעס פון די הנהלת המוסדות איז: פעיראָל! דאָס וועכנטליכע געהאלט פון די געטרייע איינגעשטעלטע, וואס ווערט געצאלט יעדע איינציגסטע וואך, אן קיין אפשטעל און אן קיין איבעררייס.

דאָס צו קענען באַצאָלן, די "באַזע" דערפון, איז "שכר לימוד", וואס די עלטערן באַצאָלן פאַר'ן אויפהאַלטן זייערע קינדער אין די הייליגע מוסדות.

און אָט דאָס איז נאר טאמער די עלטערן מאכן זיכער נישט צו האבן קיין שום אפענע באלאנס, ווייל טאָמער נישט, וויאזוי זאל מען קענען באצאלן פעיראל?! אפילו נניח אז לסופו של דבר ווערט עס באַצאָלט, אבער שטייענדיג יעדע וואָך, ווען מ'דארף צאלן פעיראל און שכר לימוד איז נאכנישט באצאלט – וויאזוי צאלט מען פעיראָל?

דאַרף מען דרייען, דארף מען בארגן, דארף מען זיך צרייסן, און דאס שעפּט אויס די כוחות, עס נאָגט אַרויס די קרעפטן פון די עומדים בראש המוסדות.

דאָ, אָבער, קומען אַריין אין בילד די געטרייע חשוב'ע אחריות'דיגע עלטערן, וועלכע מאכן זיכער צו האבן "זערא באלאנס"

## המה ההורי"ם! המה הגבורים!

זיי זענען די עלטערן וועלכע טוען דערלייכטערן פאַר די הנהלה, אַז מ'זאָל וויסן מדי חודש בחדשו, זייער געלט איז "דאָ"! ס'איז "אויפ'ן טיש"! ס'איז גרייט צום באַנוץ! מ'קען דערמיט צאָלן די מלמדים, די מנהלים, די לערערינס, די מחנכות!

מ'דאַרף נישט נאכלויפן, מ'דארף נישט פארניצן קיין כוחות און קיין געלט און קיין מיה צו באקומען דאָס מינימום וואָס מ'דאַרף צו באַצאָלן. זיי קומען אַנטקעגן! זיי זענען דאָ! זיי באצאלן!

און אָט פאַר אַזעלכע טייערע עלטערן, וועלכע טוען פאר די מוסדות פארגרינגערן, שפּירט די מוסדות אין האַרצן אַ דראַנג אַז מ'וויל זיי אויך פאַרגרינגערן, זיי אויך דערלייכטערן. מ'וויל זיי אַרויסצייגן אַן אייגנאַרטיגע הכרת הטוב, פאַר זייער באַזונדערע אָנשטרענגונג צו זיין פון די "עמודי המוסדות".

## געשמאַקע, רחבות'דיגע נאַכטמאָלן ערבי פסחים!

אָט דערפאַר טוט די הנהלה אַהערשטעלן און פּראקלאמירן דאָס צושטעלן פאַר די אלע עלטערן געשמאַקע רייכע נאכטמאלן אין די וואָך פון ערב פסח, קומענדיגן מיטוואָך, דאָנערשטאָג פרשת טהרה הבעל"ט.

די פארנומענסטע טעג אין אַ אידישע שטוב איז ערבי פסחים. די מאַמעס רוימען ארויס דעם חמץ אַזוי געטריי, און מ'קען שוין נישט געהעריג ווירטשאַפטן אין קיך. ס'שוין זייער שווער צוצושטעלן היימישע נאכטמאלן צו זעטיגן די פאַמיליע. אָבער די קינדערלעך פאָדערן דאָס זייעריגע, און מ'מוז האָבן גוטע מאָלצייטן זיי צו ערנעהרן.

אין אָט די טעג, קומענדיגן מיטוואך, דאנערשטאג פרשת טהרה, גייען אָט די אלע געטרייע אחריות'דיגע עלטערן נישט האָבן די דאגה, בעז"ה! זיי גייען בלויז דאַרפן קומען אין בנין המוסדות, און דאָרט גייט מען זיי העפליך אָפּוואַרטן, דורכאויס די צוויי טעג,מיט געשמאַקע, רחבות'דיגע, איינגעפּאַקט מיט א געשמאַק און אַפּעטיטליך, פאַר זייער גאַנצע משפחה מיט אַלע קינדערלעך שיחי'!

די עלטערן וועלן באקומען ספּעציעלע "נאכטמאל קארטלעך" אויף דער פּאָסט, און מ'וועט פאר זיי שוין פון פאראויס אנגרייטן זייערע נאכטמאלן, אזוי אז ווען זיי קומען צו גיין וועט דאס שוין זיין גרייט פאַר זיי, מיט אַ סבר פּנים יפות, און זיי וועלן דאָס קענען באַלד אַהיימטראָגן סערווירן פאַר'ן גאַנצן געזונדל וואָס וועט זיך דערקוויקן און ערנעהרן...

"אַן עול אַראָפּ פון קאָפּ" פאַר די געטרייע עלטערן שיחי'... אַ ריכטיגע הרווחה אין די אָנגעשטרענגטע ערב פסח טעג...

און יאָ, ס'קומט זיך זיי ערליך! ווייל אגאנץ יאר שטרענגען זיי זיך אָן, צו דערפולן ריכטיג זייער אחריות אַלס געטרייע אחריות'דיגע עלטערן!

## אדרבה, געניסט אויך! שליסט אייך אָן!

די אלע חשוב'ע עלטערן וועלכע טוען זיך יעצט אנשליסן, און מאכן זיכער אז זייער באלאנס איז באצאלט, וועלן אויך זיין בארעכטיגט אי"ה צו געניסן פון די נאכטמאלן! (פון נאך ב' ניסן און ווייטער וועט מען דארפן אפנעמען די קארטלעך אין אפיס).

ס'דאך עפּעס וואס איר ווילט סיי ווי טון, איר ווייסט דאך אז דאס צאלן צייטליך, מיט א קביעות, די שכ"ל זאל זיין הונדערט פּראצענט באצאלט איז דאס נארמאלסטע, פּארשטענדליכסטע, רואיגסטע, מענטשליכסטע, פאר אייך און פאר די מוסדות; ס'פארשפּארט איבריגע קאפּוויי, נאכלויפן, אנזאמלונג פון גרויסע באלאנסן, און דערצו געניסט מען פון די כסדר'דיגע גורלות און אַנדערע באַלוינונגען פ אַ ר די צייטליכע צאָלערס.

אַלזאָ, יעצט איז די צייט! יעצט ערב פסח תשפ"ד, ווען איר האט נאך דעם זייטיגן שטוף דערצו! און איר גייט אויך זיין פון די עלטערן וואָס געניסן.

שליסט אייך אָן דערינען! ס'וועט זיין דער בעסטער געפיל פאר אייך ווויסנדיג אַז איר טוט וואָס איז ריכטיג, איר באצאלט צייטליך, איר האַלט אונטער דעם מוסד, איר פאַרזיכערט די צייטליכע צאָלונגען פאר די מלמדים, וואס די עקזיסטענץ פון די מוסד איז באמת געוואנדן אין די שכ"ל פון די עלטערן. איר געניסט פון די אלע הייליגע סגולות וואָס קומט פאר'ן צאלן שכ"ל צייטליך, און איר בענעפיטירט פון די אַלע אינציאַטיוועס וואָס די הנהלת המוסדות שטעלט אַהער כסדר לאות הוקרה והכרת הטוב.

**שליסט אייך אָן, רופט אריין אין אפיס, און מאכט זיכער אז אז אייער באלאנס איז אינגאנצן באצאלט!!!**



בס"ד

ישיבה תורה ויראה ובית רחל
ויואל משה דסאטמאר, קרית יואל
נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביה"ק זי"ע

Mosdos Satmar
V'Yoel Moshe, Kiryas Joel
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

Office: 5 Buchanan Ct. #111 Monroe NY 10950 Mailing Address: P. O. B. 2027 Monroe NY 10949 Tel. 845-782-8800 Fax 845-230-7679

בשורה טובה • הכרת הטוב

מיט גרויס פרייד איז אונז אַ הנאה איינצומעלדן די חשוב'ע עלטערן שיחי' איבער אונזער אונטערנעמונג
אַרויסצוצייגן "שעצונג און הכרת הטוב" פאַר די טייערע
# עלטערן מיט א זערא באלאנס
וואָס שטעלן זיך צו אויפ'ן שענסטן פאַרנעם מיט שכ"ל פאר זייערע קינדער

## פאַרגרינגערן די וואָס טוען אונז פאַרגרינגערן

מיר וועלן בעז"ה בסבר פנים יפות צושטעלן פאַרטיגע

# געקאָכטע נאַכטמאָלן

אין די אָנגעשטרענגטע וואָך פון ערב פסח
# מיטוואך און דאנערשטאג
# פרשת מצורע

די נאַכטמאָלן וועלן בעז"ה זיין אויפ'ן שענסטן אופן
**נאַרהאַפטיג • געשמאַק • פריש • אַפעטיטליך • הרחבה'דיג**
צוזאַמגעפאַקט שיין אַהיימצונעמען צו אייך אין שטוב, צו סערווירן פאַר
אַלע קינדערלעך מיט אַ רואיגקייט אין די פארנומענע ערב פסח טעג

**דאָס איז אַ ספעציעלער פראָיעקט וואָס מיר נעמען אונטער מיט'ן ציל צו מטיב זיין און אַרויסהייבן די אַלע געטרייע עלטערן וואָס שטרענגען זיך אָן צו אמת'דיג דערפולן זייער אחריות פון שכ"ל בעתו ובזמנו מיט אַ געטריישאפט, און אַדאַנק זיי קענען מיר בעז"ה באַצאָלן צייטליך פאַר אונזערע איינגעשטעלטע יעדע איינציגסטע וואָך**

**איר וועט בעז"ה באַקומען די "פרייע נאַכטמאָל קאַרטלעך"**
**און די סאַפער וועט אי"ה זיין געפאַקט גרייט פאַר אייך אָפצונעמען אין די באַשטימטע צייט און פלאַץ**

**די וואס זענען מסודר ביז ב' ניסן - מיטוואך תזריע. וועלן באקומען די קארטלעך אויף די פאסט**
**די אלע וואס וועלן זיך מסדר מיט זערא באלאנס נאכדעם וועט מען קענען אפנעמען די קארטלעך אין אפיס**

מיר קוקן אַרויס אַז ווי מער עלטערן וועלן בעז"ה הנאה האָבן דערפון און זיך דערקוויקן, ויאכלו המשפחות וישבעו.

בכבוד רב ובברכת חג כשר ושמח
## הנהלת המוסדות

### ווער געניסט?

די פרייע נאַכטמאָלן ווערן צוגעשטעלט פאַר די חשוב'ע עלטערן וואס זענען

• **אויסגעצאָלט אינגאַנצן מיט אַ פולשטענדיגע זערא באַלאַנס ביז נאך ר"ח ניסן**

### איר קענט נאך אייך געניסן!

**מאכט זיכער און זענט אויסגעצאלט און איר האט א זערא באלאנס**

גלייכצייטיג וועט די סערוויס **אויך צוגעשטעלט** ווערן בתשואות חן פאַר אַלע אונזערע **חשוב'ע איינגעשטעלטע מלמדים און כלי קודש,** מלמדים ומגידי שיעור, **זיי אַרויסצוהעלפן אין די ערב פסח טעג,** און ווי ס'איז אונזער יסוד אַלעמאָל, אַרויסצייגן שעצונג פאַר זייער עבודת הקודש.




געספאנסארט דורך:
קרויס שטריימלעך
קרית יואל
17 Garfield Rd.
געווינער 1
נגיד'ישער שטריימל
געווינער 2
באלבאטישער שטריימל



גורל הזה לכם
על הראש
העלפט אריינברענגען
דעם פסח ביים קרוין פון
די שטאט, די לומדי תורה,
מיט'ן "אויסלייזן א טשעק",
אדער לכה"פ $250
און זייט פון די
2 געווינער אויף
טייערע
קרויס
שטריימלעך
די פראכטפולע
קרוינען אויפ'ן קאפ!
יומא טבא לרבנן
לאמיר זיי מאכן דעם יו"ט!
תמיכת הוספה ליו"ט
$250
אויסלייזן א טשעק
$500
צורכי החג לת"ח
$1,000
רופט יעצט הר"ר אברהם שלום הכהן שווארץ הי"ו, מנכ"ל
אפיס 845.783.2599 #102 סעל. 845.537.0767

בס"ד

# קופת הקהלה

## שע"י קהל חרדים ד'סאטמאר

**ואלה יעמדו על הברכה שנדבה רוחם אותם לנדב סכומים הגונים לקופת קהילתינו בשנה שעברה שנת תשפ"ג לפ"ק**

### שרי האלפים

ר' אהרן דרעזנער
ר' בנציון הערש טירנויער
ר' דוד מאיר בערקאוויטש
ר' הערשל קויפמאן
ר' זושא טירנויער
ר' חיים יואל לאנדא

ר' טובי' ווייס
ר' יואל בר"ק ווייס
ר' יואל בר"ש קרויס
ר' יואל ברי"ד ענגיל
ר' יואל גרינהויט
ר' יואל יודא רובינפעלד

ר' יואל מאנן
ר' יודל הירש
ר' יוסף חיים ארי' קויפמאן
ר' יוסף יודא יאקאבאוויטש
ר' יוסף צבי ארי' וואלדמאן
ר' יעקב וואלדמאן
ר' מאיר יעקב טעסלער

ר' מענדל שווימער
ר' משה עזריאל לאווי
ר' משה פריעדמאן
ר' משה שמואל זופניק
ר' נחום שמשון שווארטץ
ר' עקיבא הערש קליין

ר' קלמן ווייס
ר' שאול פערלמוטער
ר' שלמה גליק
ר' שלמה זלמן שפיצער
ר' שמואל מתתי' וויטריאל
ר' שמעון יחזקאל וויינשטאק

### שרי המאות 250-850

הרב הענוך מרדכי מייזליש
מרת אייזענבערג
ר' אביגדור שלום ברייער
ר' אברהם גראס
ר' אברהם חיים משה בינער
ר' אברהם יושע קליין
ר' אברהם פארקאש
ר' אלחנן דוב יאקאבאוויטש
ר' אלימלך אינדיג
ר' אליעזר ברז"ל וואלדמאן
ר' בערל ברמ"ט בראווער

ר' ברוך מרדכי אקערמאן
ר' גרשון מאנדל
ר' דוד לייבוש פריעדמאן
ר' וואלף לעפקאוויטש
ר' זלמן גליק
ר' זלמן לייב קאפעל
ר' חיים הערש גאלדבערגער
ר' חיים יואל נידערמאן
ר' חיים יחזקי' כ"ץ
ר' חיים נחום ווערצבערגער
ר' יואל אשר פריעדמאן
ר' יואל בנימין פריעדמאן

ר' יואל בר"א שוואטץ
ר' יואל בר"י הירש
ר' יואל בר"י כ"ץ
ר' יואל בר"י שווארטץ
ר' יואל בר"מ ברח"ד טארים
ר' יואל ברח"ד פאלקאוויטש
ר' יואל ברי"י מארקאוויטש
ר' יואל ברייער
ר' יואל ברמ"י שווארטץ
ר' יואל וויטריאל
ר' יואל וויינשטאק
ר' יואל טענענבוים

ר' יואל ישראל מאיר עהרענטאל
ר' יואל לאוב
ר' יואל קארפען
ר' יודא ווייס
ר' יודא לייב כהנא
ר' יוסף חיים ברמ"ד קויפמאן
ר' יוסף יוזפא לאנדא
ר' יושע רייך
ר' יחזקאל ברג"פ וויינשטאק
ר' יעקב יצחק פריינד
ר' יצחק אליעזר רובינשטיין
ר' יצחק וויינשטאק

ר' יצחק יונה לאנדא
ר' יצחק כ"ץ
ר' יצחק שלו' יאקאבאוויטש
ר' יקותיאל מאיר גראס
ר' יקותיא' שמשון שווארטץ
ר' ישראל גליק
ר' ישראל חיים קרויס
ר' מנחם דוד וועבער
ר' מרדכי יודא בלום
ר' משה ארי' קאהן
ר' משה טובי' גדלי' בראווער
ר' נטע ברמ'צ פארקאש

ר' נפתלי משה ווייס
ר' נפתלי צבי וויינשטאק
ר' עמרם לאווי
ר' פנחס אביש
ר' פנחס יושע עסטרייכער
ר' ראובן פאלקאוויטש
ר' שלום יוסף בראך
ר' שלום יוסף ווייס
ר' שלום קליין
ר' שמואל לעפקאוויטש
ר' שמעון חיים וויינשטאק

### שרי המאות 180-250

הרב יוסף כ"ץ
הרב משה בער קויפמאן
מרת ווייס
ר' אבא חייא שטאלצבערג
ר' אביגדור שלום שווארטץ
ר' אברהם אהרן בראווער
ר' אברהם דוד פאלקאוויטש
ר' אברהם יצחק שטעסל
ר' אברהם יקותיאל יערמיאש
ר' אברהם ישעי' קויפמאן
ר' אהרן ארי' אייזענבערג
ר' אהרן גאטליב

ר' אהרן יודא כ"ץ
ר' אלימלך טייטלבוים
ר' אליעזר ברי"מ וואלדמאן
ר' אליעזר גרשון וויינשטאק
ר' ארי' אשר שטעסל
ר' בנימין יודא ווערצבערגער
ר' דוד מאיר ווייס
ר' וואלף לייב פארקאש
ר' זלמן טירנויער
ר' זלמן לייב בר"א פריעדמאן
ר' זלמן לייב ווייס
ר' זלמן לייב לאנדא

ר' זלמן לייב לויפער
ר' זלמן לייב מארקאוויטש
ר' חיים בר"י שווארטץ
ר' חיים הערש ליימזידער
ר' חיים יודא פריעדמאן
ר' חיים יעקב פאללאק
ר' חיים משה פאלקאוויטש
ר' חיים נאה
ר' יואל אשר פריעדמאן
ר' יואל בר"י הירש
ר' יואל ברז"ל וואלדמאן
ר' יואל ברי"ז יאקאבאוויטש
ר' יואל בריה"א קויפמאן

ר' יואל ברמ"ט בראווער
ר' יואל ברק"מ פאלקאוויטש
ר' יואל גאטליב
ר' יואל גאלדשטיין
ר' יואל הערש טעסלער
ר' יואל וויטריאל
ר' יואל טייטלבוים
ר' יואל לאנדא
ר' יואל שפיצער
ר' יודל בר"י פאלקאוויטש
ר' יוסף וואלדמאן
ר' יחזקאל צבי ישעי' בראווער
ר' יחזקאל שרגא ווייס

ר' יחיאל יואל שטעסל
ר' יעקב אלי' ראטענבערג
ר' יעקב ברייער
ר' יעקב דוב ברב"מ כהן
ר' יעקב דוב מילער
ר' יצחק פעקעטע
ר' ישראל אברהם אלטר לאנדא
ר' ישראל הערש גאלדשטיין
ר' לוי יצחק ליבערמאן
ר' מאיר יעקב וויינשטאק
ר' מיכאל פעקעטע
ר' מענדל בר"מ טארים
ר' מענדל מאיר בראווער

ר' מרדכי הערש לויפער
ר' מרדכי הערש שפיצער
ר' משה יחזקאל בראווער
ר' משה יצחק קויפמאן
ר' משה מאיר וויטריאל
ר' משה שניצער
ר' פנחס יאקאבאוויטש
ר' פנחס שווארטץ
ר' צבי ווייס
ר' צבי פנחס גפן
ר' קלמן מענדל פאלקאוויטש
ר' רפאל שטערנגאלד

ר' שלום אלימלך פאלקאוויטש
ר' שלום ברעכער
ר' שלום דוב מענדאלוויטש
ר' שלום דוב קופטשיק
ר' שלמה גפן
ר' שלמה לעבאוויטש
ר' שלמה פעדער
ר' שמואל דוד בירנבוים
ר' שמואל לעפקאוויטש
ר' שמחה משה וואלדמאן
ר' שמעון משה בראווער
ר' שרגא פויזען

### ואלה מוסיף על הרשונים שנדבו ג"כ סכומים חשובים

הרב מיכאל יוסף שווארטץ
ר' אביגדור דניאל ליבערמאן
ר' אביגדור שלו' וואלדמאן
ר' אברהם הערש וויינשטאק
ר' אברהם זאב פארקאש
ר' אברהם פריעדמאן
ר' אברהם שלו' שווארטץ
ר' אהרן אלי' עסטרייכער
ר' אליעזר זוסיא טעלער
ר' אלישע פריינד
ר' אלעזר הארוויץ
ר' אשר ענזיל קרויס
ר' דוד הערש פריעד
ר' דוד ווייס

ר' דניאל דייטש
ר' הערש אלימלך נידערמאן
ר' וואלף לייב פאארקאש
ר' זאב יודא בר"א פארקאש
ר' זאב יודא וויינשטאק
ר' זושא ניישטאט
ר' זלמן לייב וויינשטאק
ר' זעליג מייראוויטש
ר' חיים אלעזר לעפקאוויטש
ר' חיים שמואל גליקמאן
ר' טובי' פעקעטע
ר' יהוסף בר"ש שווארטץ
ר' יהוסף ברב"נ שווארטץ
ר' יוא' בער יאקאבאוויטש
ר' זלמן לייב ברב"מ ווייס

ר' יוא' בר"א קרויס
ר' יוא' בר"א שווארטץ
ר' יוא' ברח"נ גליק
ר' יוא' ברי"ז בר"א יאקאבאוויטש
ר' יוא' ברי"ד פרידמאן
ר' יוא' ברי"ז יאקאבאוויטש
ר' יוא' ברי"י שטערן
ר' יוא' ברע"צ ווייס
ר' יוא' געלב
ר' יוא' זילבערשטיין
ר' יוא' יאקאבאוויש
ר' יוא' כהן
ר' יוא' פריעדמאן
ר' יוא' רייך
ר' יושע זעליג בערקאוויטש

ר' יוא' שלו' אליעזר פריעד
ר' יודא הערש געלב
ר' יודל ברמ"ט בראווער
ר' יודל כהנא
ר' יוחנן כ"ץ
ר' יוסף ברי"י שווארטץ
ר' יוסף פנחס סטרולאוויטש
ר' יושע העשיל ראזעבערגער
ר' יושע וויינשטאק
ר' יושע מנחם ראזנער
ר' יושע משה בראווער
ר' יחזקאל בר"י יאקאבאוויטש
ר' יעקב אינדיג
ר' יעקב אשר גרינבלאט
ר' יעקב ברוך טירנויער

ר' יעקב דוב דייטש
ר' יעקב הערש קליינמאן
ר' יעקב זאב אבראהאם
ר' יצחק אהרן וואלדמאן
ר' יצחק הארוויץ
ר' יצחק מנשה שטיינפעלד
ר' ישעי' יעקב בינער
ר' ישעי' יעקב בינער
ר' ישראל חיים הירש
ר' ישראל מענדל וואלדמאן
ר' ליפא דייטש
ר' מנחם זאב וולנער
ר' מענדל ברייער
ר' מרדכי יאקאבאוויטש
ר' משה אהרן ווייס

ר' מרדכי יאקאבאוויטש
ר' מרדכי יודא בלום
ר' מרדכי פריעדמאן
ר' משה אביגדור יאקאבאוויטש
ר' משה אלי' עסטרייכער
ר' משה באנדא
ר' משה בר"צ יאקאבאוויטש
ר' משה טירנויער
ר' משה יודא גוטמאן
ר' משה נח ברייער
ר' משה ראזענפעלד
ר' משולם וויינשטאק
ר' נפתלי יוא' משה אינדיג
ר' נפתלי צבי וויטריאל

ר' פייש בר"י
ר' פישל פאלקאוויטש
ר' שאול ווייס
ר' שלו' יודא וויינשטאק
ר' שלמה יוסף געלב
ר' שלמה מאיער
ר' שמוא' טענענבוים
ר' שמואל זיינוויל בערגער
ר' שמואל זיינוויל כהנא
ר' שמואל מאיר האלצער
ר' שמואל צביי רייך
ר' שמואל שלמה צבי קויפמאן
ר' שמעון יוא' ראזענבערג
ר' שמעון מאיר טירנויער

**ויה"ר שכל הנדיבים יתברכו בכל מילי דמיטב. אמן**

**בברכת חג כשר ושמח. הנהלת הקופה**

קופת קהילתינו

# קופת הקהלה
## שע״י קהל חרדים ד׳סאטמאר

בעזהשי״ת

מנהג פשוט בכל ישראל שכל קהל וקהל משימים מס על בני עירן לצורך חטים לפסח לקנות ולסלק לעניי עירן,
(שו״ע הרב סי׳ תכ״ט סעי׳ ה׳)

**ווי באקאנט, דאס יקרות איז געוואלדיג געשטיגן אין דער זעלבער צייט איז דער מצב הפרנסה מער אנגעצויגן ע״כ איז באשטימט געווארן די**

**קמחא דפסח סכום**

# לכה״פ 180$ דאלאר

**און מיר בעטן די פארמעגליכע צו געבן:**

# לכה״פ 1000$ דאלאר

מיר ווילן אייך מאכן אויפמערקזאם

**איר גייט אי״ה זאגן ביים סדר**

**כל דכפין ייתי וייכול**

**זייט דאס הײנט מקיים למעשה**

**אדער לייזט אויס א טשעק**

| | |
|---|---|
| **גרויסע משפחה** | **$1,000** |
| **מיטלגארטיגע משפחה** | **$800** |
| **קלענערע משפחה** | **$500** |

ובזכות זה נזכה שה׳ אלוקינו יגיענו למועדים ולרגלים אחרים בביאת משיח צדקינו ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בב״א

**רבני הקופה:**

**הרה״ג ר׳ ירמי׳ בראוווער שליט״א**
דומ״ץ קהל בני יואל

**הרה״ג ר׳ יוסף כ״ץ שליט״א**
דומ״ץ ביהמ״ד קהל חרדים

**הרה״ג ר׳ אשר זעליג פריינד שליט״א**
דומ״ץ ביהמ״ד בית שלמה מיכל

**הנהלת הקופה:**

**הרה״ח ר׳ מאיר הכהן דייטש הי״ו**
**הרה״ח ר׳ זלמן לייב וואלדמאן הי״ו**
**הרה״ח ר׳ קלמן ווייס הי״ו**
**הרה״ח ר׳ יצחק וויינשטאק הי״ו**
**הרה״ח ר׳ זאב יודא פארקאש הי״ו**
**הרה״ח ר׳ מרדכי לייב דייטש הי״ו**

**גבאי הקופה:**

**מו״ה יחזקאל צבי ישעי׳ בראוווער הי״ו**
**מו״ה אליעזר ברי״מ וואלדמאן הי״ו**
**מו״ה שלמה גפן הי״ו**

ועל ידי זה ישפע 'שפע רב' בכל העולמות – והוא שעמדה לאבותינו ולנו:

# קרית יואל איז אַרומגענומען מיט אַ ברען און פייער צו פועל'ן 'שפע רב' ביים צענטראַלן "פסח אַפּיעל" פארן הייליגע צדקה פון רבי מאיר בעל הנס "כולל שומרי החומות"

## שבע שבתות שנים; דעם קומענדיגן פסח תשפ"ד וועט אָפּצייכענען 49 יאָר זינט דער יערליכער אַפּיעל אין קרית יואל איז נקבע געוואָרן פערזענליך דורך מרן רבינו הק' זי"ע נשיא הכולל

"שפע רב"! - דאָס איז דער געפיל און רגש קודש וואס שפירט זיך אין די לופטן און הילט איין דאס גאנצע יהדות קרית יואל מיט א ברענענדיגע התרגשות צום גרויסן "פסח אַפּיעל" פאר דער הייליגער ירושה וואס מיר האבן מקובל פון אונזערע עלטערן מדור דור. - כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס.

"שפע רב" איז די הארציגע געבעט וואָס הערט זיך פון די צענדליגער טויזנטער עניי ארה"ק, די טויזנטער תלמידי חכמים, די הונדערטער אלמנות ויתומים, וועלכע בעטן זיך מנהמת לבם אין די יעצטיגע ערבי פסחים, אַז מיר זאָלן זיי באַגיסן מיט אַ "שפע רב" אַז זיי זאָלן קענען אויפגעראָכטן ווערן דורך די האַרציגע און ריזיגע תמיכות וואָס פונקציאָנירט מיט אַזאַ אומגלויבליכע שיינקייט דורך "כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס".

### שפע רב לאבותינו ולנו!

און באמת איז עס גאר קיין חידוש נישט. די אויסטערלישע ווארימקייט וואס נעמט אַרום די שטאָט קרית יואל צום היי - יאריגן "שפע רב" קאַמפּיין.

סוף כל סוף זענען מיר דאך אייניקלעך און אור - אייניקלעך פון אונזערע הייליגע אונגארישע עלטערן און רבי'ס, וועלכע האבן אונז איבערגעגעבן די גרויסע ירושה, צו העלפן און שטיצן בכל לב ונפש די אור - אלטע צדקה, די באַליבטע "רבי מאיר בעל הנס" פושקעס וואָס אידישע קינדער האַלטן נאענט צו זייער הארץ במשך הונדערטער יארן און לאנגע דורות.

און אז עס איז אנגעקומען דער מאמענט ווען מען "פרישט זיך אויף" מיט אט די הייליגע מסורת אבות, ווען מען "דערמאנט זיך" וואס מען האט אונז געלערנט אין אלע דורות אַז די מקור השפע קומט פון דעם הייליגן צדקת רבי מאיר בעל הנס, דאן איז עס קיין וואונדער אז דאס ווערט אויפגענומען מיט אזויפיל רגש של קדושה ביי אלעמען.

ווייל אידישע הערצער שפירן גוט אז דאס איז אונזער "שפע רב", דאס איז אונזער "צדקה" און דאס איז אונזער "ברכה" אין אלע צייטן און אומשטענדן!

אָט דערפאַר גייט קרית יואל טאַקע גוט דערהערן דעם "חובת השעה" צו גיסן מיט ריזיגע געלטער, צו משפיע זיין "שפע רב" פאר צדקת רבי מאיר בעל הנס!

קרית יואל גייט זיך פאַראייניגן, כאיש אחד בלב אחד, מיט אן אמת'ע טיפע געפיל פאַר די צדקה פון אבותינו ורבותינו הק' מדור דור, צו פאַרזיכערן אַ "שפע רב" פאר די טויזנטער היימישע משפחות עניי ארה"ק, אַז זיי זאָלן האבן מצות און פלייש ביים סדר! און האבן קליידער און שיך פאר די קינדערלעך אויף יום טוב!

### דער כולל איז 'כולל' אַלע ג' עמודי העולם

ס'איז באקאנט דאס ווארט וואָס מ'זאָגט נאָך פון די פריערדיגע נשיאי הכולל זצ"ל אז דער "כולל" ווערט אזוי אנגערופן ווייל דאס איז א מוסד וואס איז "כולל" אין

צדקת רבי מאיר בעל הנס

שפע רב

קרית יואל

פסח אפיעל

מיסודו של מרן רביה"ק זי"ע • נשיא כוללנו

דורך אונזער מסורה טובות ותפלות

זיך אלעס פון די ג' עמודי העולם צו העלפן און באגלייטן די טויזנטער ארימע בני הכולל אין ארה"ק.

און דאס איז טאקע דער פשוט'ער מציאות.

"כולל שומרי החומות" איז למעשה אן אימפעריע מיט צענדליגער! אפטיילונגען, בלי גוזמא. די פעולות און פיליאלעס פונעם כולל פארקערפערן אין זיך אלעס! אלע סארטן צדקות און אלע סארטן מוסדות און ארגאניזאציעס. ווי אומגלויבליך עס הערט זיך.

מען קען רעדן שעות איבער די לימוד התורה פון די לעכטיגע תלמוד תורה קינדערלעך, איבער די בחורי חמד שאין להם בעולמם אלא ד' אמות של הלכה בלבד, איבער די הונדערטער בני ציון היקרים וואָס זענען זיך ממית באהלה של תורה אין די פאַרשפּרייטע נעץ פון די 19 כוללים, און איבער די בתי מדרשים און שולן פון וואו עס הערט זיך אַרויס מבוקר ועד ערב אַן אָפּקלינגענדיגער קול תורה ותפלה הבוקע ועולה אָן אָפּשטעל.

ווער רעדט נאך ווען מען הייבט אן צו רעדן איבער די נעץ פון גמילת חסדים וואס האט נישט זיינס גלייכן איבער די גאנצע וועלט! שווערע מיליאנען דאללער ווערן אויסגעטיילט צו אפווישן די טרערן פון טויזנטער נפשות אויף א רעגלמעסיגן פארנעם. די שטיצע פונעם כולל איז טאקע "כולל" אלע סארט צדקות וואס מען קען זיך אויס'משל'ן, אנגעהויבן פון הילף פאַר די שוואַכע יולדות און ניי געבוירענע שעפעלע, געענדיגט ביי די וואַרימע ערהוילונגס-היים פאַר אַלטע, און אַלעס אינדערצווישן, שטיצע אין צייטן פון חתונות און שמחות למזל טוב און ברייטפאַרצווייגטע חלוקות בעפאָר די ימים טובים; הילף פאַר רפואות; וועכנטליכע תמיכה פאר טויזנטער אלמנות און יתומים; ביליגע דירות צום דינגען און וואָס בעצם נישט?!

### דער פאַרצווייפלטער רוף אין דעם 'שעת מלחמה'

באמת איז עס שטענדיג, אַלע יאָרן, וואס דער "כולל שומרי החומות" פסח אַפּיעל אין קרית יואל, איז עפּעס וואָס טוט פאַראייניגן די גאַנצע שטאָט, אָבער על אחת כמה וכמה, טוט דער "כולל שומרי החומות" אַפּיעל אויפשטורעמען די הערצער פון תושבי קרית יואל, שטייענדיג אַצינד אין די ימי חג פסח שנת תשפ"ד לפ"ק, ווען אידן אין חוץ לארץ דערהערן גוט דעם ווי-געשריי מהררי ציון וירושלים, פון די רבבות אלפי נזקקים, וואס קוקן אַזוי ארויס דערויף בעינים צופיות.

די 'מצב המלחמה' האָט ליידער דירעקט אפעקטירט די צענדליגער טויזנטער עניים ואביונים, אלמנות ויתומים, תלמידי חכמים און קינדער געבענטשטע משפחות, וואס געניסן אלע יארן פון די ברייטע "כולל שומרי החומות" חלוקות, און יעצט וואַרטן זיי מיט פארצאפלטע הערצער אז אידן אין קרית יואל זאלן דערהערן דעם "חובת השעה", צו מנדב זיין סכומים הגונים פאר די הייליגע צדקה, וואס איז נאך קיינמאל בעפאר נישט געווען אזוי קריטיש און וויכטיג ווי אצינד, חג פסח שנת תשפ"ד לפ"ק.

עס איז נישט קיין צווייפל אז טאקע אין דעם שווערן לאגע, וועט די לאנגיעריגע קשר עילאה צווישן "תלמידי וחסידי סאטמאר תושבי קרית יואל" מיט "צדקת רבי מאיר בעל הנס כולל שומרי החומות" נאך שטארקער און שענער קומען צום אויבערפלאך ווען תושבי קרית יואל וועלן גיסן מיט געלט, ביד רחבה וברוח נדיבה, צו משפיע זיין "שפע רב" און צו באַקומען "שפע רב" פון די צדקה פון אבותינו ורבותינו הק', די ממלכת החסד ואם כל הצדקות, כולל שומרי החומות.

**בכל מאודינו ולבבינו • 'שפע רב' לנו ולכל בני ביתינו!**






ובזמן שמחתו, נביע הדרתו, תוקף תפארתו ותהלתו, כל מה שעשה בטובתו, ביקוד אש קודש היוקדת בנפשו ובלבו לימין מוסדותינו הקדושים "יטב לב" בעיר בני ברק יצ"ו בכל עת ועונה בעצה ובמעש בגוף ובממון וברוח נדיבה, למען עצם קיום החינוך הטהור מיסודו של רבינו הק' זי"ע

**אשריך ואשרי חלקיך! רבינו הקדוש מכיר טובתך!**


בס"ד
ועל ידי אמירת תהלים תתעורר חבצלת השרון
מיט דעם ווילן מיר מעלדן אז
אנגעהויבן פון די וואך
שב"ק פר' תזריע
וועט בע"ה פארקומען
חברת תהלים
פאר די טייערע תשב"ר
שבת קודש צופרי
בשעה 9:00
אין חדר ג'
געשמאקע מזונות לכבוד שב"ק
וועט פארטיילט ווערן פאר אלע קינדער
הערליכע מתנות און גורלות
צו באלוינען די קינדער וואס זאגן מיט פלייסיג
קיין איין אינגל וויל דאס נישט פארפאסן!!!
הנהלת חברת תהלים


בס"ד
Beis Medresh
Cong. Yetev Lev D'Satmar
Merriewold - Blooming Grove
בית המדרש
קהל יטב לב ד'סאטמאר
מעריוואלד - בלומינגראוו
זמנים לשב"ק
מנחה וקבלת שבת
45 מינוט
אחר זמן הדלקת הנרות
שחרית
ברכות בשעה
9:45
מנחה ושל"ס
30 מינוט
אחר זמן הדלקה"נ
בברכת שבתא טבא
הגבאים
ושמרו בני ישראל את השבת


בס"ד
אתקינו סעודתא
שמחים אנו להודיע לכל
הקהל הקודש אנשי שלומינו,
תושבי שכונתינו, חברי קהלתינו, הע"י
אשר בע"ה יתקיים
סעודת
מלוה מלכה
מדי שבוע בשבוע
בשבת אחים ובדיבוק חברים
בהיכל בית מדרשינו
31 Merriewold Ln North
נטילת ידים
בשעה
11:00
זמירות מלוה מלכה
בצוותא חדא
עובדות וסיפורי צדיקים
ברכת המזון
בשעה
12:00
כל הקהל מזומן!
הגבאים


בס"ד
Beis Medresh
Cong. Yetev Lev D'Satmar
Merriewold - Blooming Grove
בית המדרש
קהל יטב לב ד'סאטמאר
מעריוואלד - בלומינגראוו
שבענו בבוקר חסדך
מיט דעם טוען מיר מודיע זיין פאר באי' ומתפללי בית מדרשינו החשובים הע"י
לטובת הציבור וועט בעז"ה זיין צוגעשטעלט
אין די ערב פסח טעג
פת שחרית
לכל הקהל הקודש
פון ר"ח ניסן ביז ערב פסח
בבית מדרשינו
הגבאים

בס"ד



בית המדרש
קה"ל יטב לב ד'סאטמאר
מעריוואלד - בלומינגראוו

קהל יטב לב ד'סאטמאר
בנין יאקאבאוויטש

Beis Medresh
Cong. Yetev Lev D'Satmar
Merriewold - Blooming Grove

ברכונכם מבית ה'

הננו שמחים בזה להודיע לקהל אנ"ש מתפללי בית מדרשינו אשר לקראת יום זה מכובד מכל הימים

# פתיחת שערי בית מדרשינו הגדול והמפואר

העומדת על תלה בנוי' לשם ולתפארת

ולמען תועלת כל קהלא קדישא הדין תושבי עירנו המתכוננים
לקבוע את מקומם בין כותלי דבי מדרשא לעשות רצון קונם וחפץ צורם לתורה ולתפלה ולטהרה

## נתמנו העומדים על הפקודים

## בתוככי הבית הגדול והקדוש

לעמוד לשרת בשם ה' לטובת הציבור ולנהל את כל עניני בית מדרשינו על צד היותר טוב

### גבורי כח עושי דברו

הני אנשי המעש המפוארים, במעשיהם הטובים אהובים ונערצים, בדעת ובחכמה מלאים

מוה"ר **שלום יודא ווייס** הי"ו

מוה"ר **גבריאל חיים ברים** הי"ו

מוה"ר **יואל קאָהן** הי"ו

המה נבחרו מקרב קהל ועדה לעמוד לשרת בתור

### גַבָּאֵי בית מד־־רשינו

המה יטו שכם אחד להרם קרן בית מדרשינו ולמען תועלת המתפללים והלומדים החשובים
שיחי' למען כבות בית ה' ולהרבות גבולי הקדושה

### ואתם עמם נתמנו הני אנשי חיל על תפקידיהם בתוככי המגדל האדיר

**משמש דבית מדרשינו**
ידידינו היקר איש האשכולות וכביר המעש

מוה"ר **הערש אליעזר קאָהן** הי"ו

שיעמוד הכן לנהל את מערכת בית ה' ולשמ"ש בנאמנות את כל הקהל הקודש בצרכיהם ברוחניות ובגשמיות

**גבאי ימות החול**
ידידינו היקר מעוטר בכשרונות העושה והמעשה

מוה"ר **משה קרויס** הי"ו

שיעמוד על המשמר לסדר את כל מניני תפלה ושיעורי תורה וכל המסתעף במשך ימות החול שהכל על מקומו יבוא בשלום

אשריכם שלכך נבחרתם

וצרופות בזה ברכותינו אשר חפץ ה' בידם ובידינו ישכיל ויצליח להרם קרן בית מדרשינו להיות תל תלפיות שכל פיות אלי' פונים, אשר אלפים יבואו בתוכה להתפלל ולקבוע עתים לתורה מתוך הרחבת הדעת, ויתקדש שם שמים ע"י, מתוך נחת ושמחה, עדי נזכה שעתידין מקומות אלו להקבע בארץ ישראל בביגוא"צ ומלכינו בראשינו אמן.

בכבוד רב
הנהלת הקהלה

בית המדרש
קהל יטב לב ד'סאטמאר
מעריוואלד - בלומינגראוו

Beis Medresh
Khal Yetev Lev D'Satmar
Merriewold - Blooming Grove

בנין יאקאבאוויטש

# סדר מניני תפילה בבית מדרשינו

## תפילת שחרית

בכל 20 מינוט

כל הזמנים הם לברכות - הודו 10 מינוט אח"כ

| | | |
|---|---|---|
| :00 | :20 | :40 |
| בחדר א | בחדר ב | בחדר ג' |

## תפילת מנחה

| | | | |
|---|---|---|---|
| 2:00 | 6:00 | 7:00 | 15 מינוט קודם ר"ת |
| בחדר א' | בחדר א' | בחדר א' | בחדר א' |

## תפילת מעריב

| | | | |
|---|---|---|---|
| בזמן ר"ת | 9:00 | 9:30 | 10:00 |
| בחדר א' | בחדר א' | בחדר א' | בחדר א' |

31 MERRIEWOLD LN S MONROE, NY 10950



April 12, 24 | פרשת תזריע

# AVION

## NEW LISTINGS!

845.388.1216 | info@avionventures.com

FOR SALE



**1 Bamond Ct. Chester NY**

This house is a rare find with gorgeous landscaping and an on-ground pool. With 3 bedrooms, huge basement, living room and family room, this house has so much to offer. Come see for yourself!

FOR SALE



**69 Gilbert St. Monroe NY**

This single-family house is an excellent find with four spacious bedrooms, cozy living room, and comfortable kitchen. The backyard is spacious and perfect for outdoor activities and entertaining. This is a perfect place to call home!

FOR SALE



**63 Whitetail Run Chester NY**

Dream home and business space for $999k. Featuring a beautiful new house and a 2.5k sq. ft garage - an ideal combination for personal and professional life.

ACCEPTED OFFER



**150 Cottage St. Middletown NY**

This newly renovated home is a must see. High ceilings, hardwood floors, big new windows and many more upgrades in every room. The full basement and attic, huge front porch, back deck present a handful of opportunities.

FOR RENT



**330 Stage Road Monroe NY**

AVAILABLE FOR LEASE

- Versatile commercial space ideal for warehousing or storefront usage
- Nestled in a prime location

# ענדגילטיגע די. אי. סי. הירינג אַנבאַלאַנגט 'שכונת דברי חיים' דעוועלאַפּמענט פאָרגעקומען פאַרגאַנגענעם מיטוואָך

דעם פאַרגאַנגענעם מיטוואָך פרשת שמיני איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער די. אי. סי. הירינג, וואו ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן דער פּראָיעקט צו איבערנעמען די וואַסער - געבענטשטע קוועלער וועלכע געפינען זיך אויף דעם גרויסן שטח פון די באַקאַנטע "שכונת דברי חיים" (קלאוו -וואוד) דעוועלאָפּמענט, וואָס וועט האָפנטליך ברענגען אַ פרישע שפע פון מיליאָנען גאַלאָנען וואַסער פאר דעם גאַנצן ווילעדזש אָוו סאַוט בלומינג גראָוו.

ביי דעם הירינג האָבן זיך באטייליגט הונדערטער פערזאנען און ווי אויך האבן אויפגעטרעטן איבער 200 קאמענטירער, וועלכע האבן געלאזט הערן זייער מיינונגען און געדאנקען במשך פינף לאנגע שטונדן וואס די הירינג האט גענומען, צוטיילט אין צוויי סעסיעס.

צווישן אלע קאמענטארן, האט זיך ארויסגעשטעלט דאס שיינקייט פון אחינו בני ישראל וואס זענען ארויסגעקומען און אפגעגעבן זייערע קאמענטארן מיט רעספעקט און פראפעסיאנאליזם לטובת דעם פראיעקט.

אַ ספּעציעלע איינדרוק האָט איבערגעלאָזט די אויפטריט דורך דעם לעגענדאַרער שר העסקנים, הרבני החסיד המרומם מו"ה משה דוד נידערמאן שליט"א, וואָס האָט מיט גאר טרעפליכע ווערטער אַדרעסירט דעם פּראָיעקט.

הרה"ח רבי משה דוד שליט"א האָט גאר שיין ארויסגעברענגט די טיפע העצע אין די גאס קעגן דעם פראיעקט וואס איז נישט באזירט אויף קיין תכלית און פאקטן, און נאר אויף די "פּן ירבה" שרעק, און ער האָט באַטאָנט אז די 'די. אי. סי.' זאל באהאנדלען דעם אפליקאציע קוקנדיג אויפ'ן תוכן און דער פאקטישער מציאות, און נישט ווערן פארבלענדט פון פאליטישע אגענדעס און העצע פון דרויסנדיגע אינטערעסן, וואס האבן נישט מיט די פראיעקט זעלבסט.

עס האָט אויך גערעדט הר"ר אהרן בנציון ווידער שליט"א, דער ראקלענד קאונטי לעגיסלעיטאר פאר דיסטריקט 13 פון מאנסי, וואס לויפט אַצינד פאר ניו יארק סטעיט אַסעמבלי.

דורכאויס דעם הירינג האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז צווישן די הונדערטער העסליכע קאמענטירער האט נאר א מספר מיעוט געהאט אן געהעריגע פארשטאנד אין דעם תוכן פון די אפליקאציע פאר די פערמיט וואס ווערט באהאנדלט. עס האט זיך ארויסגעשיילט זייער קלאר אז מערסטנס פון די העצער וואס זענען געקומען קאמענטירן האבן בכלל נישט גענומען די צייט און מיה דורכצוקוקן און צו פארשטיין וואס דער נושא איז בכלל, נישט וואוסנדיג קיין שום פאקטישער ציפערן, צום ביישפיל וויפיל וואסער איז פארהאן אין די 6 פון 26 קוועלער אויף וואס דער פערמיט איז באזירט פונעם פראיעקט.

די פראפעסיאנאלן און אדוואקאטן וואס זענען געווען אנוועזנד, האבן אויסגעדרוקט שאק ווי די באטייליגטע זענען בכלל נישט באהאווענט אין אפלערנען דעם ענין און מען טוט בלויז ציען מסקנות, באזירט אויף נארישע פאליטישע העצע פון אינדרויסן.

און דערצו זענען געווען געוויסע דרויסנדיגע העצער, נאר האבן אויסגענוצט דעם צוויי מינוט קאמענט פעריאד פאר העסליכע אטאקעס אויף אינדיווידועלן, וואס האָט האָפנטליך געגעבן דעם ריכטיגן איינדרוק פאר דער די. א. סי. איבער דעם אמת'ן ציל.

אין ליכט פון די גרויסע אינטרעסע וואָס די טעמע האָט אַרויסגערופן, האָט דער די. אי. סי. געמאלדן, אז אנשטאט פארמאכן דעם "קאמענט פעריאד" אום אפריל 5, ווי פריער באשטימט, וועלן זיי עס אפשטופן מיט א וואך און עס פארמאכן ערשט אפריל 12, צו געבן נאך צייט פאר ווער עס וויל אריינשיקן נאך קאמענטארן.

נאך דעם אפריל 12 דאטום, האט דער די. אי. סי. זעכציג טאג צו געבן אן "אפראוועל" אדער א "דינייעל" פאר'ן פראיעקט.

אַצינד קוקט מען אַרויס אַז מ'זאָל טאַקע הערן גוטע בשורות איבער דעם פראיעקט, וואָס וועט האָפנטליך זיין אַ שטאַרקע פאַרלייכטערונג אויפ'ן הוה, און נאָכמער אויפ'ן עתיד, צו ערלויבן די אויפבוי פון הונדערטער רחבות'דיגע דירות פאַר אידישע קינדער געבענטשטע פאַמיליעס בעז"ה.

# מוסדות התורה אין קרית יואל שיקן "אמיקוס בריעף" צום העכסטן אַפּעלאַט געריכט לטובת תושבי בלומינג גראָוו קרית יואל

ווי פאר אלעמען באקאנט, ציט זיך שוין א לאנג-יעריגע געריכט איבער דעם וואס די וואשינגטאן סקול דיסטריקט טוט דיסקרימינירן די איינוואוינער פון בלומינג גראָוו פון זייער ערליך פארדינטע און שטייער באצאלטע טראנספארטאציע סערוויסעס.

די קעיס איז איבער די 21 טעג, ווען די מוסדות זענען אפן, אבער די סקול דיסטריקט איז פארמאכט, א שטייגער ווי חגאות וכדו'. די טראנספארטאציע פאר די טעג האט אפילו נישט קיין איבריגע קאסטן פאר די סקול דיסטריקט, וויבאלד עס ווערט באלאנסירט מיט די טעג וואס די מוסדות זענען נישט אפן, א שטייגער ווי להבדיל די ימים טובים.

די סקול דיסטריקט טוט זיך שלאגן מיט ציין און נעגל נישט צו דארפן באצאלן פאר די 21 טעג, וואס דאס טוט דורכדעם אפקאסטן פאר די אחינו בני ישראל, הונדערטער טויזנטער דאללער קאלעקטיוו, פער יאר.

ברוך השם אַז דאָס געריכט גייט אין די גוטע דירעקציע און די קעיס איז געווארן אנגענומען ביים העכסטן אפעלאט געריכט, וועלכע איז דער פערטער סירקויט אוו אפיעלס אין ניו יארק סטעיט.

שטייענדיג אַצינד בעפאָר דעם פעריאָד ווען דער קעיס איז ערווארטעט געהערט צו ווערן אין די נאנטע וואכן, זענען די יו. דזשעי. סי. עסקנים ארויס מיט א ביטע צו די מוסדות התורה אין קרית יואל, אז זיי זאלן אריינשיקן צום העכסטן אפעלאט געריכט חיזוק און הערצה בריוון און ווי אויך לעגאלע מיינונגען און רעקאמענדאציעס, וועלכע רופט זיך אן "אמיקוס בריעף", לטובת תושבי העיר.


To be Submitted by:
Richard M. Mahon II

Court of Appeals
of the
State of New York

UNITED JEWISH COMMUNITY OF BLOOMING GROVE, INC., JOEL STERN, as Parent and Natural Guardian of K.S., M.S., B.S., B.S., and F.S., Infants under the Age of Eighteen Years, and YITZCHOK EKSTEIN, as Parent and Natural Guardian of I.E., C.E., M.E., and P.E., Infants under the Age of Eighteen Years,

Petitioners-Plaintiffs-Appellants,

– against –

WASHINGTONVILLE CENTRAL SCHOOL DISTRICT and THE NEW YORK STATE EDUCATION DEPARTMENT,

Respondents-Defendants-Respondents.

BRIEF FOR AMICI CURIAE SHERI TORAH, INC. AND UNITED TALMUDICAL ACADEMY OF KIRYAS JOEL IN SUPPORT OF PETITIONERS/PLAINTIFFS-APPELLANTS

Catania, Mahon & Rider, PLLC
Richard M. Mahon II
Attorneys for Amici Curiae
641 Broadway
Newburgh, New York 12550

הר"ר משה אלי' עסטרייכער שליט"א, דער אדמיניסטראטאר פון מוסדות סאַטמאַר קרית יואל, ואתו עמו הר"ר שלמה זלמן ווייס שליט"א דער אדמיניסטראטאר פון מוסדות תורה ויראה, האבן אויף זייערע קאסטן אַראַנדזשירט דעם גאר מאכטפולן אדוואקאטן פירמע וואס שטייט שטענדיג צום דינסט פארביידע מוסדות, אין שפיץ פונעם באקאנטן אדוואקאט מר. ריטשארד מעהאן, וועלכער איז געווען גאר אינסטרומענטאל ביי די קאוויד עפאכע, אז מען זאל קענען צוריק עפענען די מוסדות התורה ווי אמשנעלסטן דאהי אין אראנדזש קאונטי.

מר. מעהאן מיט זיין היסטאריע און פארשטאנד בנוגע היימישע מוסדות התורה האט אפגעשריבן א דעטאלירטן און מאכטפולן "ליגעל אפיניען" צום אפעלאט געריכט לטובת די אידישע איינוואוינער אין בלומינג גראָוו, און עס איז געפיילט געווארן דעם פאַרלאָפענעם מיטוואך שמיני בשעה טובה ומוצלחת.

דער קעיס איז אויפ'ן קאלענדער געהערט צו ווערן אום מאי 15 למספרם און מען האָפט צו השי"ת אַז מ'זאָל הערן גינסטיגע רעזולטאַטן לטובת אידיש געלט.

# OFFICE CONDOS BUILT TO SUIT YOUR NEEDS

## AVAILABLE FOR IMMEDIATE OCCUPANCY

EMPIRE EXEC | 581 STATE ROUTE 17M | REG. #CP24-0001
VILLAGE OF MONROE | ORANGE COUNTY, NEW YORK

**We have underwritten loans in place for qualified buyers.**

## UNITS

- Two-story building
- Street access from ground floor
- Custom spaces
- Rooftop deck available for purchase
- Ample parking
- High traffic area
- Located in the heart of Monroe
- Coming soon: annex with additional units
- First floor: 13 office spaces will be available with option to combine multiple units into one.
- Second floor: 4 office spaces available. Modifications can be made to suit buyers' needs.



CONTACT AVION TODAY!

845-388-1216
info@avionventures.com
Avionventures.com

AVION

וּבְכָל עִיר וָעִיר, מְקוֹם אֲשֶׁר דְּבַר הַמֶּלֶךְ וְדָתוֹ מַגִּיעַ, שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן לַיְּהוּדִים

בשיר ושבח לחי העולמים בעמדינו אחר ימי האורה

# ימי הפורים תשפ"ד העעל"ט

שנערך בתוך קהל ועדה אשרי עין ראתה קהל קדושים רוגשים
בהתאסף זקנים ונערים קהלא קדישא הדין רברביא עם זעירא תחת קורת גג אחד

## בראשות כבוד הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א

חובה מוטלת עלינו להודות מעומק ליבנו בשם כל הקהל הקודש
קדם אלו שעמדו לימינינו שהכל יסתדר עצהיו"ט למען הציבור
ולמען כבוד שמים ולזכותם יזקף ההצלחה למעלה מן המשוער

### שְׁלֹמֹה תֵּן כְּמֵי נָהָר

ברכה מיוחדת קדם ידידינו הנלה ר"ץ בצבי למען כל קדשי קהלתינו
האברך היקר המהולל בתשבחות

הר"ר **שלמה צבי ווייס** הי"ו

מענעדזשער ביהמ"ד הגדול

### וּמָרְדֳּכַי יָדַע אֶת כָּל אֲשֶׁר נַעֲשָׂה פרשת גדולת מרדכ"י

ובכן יבורך גבר בריך הכשרון ומקור חיים משליך לבו ונפשו לרומם קרן קהלתינו

הר"ר **חיים מרדכי אפרים פישל ראזענבערג** הי"ו

נזר העסקנים דקהלתינו הק'

שעמדו בראש המערכה במסירה שהכל בכל מכל יסתדר בהצלחה גדולה

### בְּכָל בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא

ובכן יתברכו ממקור הברכה הני צנתרי דדהבא
העומדים לימין כבוד הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א

הר"ר **פישל פריינד** הי"ו
הר"ר **אברהם חיים גאלדמאן** הי"ו

נאמני בית הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

שעמדו למען הציבור משך ימי הפורים בנאמנה יתירה

# קהל יטב לב ומוסדות סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקדוש זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
בראשות הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א

## נאמנים הם לקבל שכרם

בשער בת רבים נביע תודתינו לידידינו היקרים שעשו מלאכת ה' באמונים הני נאמני הקהילה ק"ק קרית יואל

הר"ר **ארי' אייזענבערג** הי"ו
הר"ר **הערשל הירש** הי"ו
הר"ר **יצחק שלום מאנן** הי"ו
הר"ר **חיים בעריש מאנן** הי"ו
הר"ר **שלמה יודא מאנן** הי"ו
הר"ר **מנחם צבי יאקאבאוויטש** הי"ו
הר"ר **ישעי' יעקב פריעדמאן** הי"ו
הר"ר **זלמן לייב מארקאוויטש** הי"ו
הר"ר **ישראל עקשטיין** הי"ו
הר"ר **חיים וויינבערגער** הי"ו
הר"ר **משה יחזקאל פערלמוטער** הי"ו
הר"ר **נפתלי סופר** הי"ו
הר"ר **אברהם יקותיאל יערמיאש** הי"ו
הר"ר **שמואל אהרן לעפקאוויטש** הי"ו
הר"ר **משה סרוגא** הי"ו

אשר עמדו במסירה משך הייום לקבל את כל אדם בסבר פנים יפות ולעזור לכל דורש ומבקש להרחבת הדעת של הציבור הגדול

## יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה וּמִשְׁלֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ

ובכן יברכו בברכה ידידינו העומדים תמיד לימין קהלתינו

הר"ר **ישעי' יעקב פריעדמאן** הי"ו
הר"ר **שלמה האלצער** הי"ו
הר"ר **חיים ווייזער** הי"ו
הר"ר **אליעזר וואלדמאן** הי"ו
הר"ר **בעריש לאנדא** הי"ו
הר"ר **אלטר לאנדא** הי"ו
הר"ר **אהרן דייטש** הי"ו
הר"ר **משה ארי' רובינשטיין** הי"ו
הר"ר **לייבוש גראס** הי"ו
הב' **בנציון פאלאטשעק** הי"ו
הח' **מרדכי לייב דייטש** הי"ו
הב' **יעקב שניצער** הי"ו

אשר זכי להם משמיא להיות שליח של אדם במותו לשלוח משלוח מנות של הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א

---

הר"ר **אברהם יושע איזרעאל** הי"ו
נאבעל וויין
הר"ר **חיים אהרן פלאהר** הי"ו
הר"ר **חיים יושע הערמאן** הי"ו
הר"ר **בנימין יודא ווערצבערגער** הי"ו
הר"ר **משה בר"י סטראלאוויטש** הי"ו
הר"ר **ראובן וואלף בראך** הי"ו
הר"ר **שלמה לאנדא** הי"ו
הר"ר **יוסף יוזפא שמילאוויטש** הי"ו

שנטלו חלק בהוצאות הפורים

---

הר"ר **חיים לייב קויפמאן** הי"ו

שנדב המזונות והמשקאות לשלחן הטהור

## מזון וצדה השביעו לנפשינו

ובאנו בברכה בשער בת רבים למען ידידינו הנאמנים

**בית התבשיל של מוסדותינו הק'**

הר"ר **יעקב אלימלך אייזענבערג** הי"ו
הר"ר **יואל טירנויער** הי"ו
הר"ר **יואל שטויבער** הי"ו
הר"ר **משה יושע בערנבלוט** הי"ו

ובברכת הרבים וטוב עין הוא יבורך מע"ב ידידינו היקרים אשר עמדו לימינינו ברוח נדיבה

## שִׁיר וּשְׁבָחָה הַלֵּל וְזִמְרָה

ובשם כל הקהל הקודש נברך בהלל הגדול קדם מע"ב

הר"ר **הלל שלמה דייטש** הי"ו
הר"ר **געציל פאלאטשעק** הי"ו
הר"ר **הערשל הירש** הי"ו

שעמד משך היום בבית הגה"צ אבד"ק ור"מ שליט"א למען אלפי הבאים עם משלוח מנות לברך והתברך

## אַנְעִים זְמִירוֹת וְשִׁירִים

מעומק הלב עלינו להודות באלפי תודות קדם הני אברכים בריכי הכשרון ומטיבי נגן

הר"ר **אייזיק טייטלבוים** הי"ו
הר"ר **יושע אשר בערקאוויטש** הי"ו
הר"ר **שמשון בערקאוויטש** הי"ו
הר"ר **מענדל גרשון טייטלבוים** הי"ו
הר"ר **יצחק שלום מאנן** הי"ו
הר"ר **יואל בריליאנט** הי"ו
הר"ר **יהוסף עסטרייכער** הי"ו
הר"ר **שלמה ברוך טייטלבוים** הי"ו
הב' **סענדר** ב"ר חיים וואלף **יאקאבאוויטש** נ"י

ובראשם האי מיטיב נגן ראש המשוררים

הר"ר **וואלף בראווער** הי"ו

ובמיוחד באנו להודות האי איש האשכולת מכבד את ה' מגרונו

הר"ר **ישראל חיים גרינהוט** הי"ו

שהפליא פלאות ועורר הציבור בחרוזים נפלאין

## תודה רבה

לכבוד ידידינו היקרים והנכבדים, נדידי לב,

הר"ר **מאיר יצחק ווייס** הי"ו
גרענד פוד

הר"ר **שמעון חיים וויינשטאק** הי"ו
פולס סאונד

הר"ר **חיים יקותיאל יאקאבאוויטש** הי"ו
בעל הפירמע 'לאקלין קלינינג'

הר"ר **בנציון יואל זילבערשטיין** הי"ו
הר"ר **ישעי' הירש** הי"ו
בעלי הפירמע 'פארקוויי'

שעמדו לסדר הפארקינג והטרעפיק על יד ביתו של הגה"צ האבד"ק שליט"א

## יעמדו על הברכה

ברכה מיוחד קדם הני גבורי החיל המקדישים ימיהם להרים קרנות צדק בקרב קהלתינו הק' בדעה בינה והשכל

הר"ר **יואל לויפער** הי"ו
הר"ר **אברהם יצחק הירש** הי"ו
הר"ר **יחיאל יצחק שטויבער** הי"ו

שעמדו ימים רבים שהכל יוכתרה בכתר ההצלחה כיאות וכראוי לקהלתינו הקדושה

---

ישלם ה' פעלם ותהי משכרתם שלימה מעם ה' אנו תפלה שזכותו הגדול של מרן רביה"ק זי"ע מייסד הקהילה וזכותו של מרן רבינו הגה"ק הברך משה זי"ע יעמוד בעדינו ובעד כל העוזרים והמסייעים הקב"ה יהא בעזרם להתברך בכל מילי דמיטב ושזכה לילך ע"ד ישראל סבא תחת דגל מחנה יהודה כ"ק מרן רבינו שליט"א עד ביאת הגואל בב"א

בברכת וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים

**יושע אליעזר שטויבער**
מזכיר

**משה אלי' עסטרייכער**
מנב"ל

# הערליכע מסיבה שליסט אן אנשי שלומינו תושבי קרית יואל מיט ריזיגע סומעס פאר סאטמאַר - ירושלים "קמחא דפסחא" קאַסע

**ביי מסיבה נהדרה דעם פאַרלאָפענעם מוצש"ק שמיני- החודש אין שטוב פון הרה"ח מו"ה ישראל חיים קרויס הי"ו, סגן ראה"ק, בהשתתפות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א**

קרית יואל. – אַ הערליכע מסיבה של מצוה איז פאָרגעקומען מוצאי שבת אין שטוב פון הרה"ח ר' ישראל חיים קרויס הי"ו סגן ראה"ק קהל יטב לב, געווידמעט לטובת די קמחא דפסחא קאַסע פון די קהילה אין ירושלים, בראשות דעם רב שליט"א, וואו עס האָט זיך שטאַרק אָנגעזען דערביי דאָס וואַרימקייט פון אנ"ש.

די מסיבה האָט נאָכגעפאָלגט דעם געהויבענער שבת החודש בראשות דעם רב שליט"א, וואָס די הייליגע קאַסע איז זייער שטאַרק קרוב ללבו און אויך אַצינד האָט ער פּערזענליך פאַרבעטן דעם סגן ראה"ק צו אָפּרעכטן די יערליכע מסיבה און דער רב האָט זיך טאַקע באַטייליגט דורכאויס אַ לענגערע ווײַלע.

דאָס וואַרימקייט פונעם ציבור אנ"ש האָט זיך טאקע אָנגעזען ביי די קמחא דפסחא אַקציע וואו תושבי קרית יואל האָבן אַנטיילגענומען ביד רחבה. תושבי קרית יואל וועלכע ווייזן שטענדיג אַרויס אַ חיבה יתירה פאַר אנ"ש אין ירושלים, האָבן זיך גאָר שטאַרק אָנגעשטרענגט יותר מכפי יכולתם קעגנצוקומען דעם רוף פונעם רב שליט"א און בייגעשטייערט ביד רחבה וברוח נדיבה.

עס איז געווען אַן ערהאַבן בילד צו זען דאָס וואַרימקייט און מיטגעפיל צו אחינו לדעה בירושלים עיה"ק פון תושבי קרית יואל, וועלכע האָבן געשטראָמט צו די מסיבה און זיך אָנגעשלאָסן מיט אויסטערליש-שיינע סכומים, און דערמיט פאַרלייכטערט דעם עול וואָס ליגט אויפ'ן רב שליט"א, וועלכער באַגלייט די קופּה מיום היווסדה, אַז די נקיי הדעת שבירושלים זאָלן קענען אַריינברענגען אַ שמחת יום טוב אין די שטיבער.

באַזונדער איז געווען די געלעגנהייט פאַר נדיבים בעם, וועלכע האָבן זיך בייגעשטייערט מיט גרעסערע סומעס, צו איבערגעבן זייער האַרציגע תרומת הקודש פּערזענליך פאַר'ן רב שליט"א, וועלכער איז געזיצן אין אַ זייטיגן צימער און אויפגענומען בפרטיות די חשוב'ע נגידים צו אָפּנעמען די סכומים הגונים און דערביי אָנוואונטשן וואַרימע ברכות, בזכות פון החזקת עניי ארה"ק.

ווען די מסיבה האָט זיך געשלאָסן שפּעט נאָך חצות האָט מען זיך דערזען מיט אַן אומערוואַרטעטע מציאות: עס איז אַריינגעקומען אַן אויסטערליש-ריזיגן סכום וואָס האָט צום וויפלסטן מאָל אַרויסגעהויבן דאָס שיינקייט און פּראַכט פון דער הייליגער שטאָט קרית יואל, און די הערליכע מדת החסד פון סאַטמאַרער תלמידים וואָס לאָזן זיך אַזויפיל קאָסטן פאר אונזערע ברודער אין ארה"ק, להחיות רוחם ולהאיר אור במושבותם!










Rockland's
PREMIER REHAB
THE HEART OF MONSEY
Maple Avenue
Main Street
See it for yourself or Take our guided tour.
Top notch therapists
State-of-the art rehab
Gourmet meals under the strict Skvere hechsher
Shabbos rooms available for families
היימישע management
NORTHERN METROPOLITAN
225 MAPLE AVENUE MONSEY NY 10952
845.352.9000 | www.northernmet.com

# 'ווילעדזש אָוו קרית יואל' אַדרעסירט בריוו צו 'אָראַנדזש קאַונטי' אַנבאַלאַנגט ברייטערע סוער באַשטעטיגונגען



VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

March 15, 2024

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

Robert J. Gray, P.E.
Deputy Commissioner, P.E.
Orange County Department of Public Works
P.O. Box 509
2455-2459 Route 17M
Goshen, New York 10924

***Re: OCSD#1 Remaining Available Treatment Capacity***

Dear Deputy Commissioner Gray:

I write to you on an issue of urgency to the residents of Kiryas Joel. The purpose of this letter is to provide comment on the December 2023 Remaining Available Treatment Capacity ("RATC") report and express the Village's grave concern regarding the use of information in the RATC report to effect a *de facto* moratorium on sewer connections within the Orange County Sewer District #1 ("District"). This letter also responds, in part, to your January 22, 2024 letter inviting me to explain the Village's concerns. Accordingly, I enlisted input for this letter from the Village's engineering consultant, CDM Smith, and special counsel, Whiteman Osterman & Hanna LLP.

As you well know, the Village lies entirely within the boundaries of the District. Recent County reports, including the RATC, conclude that the Harriman Wastewater Treatment Plant ("WWTP") is near its 6 million gallons per day ("mgd") design capacity, and, as of December 2023, the District purportedly has either approximately 162,675 (36 mos. avg.) gallons per day ("gpd") or 29,231 (12 mos. avg.) gpd of capacity remaining depending on which portion of the RATC report you review.[1] It is our understanding that, based on these reports, a significant number of in-District residential units that are ready for occupancy may be denied sewer connection permits. Given the existing housing shortage impacting the Village and its in-District residents, it is paramount that these residential development projects have access to municipal sewer. This situation is even more troubling given the RATC report's acknowledgement of over-allocation and poor management of wastewater flows originating from certain contracted municipalities outside of the District. It is well-settled that in-District users are entitled to priority for sewage capacity over out-of-District users and that the County is obligated to accommodate the needs of in-District users. Accordingly, the Village respectfully requests that the County undertake immediate

[1] This does not take into account the influence of any added capacity through the Kiryas Joel WWTP or any deduction based on the VMG North Interceptor reservation.

Page 1 of 8

שטייענדיג אין אַ צייט וואָס די דירות מאַנגל אין קרית יואל הייבט זיך צוליב עטליכע פּראָיעקטן וועלכע זענען שוין פאַרענדיגט און וואַרטן בלויז אויף די סוער אפּראוועלס דורך די קאַונטי, וועלכע צעגערן אַרום דערמיט, האָט די ווילעדזש אָוו קרית יואל אַצינד אָפּגעשיקט אַ בריוו צו דער קאַונטי מיט אַ שטאַרקע אויפפאָדערונג אַז די אפּראוועלס זאלן שוין געשאָנקן ווערן.

די אָנגעבליכע אויסרייד פון דער קאַונטי לויטעט לויטעט אז די יעצטיגע סוער סיסטעם קען נישט אריינגעמען מער ווי א געוויסע צאל פרישע געביידעס און ס'פאדערט אויסברייטערונגען אין די ארענדזש קאונטי סוער סיסטעם צו קענען צולייגן די אלע נייע הייזער.

אָבער אין דעם אַכט זייטיגן בריוו דורך דעם ווילעדזש צו דער קאַונטי ווערט אָנגעצייגט אַז די רעפּאָרטס שטימען נישט און עס דאַרף יא זיין גענוג סוער פאר די יעצטיגע דעוועלאָפּמענטס. באזונדער ווערט אונטערגעשטראָכן מיט וואונדער פארוואס די קאונטי גיט בעפארצוג פאר אנדערע געגענטער בעפאָר דעם ווילעדזש אוו קרית יואל.

פאַקטיש האָט די קאַונטי שוין באַשטעטיגט אַ גרויסער טייל פון די נייע געביידעס אין קרית יואל, אבער זיי האלטן אפ די ווייטערדיגע אפראוועלס פאר נאך הייזער וואס ווערט פארענדיגט אין שטאָט, טראָצדעם וואָס די קאַונטי סיסטעם פאַרנעמט נאָך עטליכע טויזנט הייזער, אָבער די קאַונטי האַלט די סלאָט'ס אָפּן פאַר אַנדערע ווילעדזשעס און טאַונס, וואס זיי האבן געהאט איינגעטיילט וויפיל יעדע געגנט באקומט פון זיי.

אין דעם בריוו טאדלט די ווילעדזש דעם באַשלוס פון אויפהאלטן פארטיגע געביידעס, צו בעפאָרצוגן אנדערע דעוועלאפמענטס וואס האלטן דערוויי

ל אין ערגעץ אדער אין די גאר פריע שטאפלען.

מען קוקט ווייטער ארויס מיט האָפענונג אז די קאונטי וועט טאַקע באשטעטיגן די סוער פאר די נייע דעוועלאפמענטס אן קיין אָפּהאַלט, פאר די אויסברייטערונג פון דער שטאָט מיט רחבות'דיגע אידישע דירות בעז"ה.

היה אור במושבותם:

# 'שכונת לעמבערג המורחבת' ערהאַלטן עלעקטריק פאַרלאָפּענעם פרייטאָג פאר נייע דירות געביידעס

## 'או ענד אר' האָט באַהאָפטן 'עלעקטעריק טראנספארמערס' צו דער שכונה; ערווארטעט אין קומענדיגע וואָכן אָנצוצינדן די 'מיטערס' צו פיטערן עלעקטריק קראַפט פאר די נייע הייזער

די ווילעדזש אוו ס. בלומינג גראוו פייער צווישן די פילצאליגע דעוועלאפמענטס בקרב העיר שיינט אַרויס מיט פראַכט די ריזיגע 'עיקערס פוינט' זאָנע, מיט אירע פילע הונדערטער הייזער, וועלכע בויעט זיך אין צענטער פון שטאט אויף עיקערס ראוד.

א גרויסע צאל געביידעס שטייען שוין גרייט זיך אריינצוציען אָבער ס'האָט נאָך געפעלט בלויז די עלעקטערישע קראַפט וואָס האָט געוואַרט צו ערגענצט ווערן דורך די 'או ענד אר'. דעריבער ווערד פריידיג באגריסט די פאָזיטיווע אַנטוויקלונג ווען פאָריגע וואך איז ב"ה אַקטיוויזירט געוואָרן די גרויסע 'טראנספארמערס' פאר די נייע געגנט, ווען די פירמע האָט אָנגעהויבן פיטערן עלעקטעריק פאר די פרישע דעוועלאָפּמענט.

צווישן די באגריסענדע פארשריט זענען שוין פיר פון די געביידעס געוואָרן 'סוער אפּראוועל', ווי באַריכטעט אין 'וואָכנשריפט' מיט צוויי חדשים צוריק, וואס אינאיינעם מיט דעם פרישן עלעקטריק אפדעיט באדייט דאס אז די געביידעס אויף קשאַנוב און 2 געביידעס אויף וויטעבסק וועלן בעז"ה זיין גרייט צו ווערן פולקאָם באַנייט אויף באַלד נאָך פסח, ווען די 'או ענד אר' וועט ענדיגן די מיטער אינסטולאַציע.

לויט די יעצטיגע פלענער וועלן די מיטערס ווערן אינסטאָלירט אין די גאָר נאָנטע וואָכן, און גלייך דערנאָך וועלן זיי אַקטיוויזירן די געז מיטער, וואָס וועט ערמעגליכן צו קענען בס"ד באַנייען די ערשטע געביידעס פון דעם הערליכן 'עיקערס פוינט' דעוועלאָפּמענט וואָס וועט אויסברייטערן די שטאָט מיט פילע נייע רחבות'דיגע דירות.



מה מקוה מטהר:

# פּרעכטיגע מקוה מפוארה באַנייט אין בית המדרש דרכי תשובה דינוב



מיט אַ שמחה של מצוה האָבן די מתפּללי ובאי בית המדרש דרכי תשובה דינוב אין צענטער פון קרית יואל, זוכה געווען לברך על גומרה של טהרה, ווען נאָך לאַנגע חדשים איז ב"ה פולקאָם פאַרענדיגט און באַנייט געוואָרן די הערליכע מקוה מפוארה אויפ'ן ערשטן שטאָק פון דעם ביהמ"ד, וואָס וועט שטיין צום דינסט לקדש ולטהר, מיט אַ רחבות'דיגער בור טבילה, געגנוג שאוערס און מיט אַלע אַנדערע איינריכטונגען למען טהרתן של ישראל.

די אויפבוי פון די נייע מקוה האָט אַריינגעצויגן אַן אַקטיווע אַרבעט, וואָס איז פינאַנצירט געוואָרן בנדבת לבם הטוב פון די מתפּללי ולומדי בית המדרש, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קאָסטן סכומים הגונים פאר דעם מקום טהרה. באַזונדער האָט מען זוכה געווען צו מיטלעבן דעם דערהויבענעם אומפאַרגעסליכן מעמד 'יציקת הבורות' בהשתתפות כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א וואָס האָט געגאָסן די יסודות טהרה פאר דער נייער מקוה, און זינט דאַן האָט די אַרבעט פאָרגעזעצט איבערמידליך לנצח על מלאכת בית ה'.

אַצינד, לרגל דאָס התחדשות פון די נייע פּרעכטיגע מקוה, איז געפּראַוועט געוואָרן אַ פריידיגער קידושא רבא אין ביהמ"ד דינוב בצפרא דשבתא לברך ולהודות לה' על כל החסד. אויך ביי סעודת של"ש האָט אויפגעטרעטן הרה"ג דומ"ץ ביהמ"ד שליט"א מיט דברי שבח והודאה שהחיינו וקיימנו לזמן הזה.

אין ליכט פון דער הרחבת גבולי הטהרה מיט אַ נייע מקוה וואָס איז אין דינסט יעדן טאָג, צוגעשטעלט מיט אַלע באַדערפענישן לשביעת רצון המתפּללים, איז געמאָלדן געוואָרן אַז מטעם די הנהלת ביהמ"ד ווערט איינגעפעדעמט אַ נייער סדר פון מניני תפלת שחרית לימות החול, אין די צייטן פון 7:30, 8:45 און 9:45 אָנגעהויבן פון דעם פאַרלאָפענעם ראש חודש ניסן העעל"ט, ווען דאָס ביהמ"ד איז טאַקע פולקאָם צוגערישט מיט אַלע הצטרכות'ער, ספרים און קאַווע, א.א.וו.

די באַנייאונג פון דער מקוה מפוארה האָט ווירקליך ערגענצט נאָך אַ גלאַנציגע פּערל אין דעם קייטל פון דעם פנת יקרת, דאָס דינוב'ער בית המדרש, וואָס בליעט ב"ה מיט אַזאַ שיינענדיגע הצלחה, מיט די תפלות און שיעורי תורה תמידים כסדרן.

גייענדיג צום דרוק:

# טאַון הייזועי דעפּט. פאַראָרדענט פּערמענאַנטע שליסונג פון רעיוואוד-רוזין קאַנעקטינג ראוד

## מ'קוקט ארויס אז די טאַון זאָל צוריקציען פון זייער באַשלוס און עפענען דעם וועג צו די באַוועמליכקייט פון תושבי העיר

**Town of Monroe Highway Department**

**87 Mine Road**

**Monroe, New York 10950**

www.monroeny.org

**Highway Superintendent:**
James "Pat" Patterson
Ppatterson@monroeny.org
845-783-1900 ext. 139

**IMPORTANT NOTICE**

April 10, 2024

Dear Residents of Monroe,

We would like to inform you that The Monroe Highway Department has ordered a permanent road closure of the Ruzhin Road Extension at the intersection of Raywood Drive and Ruzhin Road.

We understand that this decision may inconvenience some residents, and for that, we sincerely apologize.

However, please be assured that this measure was deemed necessary for the safety of all individuals utilizing the road network in our town.

If you have any questions, concerns, or require further clarification regarding this matter, please do not hesitate to reach out to us at the highway department. You can contact us at 845-782-8583, and our team will be more than happy to assist you.

We appreciate your understanding and cooperation in this important safety initiative. Our priority remains ensuring the well-being and security of all residents of Monroe.

Thank you for your attention to this matter.

Sincerely,

James "Pat" Patterson

Catering
DEPARTMENT

For all your Catering/Events, big or small, call us:

845-782-2900 Ext 150

Events@satmarmeatkj.com

INCLUDING

- Tables
- Chairs
- Tablecloths
- Set up
- Waiter
- Hot food
  Sesame chicken, Grilled chicken strips, Overnight kugel, Kishka in gravy

- Gefilta fish platter
- Bilkalach
- Cake
- Fruits
- Chocolate & Nuts
- Chips
- Soda + water
- Beer
- Paper goods

Special Package

Only! $1,499


בס"ד
דיסקאונט
פרייזן אויף אלע פסח געברויכן!
מצות 5%
פלייש 10%
שמות לגניזה בחינם
גלעזער 20%
קלינינג 10%
היטן 5%
שיך 10%
קלינינג 10
פיש 5%
קלאודינג 25%
קליידער 10%
קינדער מלבושים 10%
דזשולערי 10%
אפלייענסעס 10%
און נאך פארשידענע דיסקאונטס
שפּאָרט זיך
גרויס געלט
אינעם איצטיגן ערב פסח סעזאן, מיט'ן קהל מעמבער קארטל
חבר נאמן
קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל
אויב האט איר נאכנישט אויסגעצאָלט אייער מעמבערשיפּ
צאָלט שוין און שפּאָרט אויך!
רופט אריין אין קהל'ס אפיס: 845.783.5688#205
אדער ביים משמש אין אייער בית המדרש

בס"ד

מודעה חשובה

# שמות קארטלעך

## פאר אלע אויסגעצאלטע מעמבערס

## איז שוין געווארן

# ארויס געשיקט אויף די פאסט!

די פונקטליכע 'זמנים' און 'פלעצער' שטייען אויף די קארטלעך

הנהלת הקהלה



מיט דעם פאלגענדן

שמות קארטל

וועט איר קענען בריינגען אייערע שמות

פריי פון אפצאל

(פאר און נאך פסח)

בהמ"ד הגדול - גארפילד

זונטאג - דאנערשטאג אוונט 7:30

נ.מ. ביז בדיקת חמץ: 12:00

זונטאג, יום אינדערפרי 10:00

ביז 8:30 אוונט

דינסטאג מחרה:

בית כהנא

בהמ"ד 11:30 ביז מיטאג

צופרי 9:00 בית יקותיאל

בהמ"ד 7:30 ביז אוונט

נ.מ. 6:00 בית יעקב

בהמ"ד 8:45 ביז 7:30 אינדערפרי

# קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

# שרייבט צום וואָכנשריפט



טעלעפאָן (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6 | פעקס: 845-501-0246 | פּאָסט: POB 113, Monroe ny 10949 | אימעיל: Letters@kyweekly.com

## פיקאַנטישע וועטער אויסקוק פון דער פאַרלאָפענער וואך

צו דער רעדאַקציע שיחי'.

ס'איז אַריבער אויף אונז זייער אַן אינטערעסאַנטע וואך פון אַ וועטער קוק ווינקל. איך שרייב עס אָפּ דא פאר די וועלכע האבן נישט אויפגעפּאַסט די העכסט מערקווערדיגע ערשיינונגען איינס נאָכ'ן צווייטן.

פאַרלאָפענעם מיטוואָך האָט גע'מבול'ט אַ שלאַקס רעגן; דאָנערשטאָג האט געשנייעט; פרייטאג איז געווען אן ערד ציטערניש; מיט נאָכפאָלגענדע 'עפּטער-שאקס' שבת און זונטאָג; מאָנטאָג איז געווען די לאַנג ערוואַרטעטע 'ליקוי חמה'; און דינסטאָג האָט די זון געבאַקן ווי אינמיטן זומער...

דער 'משנה עיתים ומחליף את הזמנים' זאָל אונז אודאי אָפּהיטן פון אַלעם שלעכטן, און שיצן אלע אידישע קינדער פון אַלע סאָרט פרעניות.

**א.ה.**

*

## ווערטפולע 'בית יקותיאל' חלוקה איז געוועליך בחנם

צו דער מערכת וואָכנשריפט.

איך האָב געוואָלט דאָ אויפמערקן אויף אַ נייעס'ל, וואָס איז געווען געדרוקט פאַרלאָפענע וואָך אין דער וואָכנשריפט וואו ס'איז געוואָרן באַריכטעט אז די חלוקה פאר תושבי 'שכונת ויואל משה', ווערט צוגעשטעלט דורך עסקני ביהמ"ד בית יקותיאל דקיט"ל, פאר גאר ביליגע פּרייזן.

איך כדאי צו אויסבעסערן אַז די חלוקה איז לגמרי נישט קיין בעסערע פּרייזן, ס'איז אייגנטליך בחנם אין כסף! יעדע איינציגע פּראָדוקט פון דעם הערליכן חלוקה איז גענצליך אומזיסט און ווערט פּארטיילט און אפילו דעליווערט צו יעדן אהיים לויט דעם פּאַרלאַנג!

און מ'רעדט דאָ פון גאָר אַ טייערע חלוקה, מיט פילע ווערטפולע פּסח פּראָדוקטן וואָס העלפן אַריינברענגען דעם יום טוב אין שטוב מיט אַן אמת'ע שמחה און הרחבת הדעת.

ס'איז באמת נישטאָ קיין ווערטער צו באַדאַנקן פאר די טייערע עסקנים און גבאים וואָס האָבן דאָס ערמעגליכט. ישלם ה' שכרם.

**יואל ט.**

*

## שלאָגט פאַר אַ 'קאָנדזשעסשען טאלל' בּיי לאָקאַלע ביזנעס דיסטריקטן

ווען איך האב געליינט ביי די לאקאלע באריכטן וועגן די 'קאנדזשעסשען טאלל' וואס מען האט איינגעשטעלט אין די פּאַרנומענע גאַסן פון מאַנהעטן, האָב איך געקלערט אז דא אין קרית יואל וואלט אפשר אויך געווען א גוטע געדאנק איינצושטעלן אזא סארט אפצאל פאר ווער ס'פאָרט אריין אין בעיקערטאון צווישן רוט 105 און די ישראל זופּניק גאס.

די טרעפיק דארט דערווייל איז שטארק אָנגעשטויסן. פילייכט וואָלט געווען אַן עצה טובה אַז ווילאַנג מען מאכט דעם בלינקינג לייט פאר א געהעריגע לייט זאל קאסטן געלט דארט אַריינצופאָרן.







קרית יואל
וואָכנשריפט
KJ · WEEKLY

אכטונג אדווערטייזערס!

פארגרעסערטע יו"ט אויסגאבע

וועט גיין צום דרוק אי"ה
דינסטאג פ' טהרה (Apr 17)

דעדליין:

נייעס און ארטיקלען
מאנטאג פ' טהרה (Apr 15)
3:00 נאכמיטאג

אדווערטייזמענטס
דינסטאג פ' טהרה (Apr 16)
5:00 נאכמיטאג

א כשר'ן פרייליכן פסח

די רעדאקציע
Ads@kyweekly.com - 845.774.6234

ס'איז דאָך נישט מער ווי יושר אַזאַ אָפּצאָל פאר מענטשן פון אנדערע געגענטער וואָס קומען אריין אינעם ווילעדזש זיך צו באנוצן מיט די ביזנעס צענטער וואס ברענגט שווערע טרעפיק.

רוב געגענטער האבן שוין אייגענע ביזנעס צענטערן און מיט אן אָפּצאָל וועט דאָס העלפן פאַר יעדע געגנט אַז מ'זאָל דאָרט זיך אנהייבן באנוצן בלויז מיט די אייגענע ביזנעס צענטערן און גלייכצייטיג וועט דאָס זיין א שטארקע הילף פאר די גאר שווערע אנגעלייגטע גאסן פון אינדערפרי ביז שפעט ביינאכט.

מיט אכטונג.

*

## דרוקט אויס באַגייסטערונג און שטוינונג פון צענטראַלע 'חלוקה' שע"י קיט"ל

לכבוד המערכת.

איך האב שוין מיטגעהאלטן אסאך חלוקות און פסח יריד'ס דורכאויס די לעצטע צענדליגע יארן, אבער אזא פסח יריד וואס די 'נאמני הקהלה' פון 'סאַטמאַר קרית יואל' האבן אַהערגעשטעלט אין די יעצטיגע ערבי פסחים, האב איך נאכנישט בייגעוואוינט אין ערגעץ!

אנגעהויבן פון דעם פּראָצעדור פון זיך איינשרייבן, מיט אזא געוואלדיגע קלארקייט, א שנעלע פּראָפעסיאָנאַלער סיסטעם, יעדן סערווירט מיט געדולד און כבוד. ווי נאר עס פאסט פאר 'סאטמאר קרית יואל'. דאָס זעלבע שפעטער די מודעות וויאזוי מען האט זיכער געמאכט אז מ'ווייסט ווען מ'קען קומען אפנעמען די זאכן, און די קלארע אנווייזונגען. אא"וו.

אבער דאס וואס עס האט זיך אנטפלעקט ביי די חלוקה זעלבסט, דאס איז עפעס וואס איז ווערד צו ארויסברענגן בשער בת רבים.

צוערשט האב איך אויפגעמערקט אז די עסקנים האבן געניט אויסגעשטעלט די טרעפיק אויף אן אופן אז אפי' ס'זאָל יא ווערן עטוואס אנגעלייגט מיט קארס וועלכע ווארטן אין די רייע אפצונעמען די קעסטלעך, זאל דאס אבער נישט אפעקטירן די ארומיגע גאסן און ס'זאל ווייטער זיין מעגליך פאר יעדן אָנצוקומען אַריין צום שטח החלוקה, דעריבער האבן זיי דירעקטירט אלע קארס ארויפצופארן אויף ווי. די. גאלדבערגער דרייוו, אויפ'ן גאנצן בארג, רינגס און ארום דעם ערשטן בית רחל בנין, און אזוי צוריק אראפ דעם גאנצן בארג, און דאן אריין צום באס פארקינג לאט.

אריינקומענדיג אויבן נעבן דעם בנין בית רחל, האט א אינגערמאן אפגענומען דעם רעסיט וואס מען האט ערהאלטן ביים זיך איינשרייבן, און אויפ'ן פלאץ איבערגעבן אן ארויסגעדרוקטע קלארע צעטל וואס דאס האט מען געברויכט נעמען מיט זיך צום חלוקה.

אביסל ארויפציר האט יעדע קאר באקומען א דעזיגנירטער עסקן וואס האט מיטשפאצירט מיט'ן קאַר דורכאויס דעם שטח החלוקה, און לייכטערהייט אנגעוויזן פאר די אנוועזענדע עסקנים ביי יעדע פראדוקט, וויפיל און אויב ארייננצולייגן אין דעם קאר, און אזוי ביז 3-4 מינוט בין איך געווען אינדרויסן מיט אלע פראדוקטן. ממש לא יאומן כי יסופר אז א חלוקה קען פארקומען מיט אזא אָרדענונג!

איך האט טאקע געזען דארט א גרויסער עסקן וועלכע פירט אן איינע פון די אנדערע חלוקות דא אין שטאט, ווי ער איז געשטאנען דארט אין באטראכט וויאזוי די חלוקה גייט צו, ממש מיט אן אפענע מויל. ער האט זיך נישט געקענט צו זיך קומען פון התפעלות וויאַזוי אַזאַ מאַסיווע פּראָיעקט ווערט דורכגעפירט מיט אַזאַ סדר און צוגענליכקייט.

אגב, איז כדי אנצומערקן אַ באַזונדערע מעלה פון די קהלה'ס חלוקה, אַז מען האט געקענט אויסוועלן וועלכע פראדוקטן מען וויל נעמען און וועלכע נישט, און וויפיל פון יעדן פראדוקט. איך האב געהערט אז ביי אנדערע חלוקות דא אין שטאט האָט מען געמוזט נעמען די גאנצע פעקעדזש מיט אַלע פראדוקטן.

אצינד הער איך אז די 'נאמני הקהלה' האבן שוין אהערגעשטעלט נאך א חלוקה מיט נאך נוצבארע פראדוקטן און מאכלים. דער זכות זאל זיי ביישטיין. ס'איז א געוואלדיגע זאך דאס אז מ'ברענגט אריין ממש א שמחת יו"ט ביי אידן אין שטוב. שכרם הרבה מאוד על פי פעלם!

ק. ג.

*

## ס'איז נישט ראַטזאַם זיך אָפּצושטעלן אינמיטן אַ 'הייוועי'; ענדערש לאָז יענעם רופן 'חברים'

איך וויל רעספעקטפול מחולק זיין מיט דעם בריוו שרייבער, וואָס האָט פאָריגע וואָך קאָמענטירט אַז ווען מען זעט אַ צווייטן איד געשטראַנדעט אינמיטן ראָוד זאָל מען זיך אָפּשטעלן פרעגן צו זיין דאַרפן העלפן. מ'דאַרף וויסן אַז ס'איז זייער אַ גרויסע סכנה זיך צו אָפּשטעלן אינמיטן דעם הייוועי, אפילו צו העלפן אַנדערע קאַרס.

אין די אַמאָליגע יאָרן ווען ס'איז נישט געווען קיין סעל פאָונס, איז טאַקע געווען וויכטיג עס צו טון, כדי צו העלפן אַ איד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום אויסוועג זיך צו אַרויסזען אָן קיין פערזענליכע הילף פון אַנדערע מענטשן.

אָבער היינט צוטאָגס פאַרמאָגט ב"ה יעדער אַ סעל פאָון, מ'קען רואיג רופן פּראָפעסיאָנאַלע הילף, אַ שטייגער ווי טייערע חסד אָרגאַניזאַציעס חברים, חביבים וכדו'. וואָס קומען באַגלייט מיט די פּאַסיגע עקוויפּמענטס, רעפלעקטאָרס און העזערד לייטס, פאר די זיכערהייט אויפ'ן ראָוד בעז"ה.

חיים פּ.






# GREAT SPECIALS ON CASES

| Item | Price |
|---|---|
| Grain Brain original sea salt 16 oz | $2.99 |
| Gefen Potato Starch | 2/ $6.49 |
| Haddar Honey 2 lb. | $6.49 |
| Shwartz Assorted/ Chocolate Chip Cookies Bulk | $15.99 |
| Shwartz Double Choc. Chip, Confetti, Choc. Chip Cookies | $3.49 |
| Shwartz Duplex Creme Cookies | $5.29 |
| Balabusta Ground Filberts | $3.29 |
| Balabusta Sugar 4 lb | $4.99 |
| Shwartz Ground Walnuts | 2/ $3.49 |
| Afikomen Assorted/ Ultimate Brownie Bar Cookies | $9.49 |
| Geneve Chocolate Bars all flavors | 3/ $7.29 |
| Geneve - Bonne Chocolate all flavors 3 cnt. | $3.79 |
| Shwartz Ground Almonds | 2/ $4.49 |
| Bakol Organic Sugar 5 lb | $8.49 |
| Gefen Cocoa 16 oz | $5.29 |
| Alprose Chocolate Deluxe 5 cnt. all flavors | $11.49 |
| Normans Yogurt Pixie Cups all flavors | 6/ $3.00 |
| Givat Yummy Kids Yogurt all flavors | 5/ $3.00 |
| Gefen Walnut Oil 96 oz | $18.99 |
| Gefen Olive Oil Extra Light 101 oz | $39.99 |
| Gefen Olive Oil Extra Light 67.60 oz | $29.99 |
| JJ Cottage Cheese whipped | $5.49 |
| JJ - Cheese Snack all 3 flavors | 4/ $10.99 |
| Mehadrin Fit 'n Free Yogurt all flavors | 3/ $4.00 |
| Lays Classic/ Crunchy Potato Chips 7 oz | 2/ $7.49 |
| Lays Potato Chips Salted/ Crunchy 1.80 oz | 4/ $5.00 |
| Gefen Gal Gal Crackers all flavors | 2/ $7.49 |
| Mehadrin American Cheese 3 lb | $14.99 |
| Mehadrin Sour Cream 16 oz | $5.49 |
| Normans Taste Yogurt all flavors | 5/ $3.00 |

NO MINIMUM PURCHASE *NOT RESPONSIBLE FOR ANY TYPOS *IN STORE ONLY *WHILE SUPPLIES LAST, Specials & Gifts *valid 4/9/2024 - 4/24/2024*


SUPER PESACH SPECIALS
Peppermint supermarket
845.492.8777 #1
33 DINEV RD.
orders@peppermintsupermarket.com
mintleaf Kosher Market
845.492.8777 #2
5 MANGIN RD.
orders@mintleafkosher.com
Settings Aluminum Foil 150 ft $3.49
Propack Aluminum Foil Heavy Duty 18" 2/ $7.49
Propack Aluminum Foil extra heavy duty 18" 37.50 ft $3.49
Silver Kiddush Cups w/Tray 5 cnt 2/ $5.49
Laura Stein Luster Floral / Radial White & Gold Combo Plates 7"&10" $7.49
Laura Stein Luster Round White / Gold Combo Plates 7"&10" $7.49
Basix - Pre Cut Aluminum Foil 200 cnt $4.29
Reeflex - Napkins Kosher 400 cnt. $3.99
MH Tablecovers 2 mil 66x90, 108, 120, 144,160 $9.99
Propack Roll Parchment Paper mega roll 12" $10.49
Palisades Parchment Paper 12" x 50ft $4.49
Mintleaf Soup/ Tea/ Spoons & Forks 400 cnt. 2/ $5.00
Plasti Plus Tablecovers all sizes $7.49
Counter Saver small / large $4.29
Pro Grade Latex Gloves all sizes 2/ $6.49
Ohr - Tealights 4 hours, 50 ct $2.29
Settings - Candle Holders 40 ct $1.29
Ner Mitzva Neironim 6 hour $10.49
Basix Bread Bags 8x4x20 700 cnt $9.99
Plastimate Food Storage Bags 75 cnt. $1.19
Plastimade Sandwich Bags 200 cnt $1.19
Shwartz sack n boil bags 8 cnt. 2/ $3.00
Dental Plus Toothpaste kosher for passover 2/ $4.49
Shwartz Dishwashing Liquid green apple, yellow, pink 2/ $2.49
Plastimade Fridge Shelf Liners 2 cnt 2/ $1.00
Propack Trash Bags Drawstring black 18 Gallon 110 cnt. $17.99
Propack Trash Bags Drawstring black 30 gallon 90 cnt $15.99
Traditional Merlot Grape Juice $7.99
Kedem Grape Juice 96 oz 2/ $12.99
Gefen Apple Juice Box Drinks 3 pack 3/ $5.49

אן ען
אויף
דער
פרשה
במשנתו
של
רבינו:

# כאכילתכם כן עבודתכם



געקליבענע עבודות און הנהגות פון מרן רביה"ק זי"ע איבער דעם עסן פון

## עבודת אכילה

הוצאת נחלת רבותינו סאטמאר

מערכת נחלת רבותינו

אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת. איתא במדרש (ויק"ר פט"ו ס"ד) כיון ששמעו ישראל פרשת נגעים נתייראו, אמר להם אל תתייראו, אלו לאומות העולם, אבל אתם לאכול ולשתות ולשמוח. ויבואר עפ"י מה שכתב בספה"ק אהל יעקב (פרשת תצוה) כי המצוות המתנגדות אל הטבע האנושי, כמצות הצום ביום הכיפורים, ומצות צדקה וכדומה, בנקל על האדם לעשותם לשם שמים. כי לפי שהמעשים ההם כבדים עליו לעשות, אם כן ודאי אם ישתדל לעשותם הרי הוא מכוון בהם לשם פעלם. אבל לא כן המצוות שיש בהם גם עריבות ותענוג הגוף, כגון מצות עונג שבת, הנסיון גדול מאד שטוב התענוג לא יפסיד כוונת המצוה, כי בעסקו בה שני היצרים כאחד נפגשו, ואיך יבחין עונג זה לשם מי, זולת האדם אשר חלק לו בבינה, שהוא מואס בתענוגים ואינו עושה המצוה עבור עריבות התענוג כי אם בלתי לה' לבדו.

ועל דרך זה יתבאר מה שכתב המדרש "אתם לאכול ולשתות ולשמוח", והכוונה דממה שחזינן שאתם לאכול ולשתות ולשמוח, פירוש שנתנו לכם מצוות שיש בהם אכילה ושתיה ושמחה שהם מצוות שיש בהם תענוג לגוף וקשה מאד לכוון בהם לשמה, ואפילו הכי מתקבלים מצוות אלו לרצון לפני הקב"ה, וכדאיתא בשבת (פרק כל כתבי קי"ח ע"א) כל המקיים ג' סעודות בשבת ניצול מחבלי משיח וממלחמת גוג ומגוג, הרי דאף מצות שלש סעודות בשבת שהגוף מתענג בהם וקשה לכוון בהם לשמה, אפילו הכי זכותה גדול להושיע את ישראל מכל צר ואויב. ומינה שמעינם כי בישראל הקב"ה מקבל אף מצוות שלא לשמה, וא"כ אין לכם להתייראות מביאת הנגעים עליכם, כי לא יבואו הנגעים בתוקף הדין, אלא במדת הרחמים לעורר לבבכם לתשובה, ואף אם תהיה התשובה מיראת העונש, תתקבל לרצון לפני הקב"ה.

(דברי יואל פר' תזריע עמ' של"ד)

## דעם רבי'נס טאג טעגליכע עבודת האכילה

איבער דעם רבי'נס עבודת האכילה דערציילט דער געוועזענער הויז בחור הרה"ח ר' יחזקאל שטיין הי"ו:

יעדן טאג נאכ'ן דאווענען שחרית האב איך אריינגעברענגט דאס עסן פאר'ן רבי'ן. געווענליך איז עס געווען צווישן דריי און פינף אזייגער נאכמיטאג. בשעת'ן עסן האט דער רבי שטענדיג געהאלטן אפן עטליכע ספרים, אסאך מאל קבלה-ספרים, ווי "פרי עץ חיים", און אסאך מאל אין מוסר-ספרים.

דאס עסן איז געווען ביים רבי'ן א שטיק עבודה. מען האט קלאר געזען אז דעם רבי'נס געדאנקען זענען גארנישט ביים עסן, נאר זיין מח געפינט זיך ערגעץ אנדערש. געגעסן האט דער רבי זייער לאנגזאם, פארזוימנדיג זיך לאנג צווישן איין לעפל און אנדערן, ווען דורכאויס דער גאנצער צייט איז ער פארטיפט אין די ספרים.

עס האט געקענט פארקומען, אז פיל מענטשן האבן געווארט אינדרויסן, אדער עס האבן געווארט אויף אים אנדערע וויכטיגע זאכן, אבער דער רבי האט זיך קיינמאל נישט צוגעאיילט מיט'ן עסן. כאטש דאס ביסל וואס ער האט בסך הכל געגעסן וואלט געדארפט נעמען בלויז געציילטע מינוטן, האט עס ביים רבי'ן גענומען אומגעפער א שעה צייט! דער רבי האט געגעסן זייער ווייניג פונעם טעלער וואס מ'האט אים צוגעגרייט. נישט קיין אונטערשייד וויפיל עסן די רביצין האט אריינגעלייגט אינעם טעלער, איז עס שטענדיג צוריקגעקומען כמעט פול. די רביצין האט אונז אנגעזאגט, מיר זאלן נישט נעמען קיין שיריים פון דעם רבי'נס טעלער, נאר ערשט נאכדעם וואס מיר ברענגען עס אריין אין קיך, ווייל זי וויל פריער זען וויפיל דער רבי עסט.

יעדן טאג האט דער רבי געגעסן גענוי דאס זעלבע עסן. דעם ערשטן יאר וואס איך בין געווען הויז-בחור, פלעגט זיך דער רבי וואשן אויף א חמצ'דיגער מצה און בענטשן. נאך פסח, ווען עס איז נאכנישט געווען צו באקומען די חמצ'דיגע מצות, האט דער רבי געגעסן מאשין-מצות, וואס איז דעמאלט געמאכט געווארן דורך דער ווינער קהילה. (זע אין הגדה של פסח - נוסח סאטמאר אות ע"ט, אז דער רבי האט גע'פסק'נט אז די מאשין-מצות וואס ווערן געמאכט מיט דער השגחה פון ערליכע רבנים ווערט נישט פאררעכנט אלס 'חמץ שעבר עליו הפסח' אויך פאר דער וואס איז מקפיד נישט צו עסן קיין מאשין-מצה אין פסח. וכ"ה בספר מרא דשמעתתא בשם הגה"ק רבי משה משינאווא זצ"ל).

דאס האט אנגעהאלטן נאר דעם ערשטן יאר וואס איך בין געווען הויז-בחור, אבער שפעטער האט עס דער רבי אויפגעגעבן, און דורך דער גאנצע וואך האט ער זיך בכלל נישט געוואשן.

(באילנא דחיי ח"ב עמ' רנ"ט)

*

אן אנדערער הויז בחור, ה"ה הגה"צ רבי שמואל בראך זצ"ל אב"ד אפסי ארץ נאנאש דערציילט איבער דעם רבי'נס טאג טעגליכע עבודת אכילה:

ס'איז געווען אן אפטע זאך, אז דער רבי האט טועם געווען ערשט אין די נאכמיטאג שעות, און אפילו דעמאלט האט ער קוים עפעס געגעסן.

אין דער תקופה וואס איך האב משמש בקודש געווען, האט זיך דער רבי נישט געוואשן משבת לשבת. דער טעגליכער פת שחרית איז באשטאנען פון אביסל זופ און פלייש. צוליב בריאות גופו הטהור האט דער רבי געדארפט טרינקען 'גרעיפ-פרוכט' דזשוס, און וויבאלד דער רבי האט חושש געווען אלס ספק ברכה, האט דער רבי צוערשט געמאכט א בורא פרי העץ אויף אן עפל און א שהכל אויף א שטיקל קאצקע-צוקער, און דאן געטרונקען דעם גרעיפ-פרוכט דזשוס.

ראש חודש האט דער רבי מקפיד געווען זיך צו וואשן לכבוד סעודת ראש חודש. איינמאל ראש חודש האט דער רבי געפרעגט איינעם פון די הויז-בחורים צי ער האט זיך היינט געוואשן. ווען יענער האט געענטפערט אז צופעליג היינט האט ער נאכנישט געגעסן, האט אים דער רבי פארגעהאלטן: "פונקט היינט?! ס'איז דאך ראש חודש!".

נאך פת שחרית האט דער רבי גארנישט געגעסן ביז ארום איינס האלב-צוויי ביינאכט. שפעט ביינאכט, נאכ'ן געזעגענען דעם עולם, האט מען געברענגט פאר'ן רבי'ן דעם נאכטמאל, וואס איז באשטאנען פון א מילכיגע קאשע מיט א גלעזל קאווע.

דעם רבי'נס עסן איז צוגעגאנגען בקדושה ובטהרה, און דורכאויס דער גאנצער צייט האט דער רבי מעיין געווען אין א ספר. פאר א שטיק צייט דורכאויס דער תקופה וואס איך בין געווען הויז בחור, האט דער רבי דורכגעלערנט ספרי חתם סופר אויף דער פרשה. דורכאויס אן אנדערער תקופה האט דער רבי געלערנט חומש רש"י מיט די מפרשים, און אין אנדערע צייטן האט דער רבי געלערנט דעם ספר 'פרי עץ חיים' פונעם אריז"ל.

אין די פריערדיגע יארן האט דער רבי בכלל נישט געגעסן קיין "בהמה פלייש". זייענדיג אין אמעריקע שוין עטליכע יאר נאכ'ן קריג, האט א דאקטער געזאגט פאר'ן רבי'ן אז צוליב בריאות גופו דארף ער עסן בהמה פלייש, און דער רבי האט זיך דאן מתיר נדר געווען דערויף. דער רבי האט פאר דעם צוועק דעמאלט אריינגערופן הרה"ג ר' משה יאזעפאוויטש זצ"ל, דעם משב"ק הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל, און מיך, זייענדיג משמש בקודש אלס הויז-בחור. דער רבי האט אונז נישט געזאגט אויף וואס ער וויל זיך מתיר נדר זיין, נאר אזויפיל: "איך האב שוין פאר איינעם געזאגט" (עיין שו"ע יו"ד סי' רכ"ח סי"ד)

# בית הוראה

# רשימת מורי הוראה דקהלתינו
## העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

**הגאון הדומ"ץ שליט"א**
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

**הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

**הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

**הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

**הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א**
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

**הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

**הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א**
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd .#302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

**הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

**הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א**
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

**הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א**
מו"ץ בביהמ"ד בית כהנא
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

**הרה"ג רבי משה זאב שווארטץ שליט"א**
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל
8 Austra Pkwy #405
היים: 845.799.1988 סעל: 347.486.1199

**הרה"ג רבי יואל אלימלך כהנא שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
15 Garfield Rd. #202
היים: 845.783.7325 סעל: 845.238.7199

**הרה"ג רבי מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
5 Leipnik Way #102
היים: 845.782.0492 סעל: 845.662.1545

**הרה"ג רבי משולם איסר ראטענבערג שליט"א**
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Kalev Way. #102
היים: 845.782.9252 סעל: 845.537.9173

יכולין לשמוע הטעל נומ. ואדרעסן של הדיינים וכן להתקשר
עם הדיינים על ההוראה ליין #5 845-783-0546

לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. #013
24 שעה על ההוראה ליין:
845.783.0546


בפרט אין עבודת האכילה האב איך ספעציעל נאכגעקוקט דעם רבי'ן, ווייל נאך אלס קינד האב איך געהערט פון טאטן ז"ל רעדן מיט התפעלות פון די מדריגות פון רבינ'ס קדושת האכילה, און זיין טרינקען יעדן טאג אייניג געמאסטן און געוואויגן בקדושה ובטהרה.

איך האב באמערקט ביים רבי'ן, אז זיין עסן איז געווען יעדן טאג מיט די זעלבע מאס בדקדוק. ווען ער האט געגעסן זופ, איז עס געווען די זעלבע צאל לעפלעך יעדן איינצלנעם טאג פון די וואכן טעג. אויף שב"ק איז געווען אן אנדערער חשבון, יעדן שב"ק דאס זעלבע. איך האב דאס יארן לאנג נאכגעקוקט. דאס זעלבע איז געווען מיט'ן רבינ'ס טרינקען, ער האט יעדן טאג געטרונקען גענוי די זעלבע מאס געטראנקען, סיי ווינטער און סיי זומער. און ער האט קיינמאל נישט געטרונקען בלויז וואסער, באטאנענדיג אז אין צאנז האט מען מקפיד געווען נישט צו טרינקען בלויז וואסער ווייל וואסער איז מצמיח תאוות. ווען ער האט געמוזט טרינקען וואסער, האט ער אייביג אריינגעמישט עפעס דערין.

## זכור אב נמשך אחריך כמים:
## נאכגעבן די תאוות מיט א גלעזל וואסער

עס האט דערציילט כ"ק הרה"ק מטאהש זצ"ל: דער רבי איז געווען א הייליג און אפגעהיטן קינד פון קליינווייזאן, און זיין גרויסער פאטער, דער קדושת יו"ט, האט זיך שוין דעמאלט צו אים באצויגן ווי צו א בעל מדריגה. צום ביישפיל, ווען דער רבי איז אלס קליין קינד אמאל געזעצן ביים טיש פון זיין טאטן דעם קדושת יו"ט זי"ע און געבעטן א גלאז וואסער, האט אים דער קדושת יו"ט גע'מוסר'ט: "יואל'יש, ווילסט זיך נאכגעבן די תאוות?"

די ווערטער פונעם קדושת יו"ט זענען אויף אייביג געבליבן איינגעקריצט אינעם רבי'נס הייליג הארץ. כל ימי חייו האט ער גערעדט די ווערטער פון זיין פאטער און עס איז אים שטענדיג געלעגן פאר די אויגן.

(באילנא דחיי ח"ו עמ' ט"ו)

*

איבערדעם דערציילט הרה"ח ר' יעקל שווארטץ ז"ל (באילנא דחיי ח"ב עמ' תקמ"ה), אז דער רבי פלעגט כמעט קיינמאל נישט טרינקען קיין וואסער צו שטילן דעם דארשט, אויסער איין גלאז "ווישי וואסער" (וואס איז געקומען פון א פראנצויזישן מינעראל-קוואל און געווען באוואוסט אלס געזונטע און קרעפטיגע וואסער), וואס ער האט טעגליך געטרינקען אויפ'ן באפעל פונעם דאקטער.

אין די גרעסטע היצן האט דער רבי נישט געטרינקען מער ווי דעם איינעם גלאז. צומאל איז דאס גערדענג און היצן ביים רבי'נס טישן געווען אזוי גרויס, אז מענטשן האבן כמעט גע'חלש'ט און מען האט אומאויפהערליך געמוזט טרינקען. אבער אפילו דעמאלט האט דער רבי נישט געטרינקען מער ווי יענעם איינעם גלאז. (זע נאך דערוועגן אין באילנא דחיי ח"ד עמ' ש"ו ביי די זכרונות פון הרה"ח ר' דוד מאיר ווייס ז"ל).

אויך דער געוועזענער הויז-בחור הרה"ח ר' צבי אלימלך ווערצבערגער הי"ו דערציילט (באילנא דחיי ח"ו עמ' תק"ל) אז ביים טיש פלעגט דער רבי קיינמאל נישט טרינקען דורכאויס דער גאנצער סעודה. ווען עס איז געקומען צו 'לחיים' זאגן האט מען דערלאנגט פאר'ן רבי'ן א גלעזל ביר, אבער דער רבי האט עס קוים צוגערירט, אזוי אז מ'האט כמעט נישט געזען קיין אונטערשייד אינעם גלאז, צי מען האט געטרונקען דערפון אדער נישט. ערשט נאכ'ן טיש, אהיימקומענדיג, האט מען אריינגעברענגט פאר'ן רבי'ן צו טרינקען, ווינטער האט מען געברענגט פאר'ן רבי'ן א ווארעמע טיי, און זומער א גלאז סאראטאגע-וואסער, און אויך דאס פלעגט דער רבי טרינקען נאר צוליב דעם פאראָרדענונג פונעם דאקטער.

## די מצוה פון 'בכל דרכיך דעהו' ביים עסן

ווינטער תשט"ו, האט דער רבי אפגעשריבן א ווארימען בריוו צו די בני הקהלה, אין וועלכן ער פאדערט פונעם עולם צו קויפן פלייש אין דעם סאטמארער פלייש געשעפט און דערמיט שטיצן די מוסדות און קהילה. (נדפס בדברי יואל מכתבים ח"א מכתב ל"ט).

אינעם בריוו דערמאנט דער רבי אן אינטערעסאנטן געדאנק, אז מיט'ן קויפן פלייש אין אונזער געשעפט, איז מען מקיים די מצוה פון "בכל דרכיך דעהו". דער רבי ברענגט דארט צו די הלכה (שלחן ערוך או"ח, סי' רל"א) אויף דער מצוה פון בכל דרכיך דעהו, אז ווען אכילה ושתי' ווערט געטאן מיט דער כוונה פון קענען מיט די כוחות דינען דעם אויבערשטן, ווערט דאס גופא פאררעכנט ווי עבודת ה'. איז, מה-דאך ווען מ'עסט צו שטארקן דעם קערפער מיט'ן חשבון צו דינען דעם אויבערשטן ווערט די אכילה פאררעכנט ווי עבודת ה', איז כל שכן ווען נאך פריער, נאך ביים איינקויפן דאס פלייש, שטיצט מען לימוד התורה פון תינוקת של בית רבן שאין בהם חטא, אויף וועלכן חכמינו ז"ל זאגן אז דאס איז אסאך מער חביב ווי די אייגענע תורה און עבודת ה', אז ס'ווערט פאררעכנט ווי עבודת ה' און מ'איז מקיים די מצות עשה פון בכל דרכיך דעהו.

(באילנא דחיי ח"ו עמ' שכ"ד)

## יחידה ליחדך:
## דעם רבי'נס הייליגע עבודה ביים עסן די פיש

כידוע, איינס פון די מערסט אנגעזעענע עבודת אכילה ביים רבי'ן איז געווען בשעת דער רבי האט געגעסן פיש. יעדן שבת ביים שלחן הטהור האבן הונדערטער אידן מיטגעהאלטן די מורא'דיגע עבודה וואס דער רבי האט אראפגעלייגט בשעת'ן עסן די פיש. אלע אנוועזנדע, אפילו פשוטי עם, האבן באשיינפערליך געזען עין בעין ווי דער רבי פאראַרבעט דערביי אן עבודה למעלה מהשגתינו. דער רבי פלעגט נעמען די פיש פון איין זייט, דערנאך פון דער אנדערער זייט, צוריק פון יענע זייט, און אזוי אהין און צוריק. דורכאויס די גאנצע צייט האט דעם רבי'נס פנים געפלאמט פון דביקות. די עבודה פון עסן די פיש פלעגט געדויערן ארום צוואנציג מינוט.

בשעת דער רבי האט אפגעראכטן די הייליגע עבודה, האט אין בית-המדרש געמוזט הערשן א שטילקייט. אויב האט זיך געהערט א גערודער, האט דער רבי זעלבסט שטיל געמאכט, אן ערשיינונג וואס מ'האט געוועגליך נישט געזען ביים רבי'ן.

## בעל ליקוטי מהרי"ח זצ"ל:
## "דאס פיש עסן האט מיר שטארק דורכגענומען"

עס האט דערציילט כ"ק הגה"צ רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן זצ"ל ראב"ד דקהלתינו:



# שאלת חכם

אַקטועלע און אינפאָרמאַטיווע שמועסן, באַגלייט מיט יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט אַ אידישן בליק


געענטפערט דורך
הרה"ג רבי נחום אַבראַהאַם שליט"אַ
דומ"ץ במאָנסי


# יציאת מצרים מיינט התחדשות אין מוח און הארץ

## פטור ווערן פון דעם דראנג צו פרישקייט אין נארישקייטן

### שאלה:

**אזוי ווי אלע אידן פרוביר איך יעדע יאר אפצורעכטן א סדר אזוי אז ס'זאל אריינברענגען חיות און שמחה אין עבודת ה', אבער למעשה נאך אזויפיל יארן ווערט דאס אביסל ווי א רוטין. יעדער קען שוין די גאנצע הגדה מיט אלע מדרשים און אלע בחינות האט מען שוין ארומגערעדט, און כאטש מיר זאגן אפילו כולנו חכמים וכו' מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים, אבער דאך נאך דרייסיג פערציג יאר אפרעכטן דעם סדר דארף איך א מהלך ווי אזוי קען מען זיך מסדר זיין אז די הגדה מיט די סיפור זאל האבן א פרישקייט און לעבעדיגקייט, בפרט ווען מען איז נישט אין א גוטע אויפגעלייגטע גוסטע, (וואס דאס מאכט זיך אפט ביי מיר...)**

**ביטע אויב מ'קען נאך אדרעסירן די פראגע בעפאר דעם יו"ט פסח הבעל"ט.**

**א גרויסן יישר כח.**

### תשובה:

אין די הגדה זעען מיר די תשובה צום 'חכם מה הוא אומר', נאכדעם וואס מ'פארענטפערט זיינע קשיות מיט'ן עבדים היינו, זאגט אונז דער פסוק (אין פ' ואתחנן) א גאר וויכטיגע מעלדונג וואס מ'דארף אים זאגן, 'לחיותינו כהיום הזה' - תורה ומצוות איז אונזער לעבן. אונזער עקזיסטענץ אויף ביידע וועלטן. און נאר ווען דו וועסט דאס וויסן וועט דאס זיין 'כהיום הזה' - מיט א פרישקייט כאילו מיר האבן דאס היינט באקומען דאס ערשטע מאל. פונקט ווי ס'וועט נישט איינפאלן פאר א מענטש אז איך האב שוין געאטעמט אסאך יארן אין מיין לעבן איז יושר אז איך זאל שוין נישט דארפן מער אטעמען און אזוי ווייטער לעבן, יעדער פארשטייט אז דאס איז זייער נאריש. פונקט דאס זעלבע און נאכמער איז מיט תורה ומצוות. ווייל דאס איז אויף ביידע וועלטן און א קיום נצחי. און דאס איז פארקערט ווי דער רשע וואס זאגט מה העבודה הזאת לכם, ער שפירט נישט דערין קיין געשמאק, ס'איז אויף אים א שווערע עול און ער זוכט פטור צו ווערן דערפון. דעריבער איז זייער וויכטיג ארויסצוברענגען דעם וועג פון שפירן א חיות אין תורה און מצוות, אין עבודת ה', ליראה ולאהבה ולדבקה בו.

א יעדע לעבעדיגע מענטש האט אריינגעבויעט אין זיך א נאטור אז ער קוקט שטענדיג ארויס און לעכצעט אויף עפעס נייעס, פרישקייטן און אקטיוויטעטן וואס זאל אים האלטן וואך. ס'זאל אים נישט ווערן לאנגווייליג און פארשלאפן. די נאטור איז אזוי ווי אלע נאטורן וואס אויב נוצט מען דאס אויפ'ן ריכטיגן און תורה'דיגן וועג, מ'באנייעט די כוחות און די צוגאנג צו תורה ותפלה, איז דאס גאר גוט. אבער אויב חלילה מ'נוצט דאס אויפן נישט ריכטיגן וועג קען דאס זיין געפערליך. נאך און נאך עולם הזה, ער לאזט זיך אריין אין פאלשע נישט דויערהאפטיגע נייע פארגעניגנס, וואס אפילו ווען ס'איז בדרך היתר וועט אים דאס חלילה ברענגען צו איסור, ווייל ער ווערט צוגעבינדן צו א קוואל פון תענוגים און ער קען זיך שוין נישט אפלאזן דערפון, ווי דער מבחר הפנינים זאגט אז די הנאות עולם הזה איז אזוי ווי איינער וואס טרונקט געזאלצענע וואסער צו לעשן זיין דורשט, ס'טוט נאך מער פארשארפן און אויסברייטערן זיין גלוסטעניש, ווייל ס'איז נישט מעגליך צו באקומען סיפוק פון הנאות עולם הזה נאר צייטווייליג. ס'וועפט אויס זייער שנעל. דער יצה"ר וועט אים איינרעדן אז ער דארף נאך, ווייל אפשר דעמאלט וועט ער ווערן צופרידן און אזוי האלט ער אים אין איין שלעפן אומבאגרעניצט. ער האט נישט קיין מנוחה צוליב דאס געיעג נאך הנאה און תענוגים, און ער רייצט און פלאמט אויף כסדר זיין שלעכטע לוסט און ווילן.

ווי מער א מענטש לויפט נאך נייע תענוגי עולם הזה אלס מער איז דאס א סימן אויף די רוחניות'דיגע פוסטקייט וואס הערשט אין אים אויף א שרעקליכן פארנעם. ווער ס'איז זוכה צו אן אינערליכע קוואל פון אמת'דיגע התחדשות אין רוחניות, ער איז באהאפטן צום מקור החיים, דער האט נישט קיין דורשט צו חיצוניות'דיגע, צייטווייליגע התחדשות און פוסט-ליידיגע אויפרישונגען און פארוויילונגען, נאר ווייל ס'פעלט אים דער עיקר זוכט ער דאס אויפצוטוישן מיט נישט ריכטיגע סובסיטוטס, ביז ער איבערצייגט זיך אז דאס ברענגט אים זיכער גארנישט, און דאן זוכט ער זיך עפעס אנדערש א.א.וו.

> **ווי מער מיר וועלן זיך קאנצענטרירן אויף נייעס אין עולם הזה אלס ווייניגער וועט אונז אינטערעסאנט זיין נייעס אין רוחניות.**

התחדשות אין רוחניות איז לאו דוקא נייע זאכן, נאר נייע הארץ און מח. אין פרשת קריאת שמע און אין נאך פלעצער נוצט די תורה דעם לשון 'אשר אנכי מצוך היום'. זאגן דערויף חז"ל 'בכל יום יהיו בעיניך כחדשים', דאס מיינט: מ'טוט די זעלבע זאך, מ'ליינט די זעלבע קריאת שמע, און דאך זאל דאס זיין ביי דיר אזוי ווי ניי. דאס מיינט אז די פרישקייט איז נישט אין חיצוניות'דיגע מעשים; צו זאגן יעדן טאג א אנדערע סארט קריאת שמע מיט נייע ווערטער, נאר דאס פרישקייט דארף זיין אין עמקות השכל, א טיפערע הבנה אין אמונה וכו', ווייל נאר די פנימיות'דיגע פרישקייט איז דאס וואס באפרידיגט דעם מענטש מער ווי אלע חיצוניות'דיגע פרישקייט וואס האט נישט קיין קיום און האלט נישט לאנג.

די וואס זוכן חיצוניות'דיגע שינויים אין רוחניות, פאלן אריין צו פארשידענע גרופעס (א"ג חסידות'ער) מיט פארשידענע נעמען, וואס מאכן אויף נייע תורות, און זיי גרייזן גאר שטארק. דער רבי זאגט אין א תורה אויף שבת הגדול (דברי יואל שבה"ג יא) אז מ'דארף נישט זוכן נייע חבורות מיט פארשידענע נייע נעמען, מ'זאל זיך האלטן ביים ארגינעלען וועג וואס מיר האבן מקבל געווען מאבותינו ואבות אבותינו, (דאס איז זייער וויכטיג היינט ווען ס'שפראצן ארויס פארשידענע משפיעים מיט נייע מושגים, און באקן אויף פארשידענע נייע דרכים וואס זענען בכלל נישט אויסגעהאלטן). דאס ענטפערט מען פארן חכם וואס זוכט שטענדיג נייעס אז ביי די קרבן פסח האט די תורה אנגעזאגט אז מ'זאל נישט גיין מחבורה לחבורה.

דעריבער זאגט מען 'אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן' - נאר מיט די חבורה וואס מ'האט אנגעהויבן זאל מען בלייבן. צו ווייזן אז נישט דורך טוישן כסדר פלעצער און זען אנדערע מענטשן בויעט זיך פרישקייט, נאר אדרבה מיט די חבורה וואס מ'האט אנגעהויבן זאל מען כסדר מחדש זיין נייע רעיונות און פרישע מחשבות אויפצוהייבן די געמיטער און אריינבלאזן פרישקייט און חיות. דער וואס האלט אין איין טוישן און שפרינגט פון פלאץ צו

פלאץ און פון ענין צו ענין בלייבט מיט גארנישט. קרח מכאן וקרח מכאן. פונקט ווי דער וואס יעדן צווייטן טאג הייבט ער אן א פרישע מסכת, ער קען זיך נישט האלטן ביי איין זאך. מהאי טעמא מישט מען זיך נישט אום פסח, אזוי וועט בלייבן טעם מצה בפיו. אויב מ'וועט יעדן טאג זוכן נייעס וועט נישט בלייבן דער פריערדיגע טעם אין מויל, ווייל קוים מ'האט דאס אנגעהויבן צו קאסטן איז מען שוין געשפרינגען צו א צווייטע זאך. (אין הגדה מהר"י ט"ב זאגט דער רבי אז אוודאי גיבט מען חיזוק פארן חכם אז דארף מען מקיים זיין הלומד מכל אדם, אבער דאס איז נאר ווען ס'איז אויף דעם ארגינעלן מקובל'דיגע וועג וואס מיר האבן געזען ביי אבותינו ורבותינו, אין דברי יואל רעדט זיך ווען ס'איז נישט אויף דעם מקובל'דיגע וועג).

דער אבן עזרא זאגט אויפ'ן פסוק 'ויגד משה את דברי העם', אז די ווארט הגדה, דערציילן, ווייזט אויף א נייע זאך וואס מ'האט נאכנישט געזאגט. אזוי ווי ס'שטייט (ישעי' מח, ו) הלא 'תגידו' השמעתיך 'חדשות'. קומט אויס אז ווען מיר זאגן פסח ביינאכט מגיד - הגדה מיינט דאס אז מ'דארף דאס זאגן אויף אזא אופן און אויף אזא בחינה וואס מיר האבן נאך קיינמאל נישט געזאגט. זיך מער פארטיפן אין די יסודות האמונה, מער ארויסברענגען געדאנקען און רעיונות וואס מיר שעפן פון די הייליגע ספרים הקדושים, וואס האט נישט קיין עק און קיין גרעניץ אפילו מיר זאלן לעבן הונדערט און פופציג יאר. די ווערטער פון די הגדה איז טאקע די זעלבע ווי פאראיאר, אבער דער מענטש וואס זאגט דאס איז נישט דער זעלבער! ס'איז נשתנה. פנים חדשות, א נייע קאפ א נייע הארץ, א נייער רצון און השתוקקות.

אין די הגדה שטייט 'יכול מראש חודש תלמוד לומר ביום ההוא' - מ'זאגט די הגדה נאר פסח נישט פאר דעם, כדי ס'זאל זיין פריש. פון דעם פרעגט דער גר"א אויף דעם מנהג (רמ"א ת"ל) צו זאגן די הגדה שבת הגדול, ענטפערט דער חתם סופר אז אין די הגדה רעדט מען פון דערציילן פאר קליינע קינדער פאר זיי דארף דאס זיין פריש, ווייל זיי זענען נאך נישט געניג רייף און פארשטענדליך זיך יעדע מאל צו פארטיפן דערין מער און מער, אבער גרויסע מענטשן דארפן שוין זיין אויף די מדריגה אז יעדע מאל זאל דאס זיין מיט א פרישע בחינה, ווי די גמרא (עירובין נד) זאגט לגבי לימוד התורה אז יעדע מאל מ'לערנט דאס שפירט מען דערין א פרישע טעם.

דער יעב"ץ הקדמון זאגט אויף דעם פסוק (יחזקאל מו, ט) אז ווען די עמי הארצים קומען אין בית המקדש פון איין טויער גייען זיי ארויס דורך א צווייטע טויער, אבער דער נשיא גייט ארויס פונעם זעלבן טויער, אז דאס איז ווייל די פשוט'ע מענטשן כאפן התפעלות פון די חיצוניות, זיי זעען יעדע מאל אן אנדערע שיינע טויער, אבער דער נשיא כאפט התפעלות פון די קדושת בית המקדש אליין, ער דארף נישט די חיצוניות. אזוי ווערט

**קיין שום מענטש איז נישט צופרידן אויף די וועלט, אפילו ווען ער קומט צו די גרעסטע מעלה וואס מ'קען נאר צוקומען אויף די וועלט!**

אויך געברענגט אז אין פ' תצוה ווען משה האט גערעדט צו די חכמי לב זיי זאלן מאכן די בגדי כהונה האט ער געזאגט לקדשו לכהנו לי, אבער פאר סתם אידן האט ער געזאגט לכבוד ולתפארת, ווייל ווי מער א מענטש איז אויסגעארבעט איז זיין התפעלות פון די חלק הקדושה פון די זאך און נישט פון די חיצוניות. על כל פנים אפילו די וואס דארפן נאך צוקומען אויך צו חיצוניות דארפן זיי אבער וויסן וואס איז דער עיקר און אויף וואס זיי דארפן צילן.

די דראנג אין דעם מענטש צו זוכן נייעס און איפרישונגען צו תענוגי עולם הזה ווייזט אז זיין פנימיות און רוחניות איז נעבעך פוסט און ליידיג, און ער האט נישט מיט וואס דאס אנצופולן, ווייל ערליכע אידן וואס ס'קוועלט אין זיי א התחדשות טאג טעגליך צו שעפן פון דעם אומענדליכן קוואל פון תורה, חסידות, קדושה און טהרה, קומען זיי פשוט נישט אן גענוג מיט זייער צייט צו ארייננכאפן גענוג וויפיל זיי גלוסטן צו באקומען. אין זייער מח און הארץ איז נישט דא קיין פלאץ און קיין צייט פאר אנדערע זאכן. זיי קענען זיך נישט אנזעטיגן און שטילן זייער הונגער און דארשט פון די פיל כוחות הקדושה ושפע הטהרה. איז ווי קענען זיי זיין אינטרעסירט אין הבלי עולם הזה?!

ס'איז א משל צו איינעם וואס האט געגעסן א גאר געזונטע נאכטמאל, נארהאפטיגע מאכלים וואס האט אין זיך אלע דערקוויקנדע כוחות און מאכן אים צופרידן און זאט, וועט ער נאכדעם נישט גלוסטן צו נארישע נאשעריי. ער שפירט זיך פריש און געזונט. נאר איינער וואס עסט נישט געזונט און צו דער צייט, דער נאשט זיך אן מיט זאכן וואס צוברעכן זיין גאנצע אימיון סיסטעם, ס'האט נישט אין זיך קיין שום נאטרישן און געזונטע כוחות, פארשטייט זיך אז נאכדעם דרייט ער זיך ארום אן קיין כוחות און אן קיין גוטע מוט.

די אלע איפרישונגען און באנייאונגען וואס מענטשן לויפן נאך עולם הזה'דיגע תענוגים איז געבויעט אויף דמיון און פאנטאזיע. ס'איז אים נאר אינטרעסאנט ווילאנג ער האט דאס נישט. איינמאל ער האט דאס שוין דערגרייכט, ער פארמאגט דאס שוין און ער האט דאס געקאסט, איז דאס מער נישט אינטרעסאנט. ער איז אנטוישט דערפון. ס'האט אים נישט געברענגט דעם סיפוק און חיות וואס ער האט געטראכט דערפון, און זיינע דמיונות שוועבן שוין ווייטער צו דערגרייכן עפעס מער און עפעס אנדערש וואס ער האט נאכנישט. און דער כח הדמיון איז אזוי ווי א צויבער ראד וואס שלעפט דעם מענטש מיט זיינע געדאנקען א גאנץ לעבן, פון איין דמיון צו די צווייטע, ביז זיין לעבן ענדיגט זיך מיט איין שטיק דמיון. דאס איז דער שטארקסטער וואפן פון דעם יצר הרע.

אונזער ארבעט (יעצט אין די צייט פון החדש



הזה לכם וועו מיר דארפן באנייען אונזערע מעשים) איז איינצוזען און אריינצונעמען אין זיך צו דערקענען דעם אמת'דיגן חילוק צווישן ווארהייט און פאנטאזיע. בפרט איז דאס זייער וויכטיג אין אונזערע טעג ווען ס'הערשט א גרויסע רייץ אין די וועלט צו פארשענערן און פארבעסערן דאס פליישיגע גשמיות'דיגע לעבן מיט גאר שיינענדיגע לעמפלעך, און אויב מ'האט דאס נישט דרייט מען זיך ארום אומצופרידן, און מ'פארגעסט אז דאס אלעס איז בלויז הבל וריק. מ'פארגעסט אז מיר זענען דא געקומען נאר פאר איין איינציגע צוועק זיך צו איינהאנדלען אייביגע לעבן, און נאר דאס דארפן מיר אויפפרישן און באנייען. ווי מער מיר וועלן זיך קאנצענטרירן אויף נייעס אין עולם הזה אלס וויניגער וועט אונז אינטרעסאנט זיין נייעס אין רוחניות.

הערט צו דעם לשון פון הייליגן ר' סעדיה גאון (האמונות והדעות מאמר ט): 'קיין שום מענטש איז נישט צופרידן אויף די וועלט, אפילו ווען ער קומט צו די גרעסטע מעלה וואס מ'קען נאר צוקומען אויף די וועלט! און דער טעם איז ווייל די נשמה ווייסט דעם אמת אז נישט דא אין דעם גוף איז איר תכלית, ס'איז דא פאר איר א בעסערע וואוינונג וואס איז מער בכבוד'יג און חשוב'ער ווי אלע גוטס פון די וועלט. און צו דעם גלוסט זי, און אויף דעם קוקט זי ארויס. ווען נישט דאס וואלט זי געווען צופרידן אויף די וועלט' עכ"ל. ווען א מענטש ווייסט דאס, וועט ער פארשטיין אז קיין שום זאך וועט אים נישט העלפן צו דערשטיקן דעם השתוקקות וואס זיין נשמה האט, זיך צו דערהייבן און באנייען רוחניות'דיגע מחשבות און מעשים טובים, תורה און תפלה, מיט פנימיות און מיט טהרה און קדושה, מ'קען דאס נישט אפשטילן אדער בארואיגן, ס'וועט אלעמאל אפירקומען און צוריק ארויפשווימען אויף אלע מיני אופנים. א אידישע נשמה קוקט שטענדיג ארויס צו א ליכטיגע וועלט פון ווי זי איז גענומען געווארן, און נאר אהין איז איר נאטורליכע חיות.

דער מקור פון א שטענדיגע דורשט און דראנג צו נייע זאכן שטאמט פון די נשמה. די נשמה מאנט כסדר איר'ס. א אידישע נשמה וועט קיינמאל נישט זאט ווערן און בארואיגט ווערן פון קערפערליכע תענוגים. זי דארף איר סארט שפייז. עפעס וואס גיבט איר סיפוק און כח. ווי חז"ל זאגן (קהלת רבה ו, ז) א משל מיט א דארפס מאן וואס האט חתונה געהאט מיט א קעניגליכע טאכטער, אלעס וואס ער קען איר געבן האט ביי איר נישט קיין חשיבות, ווייל זי דארף שפייז פון א בת מלך. אלעס וואס מ'פארלאנגט פון אים איז נאר ער זאל נישט שטערן די דעליווערים וואס ס'קומט אן צו איר פון איר טאטנ'ס הויז. ער זאל מאכן פלאץ דערפאר, און העלפן דאס אריינברענגען און זיין קליינע ליימענע הייזקע. זאגט דער מסילת ישרים (פ"א) די נשמה האט גארנישט פון די שענסטע און בעסטע עולם הזה ווייל זי קומט פון אויבן. זי איז בכלל נישט אינטרעסירט אין וועלטליכע זאכן. אפילו ווען ס'זעט אויס אז זי איז שוין פארדעקט און פארגרעבט געווארן איז נישט דא אזא זאך, 'דער אידישע פונק קען נישט פארלאשן ווערן'.

דאס איז דער ענין פון מרור וואס די גמרא (פסחים לט.) זאגט אז די מערסטע מהודר פאר מרור איז אויב מ'קען נוצן חזרת - סאלוט, ווייל דאס ווייזט אויף די וועג פון די שיעבוד מצרים. ס'איז קודם זיס און נאכדעם ווערט דאס ביטער. פרעגט מען וואס איז דער ענין צו מאכן א זכר פאר דעם וואס איז קודם געווען זיס, דער עיקר איז דאך דער זכר פונעם שיעבוד? נאר דער תירוץ איז אז אדרבה, דער עיקר ווילן מיר דערמאנען אז אזוי ארבייט דער יצר הרע אין אלע ענינים גשמיים. ס'זעט אויס ווי זיס פון אנפאנג אבער מ'ווערט שנעל נמאס דערפון און ס'ווערט איבערגעדרייט צו ביטער. און דאס איז געווען פאר די אידן ערגער ווי דער עצם שיעבוד. די שרעקליכע געוויסן ביסן, הארץ עסעניש און זעלבסטשולד, ווי אזוי זיי האבן זיך געלאזט איינרעדן און נישט געכאפט אז דאס איז נישט מער ווי א נעץ פון פרעה, דער יצר הרע, זיי איינצורעדן אז ס'איז גוט, און דאס אז זיי זענען נישט געווען ווי די בני לוי וואס האבן גראד געוואוסט אז פון פרעה קען קיין גוטס נישט קומען. הגם ס'איז געווען א גזירה פון שיעבוד אין מצרים אבער יעדער יחיד אדער שבט וואלט זיך געקענט אויסקלויבן צו זיין ווי די בני לוי. דאס דארפן מיר געדענקען היינט אויך, ווייל דער נסיון איז טאג טעגליך.

ווען א מענטש טוט גוטס און טראכט גוטס שפירט ער א סיפוק און א רואיגקייט, און דאס פארקערטע ווען ער טוט און טראכט שלעכטס, דאס איז נישט מעגליך מסביר צו זיין אן דעם וואס מ'זאל פארשטיין אז דאס איז א נשמה זאך. דער ספר הכוזרי (מאמר ג, ה) זאגט אז די דריי תפלות יעדן טאג זענען דריי סעודות פאר די נשמה עיי"ש. שבת איז א טאג וואס איז ספעציעל געווידמעט פאר די נשמה דאס זעלבע איז מיט ימים טובים.

ווי מער פרישות און איינגעהאלטנקייט דער מענטש האט פון עולם הזה אלס נענטער איז ער צו קדושה און איידלקייט. פסח עסט מען לחם עוני, מ'גיבט זיך נישט נאך די תאוות צו עסן געהעריגע ברויט, ווייל דאס איז דער איינציגסטע וועג ארויסצוגיין פון שיעבוד כוחות הטומאה וואס ווערן גערופן 'מצרים - אדמת בני חם'. במשך די דורות ווען דאס פארגרעבטקייט און נאענטקייט צו גוי'אישקייט האט זיך פארמערט האט מען מוסיף געווען פרישות. מ'עסט נישט פון די פרעמד אפילו מיט א הכשר, מ'עסט נישט געבראקטס, (ס'איז דא מאדנע נארישע מענטשן וואס וועלן נישט עסן געבראקטס, אבער זיי וועלן יא קויפן אלע נייע מאכלים וואס קומט ארויס לכבוד פסח...) דאס איז כדי אויסצולערנען דעם גוף אז פארגרעבטקייט און שפלות האט אויך א שיעור! קענסט יא אויסהאלטן א וואך צייט אן אלע מיני מאכלים! נישט ווי די פארגרעבטע מענטשן טענה'ן 'מ'קען נישט אויסהאלטן אכט טעג צו עסן נאכאמאל און נאכמאל די זעלבע מאכלים'. גיי דערצייל זיי אז ס'זענען דא אידן וואס עסן א גאנץ לעבן יעדע נאכט די זעלבע נאכטמאל און ס'פעלט זיי גארנישט... אדרבה ס'איז דא וואס זיי צו מקנא זיין.

**מ'זאל זען דערצו אז די מבירת חמיץ זאל זיין פון א איד צו א גוי, און נישט פון א גוי צו א גוי ח"ו!**

מעגסט וויסן אז די וועלט איז נישט באשאפן געווארן צו מאכן א לעבן און פאר שוואוילטאג. ס'איז דא א גאר וויכטיגע מיסיע וואס דארף דא דורכגעפירט ווערן, און דאס איז א שווערע מלחמה וואס קומט פאר טריט און שריט, פון פארנט און פון אונטן. נישט ווי מענטשן מיינען אז אויב און ווען ס'קומט אונטער א נסיון דארף מען זיך מתגבר זיין. דער מסילת ישרים (פ"א) זאגט אז אלעס וואס קומט פאר מיטן מענטש, טריט און שריט, פון ווען ער שטייט אויף ביז ער לייגט זיך, איז א נסיון אויף גוטס אדער שלעכטס, ווי אזוי ער וועט אויסנוצן די מינוט פאר עבודת ה'. מ'טאר נישט מסיח דעת זיין פון די מלחמה קיין איין מינוט. און ווען איינער זאגט איך בין נישט יעצט אין די גוסטע, איז דאס פונקט ווי א סאלדאט וואס אינמיטן די גרעסטע שלאכטן לייגט אראפ זיין געווער און זאגט איך בין נישט יעצט אין די גיסטע. אדער ווי איינער וואס דרייווט א קאר אינמיטן א פליענדיגע הייוועי און פלוצלונג לאזט ער אפ דעם רעדל און לאזט דעם קאר פארן פון זיך אליין ווייל ער איז יעצט נישט אין די גיסטע. דער איז א פארטיגער. דו דארפסט אנגיין מיט די מלחמה און זיך קאנצענטרירן דעריין אפגעזען צו דו ביסט אין די גוסטע אדער נישט. א סאלדאט האט נישט די רעכט אפצומאכן אז ער איז נישט אין די גוסטע.

השי"ת דארף נישט א וועלט וואס איז פארזינקען אין גשמיות אפילו ווען ס'איז בדרך היתר, ווי דער רמב"ן (קדושים) רופט דאס א נבל ברשות התורה, וועגן דעם ווען אידן האבן נהנה געווען מסעודתו של אחשורוש אפילו ס'האט געהאט א


בית הוראה
קהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

# זמני לשכת בית הוראה

24 שעה הוראה ליין:
845.783.0546
לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה
הרה"ג רבי מרדכי דוד יוראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה
הרה"ג רבי משה זאב שווארץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 7:30 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 7:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

הכשר, און מ'האט זיך געבוקט צו צלם נבוכדנצר וואס איז אויך געווען בדרך היתר, ס'איז נישט געווען עבודה זרה, אבער ס'איז געווען א גזירת כליה. נישט אלס א עונש, נאר פשוט ווייל נישט אזא וועלט דארף דער באשעפער. (נישט ווי די מענטשן וואס פרעגן 'וואטס ראנג?!') ווי דער יסוד העבודה (ח"ב פ"ט) זאגט אויף די מצוה 'ועשית הישר והטוב', נישט אלעס וואס איז מותר מעג מען טון! מ'דארף פארשטיין און צולייגן קאפ וואס ס'געפעלט פאר השי"ת! ווי ס'שטייט אין פ' שמיני, אהרן האט געזאגט 'הייטב בעיני ה'' מ'דארף וויסן ווי אזוי צו געפעלן פאר רבוש"ע, וואס ברענגט קרבת ה' און דערווייטערונג פון כח היצר און טומאת הגשמיות, און אויף דעם שטייט וישמע משה וייטב בעיניו, ווייל דאס איז די ריכטיגע מהלך פון א איד.

דא איז דאס פלאץ ארויסצוברענגען די וויכטיגקייט פון הכנת הלב והמוח והגוף צו א מצוה. פונקט ווי שבת באקומט מען לויט וויפיל מ'האט זיך געגרייט דערצו, ווי ס'שטייט והכינו את אשר יביאו, מי שטרח בע"ש יאכל בשבת, כאטש שבת איז קביעא וקיימא, איז דאך אוודאי אז צו יום טוב דארף מען זיך גרייטן, לויט ווי מער ס'איז די הכנה אזויפיל מער וועלן מיר באקומען.

אויפ'ן פסוק ביים קרבן פסח 'משכו וקחו לכם צאן' זאגט רש"י 'ציט זיך אוועק פון די עבודה זרה און נעמט דעם פסח', זאגט דער תפארת שלמה ס'איז ווי דער פסוק זאגט 'סור מרע ועשה טוב', דאס מיינט דורך דעם 'משכו' וואס מ'ציט זיך אוועק פון אלעס שלעכטס וועט מען זוכה זיין צו קחו 'לכם' מ'וועט נעמען זיך אליין. מ'וועט זיך אליין טרעפן. וויבאלד בפנימיות וויל יעדער מענטש זיין גוט, און ער האט א הייליגע נשמה, ער טאר דאס נאר נישט לאזן פארפאלן גיין. פירט אויס דער תפארת שלמה 'מצות תאכל במקום קדוש' - אויב דו ווילסט די מצות זאלן טון אין דיר א גרויסע שינוי, דו זאלסט נתעלה ווערן אין קדושה, דאן זע אז די מצות זאלן אריינקומען אין א הייליגע אידישע גוף, און נישט אין א פאר'גוי'אישטע טמא'נע גוף. דער שבט מיהודה פלעגט נאכזאגן פון זיין רבי'ן דעם חת"ס אז ער פלעגט מעורר זיין די בעלי בתים בשעת מכירת חמץ אז מ'זאל זען דערצו אז די מכירה זאל זיין פון א איד צו א גוי נישט פון א גוי צו א גוי (אבני שיש ג, קכז), דאס טייטשט מ'זאל אויסרוימען דעם חמץ און גוי'אישקייט פון זיך און פון זיין שטוב, אזוי וועט אויסקומען אז א איד פארקויפט פאר א גוי.

הכנה צו א מצוה ברענגט אז דער מענטש זאל מקיים זיין די מצוה מיט מער חשק, מיט מער אהבה ויראה. אבער דאס איז נאר אויב די הכנה איז מיט התבוננות. מ'טראכט אריין וואס און ווי מען וויל אנקומען מיט די הכנה, ווי אזוי וועט אים די הכנה העלפן זיך אפצורייסן פון אלע הבלי עולם הזה און דערנענטערן צום בורא כל עולמים. צוויי מענטשן קענען לערנען א בלאט גמרא פארן דאווענען, איינער לערנט אן קיין חשבון נאר אזוי האט ער זיך איינגעוואוינט און אזוי האט מען אים אויסגעלערנט אז פארן דאווענען דארף מען לערנען, ס'איז זייער זייער גוט, אבער דער צווייטער איז נאך אסאך מער, ווייל ער טראכט איך גיי לערנען כדי צו אריינזאפן אין מיר דעם קדושת התורה, וואס דער רצון פון הקב"ה איז מלובש דערין, און איך וויל מיר מבטל זיין דערצו כדי איך זאל קענען ביים דאווענען רעדן צו מיין טאטן אין הימל אזוי ווי ס'דארף צו זיין. דער מענטש איז מיט אן א שיעור מדריגות מער ווי דער וואס האט דאס נישט געטראכט. דאס איז דער כח פון התבוננות, ס'טוישט די צורת המצוה אויף א העכערן פארנעם.

דאס איז סיי ביי די הכנה צו די מצוה און סיי ביי די מצוה אליין, און סיי ביים לערנען. ביי ביידע פארלאנגט השי"ת פון אונז מיר זאלן קאנצענטרירן אונזער מח און זיך צובינדן און זיין אנגעקניפט מיט דעם פנימיות פון די זאך וואס מ'טוט. דאס מיינט ס'זאל געטון ווערן מיט התבוננות. נישט אבי געזונט כאפ לאפ, אפגעטון יוצא געווען און געגאנגען ווייטער.

## די דרייַ תפלות יעדן טאג זענען דרייַ סעודות פאר די נשמה

ביסטו דען מקיים דעם דע לפני מי אתה עומד? פאר וועם און פארוואס טוסטו דאס? טוט דיר די מצוה באנעמען דיין גאנצע מציאות?

פסח ביינאכט ווען מיר זיצן ביים סדר און מיר זאגן די הגדה, מיר זענען מקיים די מצוות פון די נאכט, זאגט אונז השי"ת ווי פאלגענד: הער צו מיין קינד איך האב דיר אין די נאכט ארויסגעצויגן פון מצרים, איך האב דיר געגעבן געוואלדיגע כוחות צו הייסן א בן חורין דורך אנפייפן דיין יצר הרע מיט דיינע שלעכטע מדות און גלוסטעניש, צו מקבל זיין די עול תורה און צו זיין מיין קנעכט. נאר דאס זאל דיר אינטערעסירן! גארנישט עפעס אנדערש! נעם דיר יעצט אונטער אז אלע דיינע מעשים פון היינט זאלן נאר צילן צו דעם, מיט א כוונה צו טון א נחת רוח פאר השי"ת און איינהאלטן די תורה מיט אלע פיטשעווקעס. דו ביסט מער נישט אונטער די כח הטומאה! גענוג געווען ביז היינט! גענוג איז גענוג!!! ווער פטור דערפון! כאפ דיר אן אין די געוואלדיגע כח פון פסח ביינאכט. שפרינג ארויס פון די בלאטע ווי דו ביסט פארזינקען. איך וועל דיר העלפן. איך וועל דיר באשיצן פון אלע כוחות הטומאה, און איך וועל דיר אריינברענגען תחת כנפי השכינה. און יציאת מצרים איז נישט קיין פארגאנגנהייט נאר ס'איז בכל שנה ושנה ובכל יום ויום, ווי דער הייליגער תניא שרייבט.

די ספה"ק טייטשן דעם מאחז"ל 'כל שישנו בבל תאכל חמץ ישנו בקום אכול מצה', אז די צוויי זענען פארבינדן, לויט וויפיל דו וועסט פאר פסח אויסרוימען דיין חמץ פון דיין הארץ, אזויפיל וועסטו זוכה זיין צו די קדושת המצה. חז"ל זאגן 'שואלין ודורשין בהלכות הפסח לפני הפסח', טייטשן די ספרים 'שואלין' מ'בעט ביים רבוש"ע מ'זאל פסח קענען שעפן די השפעת הקדושה און טהרה וואס קומט אראפ אויף אידן, אבער אין די זעלבע צייט 'ודורשין' דארף יעדער ביי זיך חוקר ודורש זיין וואס קען איך טון זיך צו פאררעכטן און פארבעסערן, סיי בין אדם למקום, צב"ש ארויסזאגן קלאר יעדעווארט ביי ברכת הנהנין, דאווענען, לערנען מיט התמדה און חשק, און סיי בין אדם לחבירו, נישט זאגן עפעס וואס קען יענעם וויי טון א.א.וו.

הכנה צו א מצוה מיינט נישט צו דורכלערנען אסאך שיינע פשטים און קונה זיין ידיעות, וואס דאס איז באמת גאר א שיינע חשוב'ע זאך, אבער נישט דאס איז דער עיקר מכוון פון הכנה. וואס יא? אסאך התבוננות און מחשבה, צוגרייטן דאס הארץ אין די מוח, ס'זאל ווערן א מקום קדושה א מקום השראת השכינה, א מקום פון דביקות אין יראה ואהבה, א הארץ וואס פלאקערט פארן רבוש"ע, א מח וואס אלע געדאנקען זענען נאר אין עניני קדושה.

מ'דארף זיך צוגרייטן מיט סור מרע ועשה טוב, דאס הייסט אוועקשטיין פונעם יצר הרע מיט אלע זיינע אנשיקעניש, ציטערן און מורא האבן אז מ'זאל חלילה נישט אפגעריסן אדער אפגעשיידט ווערן פונעם רבש"ע אפילו פאר א מינוט. דאס דארף זיין ביי אים דאס ארגסטע, און ער דארף טון אלעס וואס מעגליך דאס זאל נישט געשען. אריינגיין אין די שערי הקדושה, ווי וויניגער זיין פארזינקען אין פרעס און זיך נאכגעבן תאוות עוה"ז (שמירת עינים ומחשבה), מקיים זיין בפשטות שויתי ה' לנגדי תמיד. מיט דעם וועט ער זוכה זיין פאר זיך און פאר זיינע דורות ווי די משנה זאגט (סוף מכות), ווען ס'קומט אים אונטער א נסיון זאל ער גראד טראכטן אז דאס איז א פראבע פון הימל צו זען אויב ער איז ווערד מ'זאל אים געבן מתנות און ארויפשטעלן אויף א העכערע דרגא.

פון איין זייט ווייסט מען אז פסח ביינאכט זענען אידן צוגעקומען צו א מדריגה העכער זייער השגה, און ווי דער ר"ר ברוכ'ל זי"ע טייטש 'ופסח ה' על הפתח', אז פסח היפט השי"ת איבער דעם פתחו לי כחודו של מחט, ס'איז דא א התעוררות פון אויבן אפילו ווען מ'האט נישט געמאכט א התעוררות פון אונטן. דער ראפשיצער רב זי"ע טייטשט, 'תחלה למקראי קודש זכר ליציאת מצרים', ווען א מענטש וויל אנהויבן אריינגיין אין קדושה און ער שפירט אז ער איז נישט צוגעגרייט, דערמאן דיר פון יציאת מצרים ווען השי"ת האט אונז אריינגעברענגט אין די קדושה נישט צוגעגרייטערהייט. אין דברי יואל טייטשט דער רבי מיט דעם 'הא לחמא עניא' ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו די קדושת המצה ווען מ'איז נישט צוגעגרייט? 'די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים' - דארט איז אויך אזוי געווען אז אפילו מ'איז נישט געווען גרייט האט השי"ת ארויסגעצויגן פון טומאת מצרים.

אבער פון די צווייטע זאגט זאגט דער עבודת ישראל אז אויך די זון שיינט צו יעדן איינעם פון זיך אליין, אבער אויב פארשטעלט מען די פענסטער מיט דיקע פירהענג קען דאס נישט ארייננשיינען, און אויף דעם דארף מיר יא האבן הכנה אז מיר זאלן האבן א כלי ראוי לקבל. אויך אין מצרים האבן אידן געמאכט א הכנה דורך עוסק זיין אין פסח און מילה, און תשובה געטון ווי ווייט מעגליך צו קענען ארויסגיין פון מצרים. די רשעים וואס זענען נישט געווען אינטערעסירט זענען טאקע דארט געבליבן.

די אלע בחינות מוזן מיר אריינברענגען אין זיך און אין אונזערע קינדער. דער ערוגת הבשם (שמיני עה"פ ויאמר משה כו' וידום אהרן) זאגט אז די הדרכה וואס א טאטע גיבט פאר א קינד איז מער באליבט ווי ווען ער זאל זיך אליין משלים זיין. איז כל שכן פסח ביינאכט וואס איז געשטעלט געווארן אויף דעם למען תספר באזני בנך וכו'. לאמיר אויסנוצן די טייערע צייט, נישט ארויסלאזן די גאלדענע געלעגנהייט צו ציען די הייליגע קייט און אריינברענגען ליכטיגקייט. אכי"ר.





אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א
**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6 אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**



# על הצדיקים

הרב הקדוש

# רבי אברהם יהושע העשיל מאפטא זי"ע

## בעל אוהב ישראל

ה' ניסן

# האסטו קיין צער קיינמאל געליטן, וויאזוי וואסטו דיר קענען דערהויבן?

אין אַ זייטיג געסל ביים ברעג שטעטל שטייט אַ האַלב איינגעפאַלן געלאַטעט הייזל. דער דאַך ווי אַ שיטער זיפּל וואו דער ערשטער ווינט שפּאַצירט זיך אַדורך אין דעם פרייען אַריינגאַנג, פון די קליינע פענסטערלעך שיינט אַרויס אַ מאַטע ליכטיגקייט און זענען אויך טייל מאָל מיט שמאַטעס פאַרשטאָפּט כדי די קעלט זאָל נישט קענען טיף אַריינדרינגען אין שטוב.

געוואוינט האָט אין דעם שטיבל דער צדיק רבי יצחק מאיר דער זון פונעם הייליגן אַפּטער רבי'ן רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע, עס איז יעצט די יאָרצייט פון זיין הייליגן פאָטער און ר' יצחק מאיר זיצט זיך ביים בלאַסן שיין ווען פאַר אים ליגט אַן אָפענע גמרא.

ער פילט נישט קיין מידקייט און פילט אויך נישט די קעלט. ווייל קען ער עס דען פילן, קען עס אים דען שטערן אין אַזעלכע הויכע מאָמענטן, לערנענדיג מיט אַ ברען די ווערטער פון די הייליגע תנאים און אמוראים ביים שיין פונעם יאָרצייט ליכטל.

עס איז שוין לאַנג נאָך חצות, איינגעהילט אין טיפן דרימל איז שוין דאָס גאַנצע הויז-געזונד. דאָס לעבן האָט זיין אָטעם אָפּגעשטעלט, זיין באַוועגונג אָפּגעהאַלטן, עס איז שטיל איבעראַל. די נאַכט האָט פאַרשפּרייט איר ממשלה אויך איבער די קליינע הייזקע, וואו עס זענען נאָר וואָס יעצט אַנטשלאָפן געוואָרן די הונגעריגע בני בית וועלכע האָבן מיטן ביסל ברויט און וואַסער די אויגן צוגעמאַכט.

עס איז לייִדיג שטיל, בלויז איין ווינקל איז נאָך וואַך און העל באַלויכטן. דאָרט וואו דער צדיק זיצט און שאָקלט זיך איבער די גמרא און צוזאַמען מיט אים שאָקלען זיך מיט די נאַכט שאָטנס. ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט צוהעלפן. ער פרואווט זיך צו פאַרטיפן אָבער דאָס מאָל גייט אים נישט ווי געוויינליך, ווי פון צווישן די שורות, פון צווישן די אותיות, שווימט פאַר אים אויף דאָס הייליגע געשטאַלט פון זיין פאָטער, אַ שטראַלנדער אָט פונקט ווי ער האָט אים צום לעצטן מאָל געזען.



ער פילט נישט קיין הונגער ער זעט שוין נישט מער דעם נויט וואָס אין זיין שטוב, וויסנדיג אַז ער איז מקיים און ער ערפילט אַלעס וואָס זיין הייליגער פאָטער האָט צו אים גערעדט מיט איניגע וואָכן פאַר ער האָט זיין הייליגע נשמה אויסגעהויכט, און דעריבער טאַקע נאָך די פטירה פונעם אַפּטער רב האָט רבי יצחק מאיר געלעבט פיל יאָרן אין גרויס אָרעמקייט און נויט אַזוי ווי זיין פאָטער האָט אים געלערנט.

*

וועגן אָט דעם אָנזאָג וואָס דער הייליגער אַפּטער האָט אָנגעזאָגט זיין זון ווערט דערציילט ווי פאָלגענד:

געווען איז עס אין אַ טבת נאַכט דאַן ווען דער צדיק איז שוין זייער שוואַך געווען און געפילט אַז זיינע לעצטע טעג דערנענטערן זיך האָט ער צוגערופן זיין זון ר' יצחק מאיר און אים געזאָגט:

"מיין קינד, איך האָב אין מיינע אינגע יאָרן געליטן פון גרויס אָרימקייט, איך פלעג פיל אַרומוואַנדערן און זיין אין גלות "נע ונד" ביז מיין קערפּער איז פון

אָט די אַלע פּייניגונגען, וואַנדערישן, הונגער און נויט, זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַזוי אַרום אָבער, האָב איך זוכה געווען צום יעצטיגן הויכן שטאַנד און מדריגה, און דו מיין קינד וואָס וועט זיין מיט דיר אויב דו וועסט נישט זען זיך אויך אינזין צו האָבן?

"איך אין מיין יוגנט" – האָט דער צדיק גענומען דערציילן – "בין געווען רב אין קאָלבאָסאָוו. די דאָרטיגע קהילה מיינע האָבן קיין סאַך געלט נישט פאַרמאָגט, מען האָט שווער געאַרבעט אַריינצוברענגען די פרנסה אין הויז ממילא איז מיין חודש געלט באַשטאַנען פון פיר פערציגער, איינס פאַר יעדע וואָך.

פאַרשטייט זיך אַז פון דעם ביסל האָט מען אויך ווייניג געקענט וואָס אויסקומען, און שטעל דיר נאָך פאָר ווען איך בין נאָר געווען איין וואָך אין קאָלבאָסאָוו און די איבעריגע דריי ביים הייליגן רבי'ן רבי אלימלך פון ליזשענסק זי"ע, און דאַן נישט באַקומען קיין איין גראָשן, דאָס הונגער און נויט איז דאַן געווען אָנגעהויער גרויס, עס פלעגן אַדורכגיין גאַנצע טעג אין וועלכע מען האָט נישט פאַרמאָגט און נישט געזען פאַר זיך אַ ביסן ברויט.

"פּאַסירט האָט אַמאָל" – דערציילט דער צדיק ווייטער – "אַז דער רבי ר' מעכעלע פון זלאָטשוב זי"ע איז דורכגעפאָרן דאָס שטעטל קאָלבאַסאָוו, דערזענדיג אים אין בית המדרש האָב איך אים פאַרבעטן פאַר אַ סעודה, דער רבי ר' מעכעלע האָט מיר געענטפערט אַז ער וועט קומען מאָרגן אי"ה צו אַ סעודה.

אַהיימקומענדיג האָב איך דערציילט די רעביצין די גוטע בשורה, אַז דער גרויסער צדיק רבי מעכעלע קומט מאָרגן אין הויז נאָך אַ מאָלצייט. זי האָט זיך זייער דערפרייט צו האָבן די זכי' צו אַזאַ הייליגן גאַסט, אָבער פון די צווייטע זייט איז זי געווען פאַרצווייפלט פון וואו נעמט מען עפּעס צו דער סעודה? וואָס קען זי צוגרייטן פון איר דלות? איז זי זיך געגאַנגען לייען זעקס גראָשן און דערפון געקויפט אַביסל מעל און אייער און האָט דערפון גענומען צוגרייטן עפּעס אַ מאָלצייט פאַרן צדיק מיט גרויס דערהויבנקייט.

אויפצומאָרגנס ווען דער רבי ר' מעכעלע פון זלאָטשוב איז אַריינגעקומען און האָט דערזען דאָס גרויסע אָרימקייט, איז ער זייער דערשיטערט געוואָרן און זיך מצער געווען אויף דעם דלות וואָס עס הערשט ביי מיר אין הויז און האָט אַרויסגייענדיג אָנגעוואונטשן איך זאָל אינגיכן געהאָלפן ווערן.

נאָכדעם אָבער, איז מיין לאַגע נאָך אַלץ נישט בעסער געווען, נאָר פאַרקערט דאָס אָרימקייט איז געווען אויף אַזוי ווייט אַז איך האָב אַ לאַנגע צייט נישט געקענט אפילו פאָרן צום רבי'ן רבי אלימלך קיין ליזענסק.

ערשט פאַר ראש השנה האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג קיין ליזענסק צו זיין ביים צדיק אויף די ימים נוראים.

*

אויפן וועג האָב איך מיך באַגעגענט מיטן צדיק רבי ר' מענדעלע פון רימאַנוב זי"ע, וועלכער איז אויך געווען אונטערוועגנס צום רבי'ן, מיר זענעןביידע געגאַנגען טראָגנדיג מיט זיך די קוויטלעך און פדיונות.

אָנקומענדיג אין רבי'נס הויף האָט אונז דער גבאי באַלד אָפּגעשטעלט, געבעטן די קוויטלעך, און קוויטל געלט, זאָגנדיג, אַז יעצט איז די צייט וואָס דער צדיק לייענט די קוויטלעך, דעריבער האָט ער אים יעצט געשיקט צו נעמען די קוויטלעך פון זיי, און נאָך אַ געוויסע צייט וועט איר קענען אַריינגיין אין זיין הייליגן צימער שלום נעמען.

מיר זענען אַזוי געשטאַנען אַ לענגערע צייט – האָט דער אַפּטער רב ווייטער דערציילט – און מיר האָבן פלוצלינג באַמערקט ווי עס שטעלט זיך אָפּ אַ וואָגן, און אָט דער וואָגן איז נישט געווען קיין געוועהנליכער, נאָר די קדושה און הייליגקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פון דאָרט. מיר האָבן געזען אַז דער וואָגן איז פול מיט יראת שמים.

נאָכפרעגנדיג זיך וואָס דאָס איז, האָט מען אונז געענטפערט אַז עס איז דער וואָגן אין וועלכן דער רבי ר' זושא פון אַניפּאָלי זיצט.

באַלד זענען מיר צו אים געגאַנגען שלום נעמען און געבליבן דאָרט ביז ווען מען האָט אונז צום רבי'ן אַריינגעפירט. זייענדיג אין רבי'נס הייליגע שטוב אַ לענגערע צייט האָט אונז דער



צדיק געהייסן פאַרלאָזן דעם צימער ווייל ער וויל רעדן מיט זיין ברודער דער רבי ר' זושא.

איך האָב זיך איינגעשטעלט - זאָגט ווייטער דער אַפּטער רב פאַר זיין זון - איך האָב זיך געשטעלט ביי דער טיר פון דרויסן, טראָץ דעם וואָס דער רבי ר' מענדעלע פון רימאַנוב האָט מיך נישט געראָטן דערצו, מיט זיין טענה אַז אויב מיר וואָלטן זוכה געווען צו מעגן הערן דעם שמועס פון אָט די צוויי הייליגע ברודער וואָלט אונז דער רבי נישט געהייסן אַרויסגיין. עס איז ווירקליך אַזוי געווען און איך האָב גאָרנישט דערהערט פונדרויסן דורך די טיר.

אַזוי זענען מיר דאָרט געווען אויף די ימים נוראים וועלכע זענען אַדורך אין גרויס קדושה וטהרה.

דער רבי ר' אלימלך פלעגט זיך פירן - דערציילט דער צדיק פון אַפּטע ווייטער - אַז ביז ווען ער האָט נישט געוואוסט אַז ער האָט אויסגעבעטן אַ גוט יאָר פאַרן כלל ישראל האָט ער אונז נישט אַהיימגעלאָזט, אפילו ווען עס האָט געקענט געדויערן אַ לענגערע צייט נאָך די ימים נוראים, אפילו ביז חנוכה, און טייל מאָל ביז פורים.

אין דעם יאָר איז שוין חול המועד סוכות געקומען דער גבאי אין שליחות פונעם רבי'ן, און מיר געזאָגט אַז איך זאָל שוין אַהיימפאָרן.

איך בין זייער פאַרוואונדערט געוואָרן וואָס קען דאָס זיין נאָך פאַר הושענא רבה זאָל איך שוין דאַרפן אַוועקרייזן און נישט דאָ זיין ביים צדיק?

באַלד אָבער איז מען מיר געקומען וואָרענען צום צווייטן מאָל פון רבינ'ס הויף צו פאַרלאָזן ליזענסק און גיין קיין קאָלבאַסאָוו.

נאָכן געזעגענען זיך וואַרעם פונעם צדיק האָב איך פאַרלאָזט ליזענסק און איך האָב זיך גענומען גיין מיין וועג. עס איז געווען דעמאָלט אָנהויב ווינטער, די וועגן זענען שוין פול געווען מיט די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער פונעם הערבסטיגן רעגן, ווי איך בין אַרויס אויפ'ן וועג האָט זיך אַ קאַלטער ווינט גענומען בלאָזן, און מיט אַ שטאַרקע ווילדקייט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר. איך האָב מיר איינגעהילט מיטן אויבערמאַנטל און גענומען גיין ווייטער דעם וועג.

*

אַזוי גייענדיג אַ לענגערע צייט האָב איך פלוצלינג באַמערקט ווי עס קומען אַנטקעגן צוויי אידן, צוקומענדיג נענטער האָבן מיר זיך באַגריסט, איך האָב זיי געפרעגט וואוהין זיי גייען, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי גייען צום רבי'ן פון קאָלבאַסאָוו.

פאַרוואָס פאָרט איר צו יענעם רב? - האָב איך זיי געפרעגט – אין דער צייט וואָס נישט ווייט פון דאָ געפינט זיך דער גרויסער צדיק דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק, פאָלגט מיך און פאָרט ענדערש אַהין.

אָבער זיי האָבן געענטפערט, אַז מן השמים האָט מען זיי מודיע געווען צו גיין קיין קאָלבאַסאָוו.

ער איז דאָך אָבער אַ גרויסער אָרימאַן, וואָס וועט איר עסן ביי אים? – האָב איך ווייטער צו זיי גערעדט.




דאָס האָט זיי אויך נישט באַרירט, זיי האָבן צוריק געענטפערט, אַז זיי ווילן גיין ווייל פון הונגער וועלן זיי דאָרט נישט אויסגיין.

מיר זענען אַזוי אַלע דריי צוזאַמען געגאַנגען אין וועג, דורכגייענדיג שטעט און דערפלעך, און דאָ איז אונז אַנטקעגן געקומען אַ וואָגן אין וועלכן עס איז געזעסן אַ איד פון מיין שטעטל וועלכער האָט אַרויסגעטראָגן מילך צום דערבייאיגן שטעטל.

דערזעענדיג מיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און געבעטן מיר זאָלן אַריינגיין אין די קרעטשמע וואָס איז דאָ נישט ווייט, און וואַרטן ביז ווען ער וועט זיך צוריק קערן נאָך זיי. מיר זענען אַריין טאַקע אין קרעטשמע, אָבער דער איד איז אַדורכגעפאָרן און נישט זעענדיג אונז איז ער זיך געפאָרן צוריק אין שטעטל, און ער האָט דערציילט אַז מיר זענען אינטערוועגנס.

מיר ווייטער, וואַרטענדיג אַ לענגערע צייט אויף אים זענען מיר ווייטער אַרויס אין וועג, שפּעט אין אָוונט זענען מיר ערשט אָנגעקומען.

*

געווען איז דאַן הושענא רבה, מיד און באַדעקט אינגאַנצן פון שטויב פונעם שווערן און לאַנגן וועג, זענען מיר ביינאַכט גלייך געגאַנגען אין בית המדרש אַריין ווייל קיין סעודת חול המועד איז זיכער נישטאָ נאָכדעם וואָס שוין וואָכן איז קיין געלט נישט אַריינגעקומען אין הויז.

דאָס בית המדרש איז איבערפולט געווען מיט די אידן וועלכע זענען געזעסן און געלערנט, געזאָגט תהלים אַזוי ווי דער מנהג איז הושענא רבה, אויך מיר האָבן זיך די הענט געוואַשן און זיך אַראָפּגעזעצט אין בית המדרש.

מיד און האַלב פאַר'חלש'ט פאַר הונגער זענען מיר געזעסן און געלערנט אַ גאַנצע נאַכט, און אַז עס איז טאָג געוואָרן האָבן מיר זיך געשטעלט דאַוונען שחרית מיט די הושענות.

אַהיימקומענדיג מיט די אורחים, זענען מיר אַדורך די שטוב גלייך אין די סוכה און אָט פיל איך אַ גוטן גערוך פון פאַרשידענע מאכלים און גוטע שפּייזן.

"דאָס גאַנצע הויז איז איבערפולט מיטן גוטן געשמאַק פון די עסנס. איך האָב גאָרנישט געפרעגט פון וואו די רעביצין האָט דאָס אַלעס, נאָכדעם וואָס שוין איינציגע וואָכן וואָס זי איז דאָ אַליין פאַרבליבן אָן קיין פרנסה ביי דער נשמה, איך בין נישט אומשטאַנד געווען אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

שטעל דיר פאָר מיין קינד – דערציילט דער צדיק ווייטער – נאָך עטליכע טעג נישט עסן און נישט טרינקען איך האָב געפילט ממש ווי איך טרוקן איין, און צוזאַמען דערמיט לאָזן זיך אויס מיינע כוחות, און דעריבער ווי איך בין אין די סוכה אַריינגעקומען זעענדיג שטיין אָנגעגרייט חלות מיט ווייַן בראָנפן און לעקעך האָב איך באַלד גענומען אַביסל דערפון פאַר מיר און פאַר מיינע געסט, געמאַכט אַ ברכה און אַזוי אַרום געקומען ב"ה אַביסל צו מיינע כוחות.

*

באַלד איז די רביצין אַריינגעקומען און גענומען דערציילן פון וואו זי האָט דאָס אַלעס אין הויז.

דאָ נישט ווייט פון קאָלבאַסאָוו האָט אַ איד, גאַנץ אַ פאַרמעגליכער, זיך געגרייט מיט אַ גרויסע סעודה צו אַ ברית וועלכעס האָט געדאַרפט היינט פאָרקומען. אָבער צום באַדויערן איז דאָס קינד געל געוואָרן, אַזוי אַז דער ברית קען שוין נישט זיין ביז נאָך יום טוב.

ווען עס איז פון אונזער שטעטל אַרויסגעפאָרן דער איד וועלכער האָט דיך באַגעגנט אונטערוועגנס פאָרנדיג טאַקע צום בעל ברית, האָט ער זעענדיג די גרויסע סעודה – וואָס שטייט דאָרט אומזיסט צוגעגרייט – געבעטן דעם בעל ברית אַז אַזוי ווי ער האָט יעצט באַגעגנט דעם רב גייענדיג אַהיים, און ביי אים אין הויז איז געוויס נישטאָ קיין צרכי יום טוב, וואָלט געווען אַ גרויס ענין אַוועקצוגעבן די סעודה דעם רב פאַר מיט משפחה און פאַר זיינע געסט.

באַלד האָט יענער צוזאַמגעפּאַקט די סעודה, אָנגעפילט דעם וואָגן פון אַלעם גוטן, און עס געברענגט אַהער.

אַזוי אַרום האָבן מיר געהאַט אַ פריילּיכן יום טוב, אַ יום טוב וואָס איז שוין יאָרן נישט אַזוי לוסטיג אַדורך.

פון דעמאָלט אָן – דערציילט דער אַפּטער רב ווייטער – האָט זיך מיין לאַגע ביסלעכווייז אַלץ ב"ה מער פאַרבעסערט און עס איז נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אָרימקייט און נויט אויפגעראָכטן געוואָרן, מערערע אידן האָבן אָנגעהויבן קומען צו מיר, איך האָב פאַר זיי מתפלל געווען און זיי געלערנט וויאַזוי צו דינען השי"ת און זיך צו שטאַרקן אויף אַלע נסיונות.

*

דער אַפּטער רב האָט נאָכדעם וואָס ער איז אַ שטיקל צייט שטיל געבליבן זיך אָנגערופן צו זיין זון און געזאָגט:

מיין קינד, דו האָסט דאָך פון קיין צער און פּיין קיינמאָל געליטן. וואָס וועט זיין? וויאַזוי וועסטו דיך קענען דערהויבן? ביי אונז האָבן מיר דעם כלל "והי' ראשיתך מצער" אין אָנהויב אין די אינגע יאָרן איז ענג עס איז שווער, מען דאַרף דינען השי"ת מיט מסירת נפש און מיט שמחה טראָץ אַלע שוועריקייטן און שטערונגען, אָבער נאָך די צרות און ליידן גלות און סיגופים איז "ואחריתך ישגא מאוד". ווערט מען דערהויבן, געלייטערט, און געהיילט, צו אַ הויכע מדריגה צו קדושה וטהרה, און דעריבער גיי מיין זון אין דעם דרך ווייל נאָר אַזוי האָב איך זוכה געווען צו מיין יעצטיגע מדריגה.

דעם צדיק רבי ר' יצחק מאיר האָבן די הייליגע ווערטער זייער באַרירט, דעם אָנזאָג און פאַרלאַנג פון זיין גרויסן פאָטער האָט ער ווירקליך ערפילט און מקיים געווען, און דערמאַנענדיג זיך פון די הייליגע ווערטער האָט ער זיך אַלעמאָל מחזק געווען אין די שווערסטע צייטן.

און נאָכדעם וואָס דער אַפּטער רב זי"ע איז נפטר געוואָרן אין ה' ניסן תקפ"ח, האָט זיין זון ממשיך געווען דעם דרך פון זיין פאָטער און האָט געלעבט אין זייער אַ שווערע לאַגע, דאָס עניות און אָרימקייט איז געווען ממש אומדערטרעגליך עטליכע יאָר ביז השי"ת האָט אים געהאָלפן און זיין לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט, ווען ער איז נתגלה געוואָרן אין דער וועלט פאַר אַ גרויסער צדיק און פועל ישועות.

**זכותו יגן עלינו, אמן.**

COLONIAL HOUSE IN VILLAGE OF MONROE

# FOR SALE

## 18 Hillside Terrace Monroe NY 10950

Welcome to 18 Hillside Terrace, Nestled in the heart of the Village of Monroe, where classic charm meets modern luxury. This meticulously updated colonial home sits on a quarter-acre of leveled grounds, showcasing a stunning kitchen with granite countertops and hardwood floors throughout.

◇

Step into 1934 sq. ft. of living space featuring 3 bedrooms and 3 baths, with an emphasis on contemporary design and well-kept finishes. Entertain effortlessly in the fully updated walk-out basement, illuminated by spotlights, or retreat to the fenced backyard with a deck for chic al fresco gatherings.

◇

Practical living is elevated with 4 heating zones, central air, a security system, and a central vacuum cleaner. The 2-car garage and extra storage ensure ample space for convenience.











| | | |
|---|---|---|
| 2,552 square feet | 3 upstairs 1 downstairs bedrooms | 2 car garage |
| 4 heating zones | Central air conditioning | Central vacuum cleaning |
| Security system | Fireplace | Fenced in back yard |
| Quartz counter tops | Crown molding all floors | Brand new Boiler / Central Air |

**Price: $640,000**

The REALTY BLUE group

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186




# פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין הבדלה מוצאי פורים?!

דאָס האָט פּאַסירט אין פלאָרידע.

אַמאָל איז דאָרט געווען אַ מיליאָנער, וועלכער האָט געהאַט אַ קאָלעקציע פון 'עליגעיטאָרס', וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַ שווים באַסיין, הונטער זיין פּאַלאַץ.

איינמאָל האָט ער מחליט געווען צו אַראַנדזשירן אַ ריזיגע חנוכה פּאַרטי. נאָך די גאַנצע פּאַרטי האָט ער געזוכט צו מאַכן עפּעס 'אַנדערש', און גלייכצייטיג זיך אויפטון מיט זיין גרויסן עליגעיטאָר באסיין.

ער האָט אויסגערופן: "מיין טייערער עולם, איך האָב אַ פאָרשלאַג צו יעדן איינעם דאָ, איך וועל געבן אַ מיליאָן דאָלער פאר דער וואָס וועט אַרומשווימען אין דעם באַסיין אָנגעפולט מיט עליגעיטאָרס, און אַרויסגיין אומבאַשעדיגט"...

גלייך ווען ער האָט געענדיגט זיין לעצטע וואָרט האָבן אַלע געהערט אַ הויכע פּלאַטשקע.. אַ אינגערמאַן איז געווען אין דעם באַסיין, שווימענדיג ווי שנעל ער האָט געקענט, יעדער איז געווען שאָקירט אָבער מ'האָט אָנגעפאַנגען אים צו אויפהייטערן קלאַפּנדיג מיט די הענט, בשעת ער פּלאַטשקעט מיט אַ ווילדע ריטעם און שנעלקייט.

צו אַלעמענס ערשטוינונג האָט ער דאָס געמאַכט צו די אַנדערע זייט, אָן קיין קראַץ, און ער איז אַרויס פון וואַסער.

"דאָס איז אויסערגעוויינליך", האָט דער מיליאָנער אויסגעשריגן, "פאַנטאַסטיש! איך האָב נישט געטראַכט אַז דאָס קען ווערן געמאַכט! יעצט דאַרף איך האַלטן מיין ווארט און מיין חלק פון דעם געשעפט, וויאַזוי ווילסטו איך זאָל דיך באַצאָלן?!".

זאָגט דער אינגערמאַן: "הער אויס, וועגן די געלט וועלן מיר רעדן שפּעטער, אָבער יעצט דאַרף איך צוערשט צוטריט צו די סורוועלענס קאַמערע', איך דאַרף געוואויר ווערן ווער ס'האָט מיך אַריינגעשטופּט אין דעם וואַסער"...

***

מיר קענען טרעפן זייער אַסאַך ענליכקייט צווישן זיך אליינס מיט די מעשה'לע.

מיר זענען יעצט אַרויסגעקומען פון דעם יום פורים, און מיר גייען אַריין אין דעם יום טוב פסח.

אויב מיר וועלן נישט מאַכן אַ בריק צווישן פורים מיט פסח, וועלן מיר גאָרנישט פאַרדינען פון די געהויבענע צייטן וואָס מיר האָבן נאָרוואָס מיטגעלעבט מיט אַזויפיל התרוממות. מיר וועלן נישט באַקומען די ריכטיגע חירות וואָס מיר דאַרפן באַקומען אום פסח.

***

ווען מרדכי און אסתר האָבן געשריבן **"וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם"** האָבן זיי דאָס געמיינט. די השפעה פון פורים איז נישט בלויז פאר איינמאָל אַ יאָר פורים, ס'איז אן אַרבעט פאַר'ן גאַנצן יאָר.

הרה"ק רבי שמחה בונם פון פרשיסחא זי"ע איז מסביר דעם פסוק **"אדם ביקר בל ילין נמשל כבהמות נדמו"**, 'יקר' איז טייטש **ווען דער מענטש ווערט באַשאָנקן מיט אַ 'יקר', אַ ספּעציעלע ליכטיגקייט, אן הארה אַזוויי פורים.** 'בל ילין', אָבער ער טוט גאָרנישט ספּעציעל אַז די הארה זאל בלייבן נעכטיגן מיט אים, דעמאָלט איז 'נמשל כבהמות נדמו', איז ער חלילה געגליכן צו אַ בהמה. אויב מיר גייען אַריבער אַ יום טוב און מיר זען נישט אַז ס'זאָל בלייבן מיט אונז איז מען גלייך צו אַ בהמה.

***

מיר זענען איינפאַכע פּשוט'ע אידן. מיר מוטשן זיך מיט טאָג טעגליכע נסיונות. אַסאַך מאָל באַקומען מיר געוואַלדיגע זמנים און מצבים וואָס קומען ממש פאַר אונז, אָבער מיר טוען דאָס איגנאָרירן און מיר לאָזן דאָס פייער אויסברענען.

**מיר האָבן נאָרוואָס געוואונען אַ פאַרמעגן אום פורים!** אַצינד איז פורים געענדיגט, און וואָס פּאַסירט מיט אונז?! 'בל ילין' - מיר טוען נישט וואָס אסתר האָט געבעטן פון די חכמים 'וזכרם לא יסוף מזרעם', אַז מיר זאָלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן פון פורים און פון די אַלע ליכטיגקייטן וואָס מיר האָבן פאַרדינט אום פורים.

אַלזאָ, וויאַזוי וועלן מיר אָנקומען צו שפּירן דעם חירות פון דעם יום טוב פון פסח?! **וויאַזוי קענען מיר שפּירן פרייהייט אין אונזערע הערצער, ווען מיר זענען אַזוי צוגעבינדן צו אַ גשמיות'דיגע פאַרגרעבטע לעבנס שטייגער?!** ביי אונז האַלט עס ביי אַ מצב אַז מיר קענען אפילו נישט אַרויסצוגיין פון אונזער וועג און באַקומען די ריכטיגע דעת, צו פאַרשטיין די חירות וואָס אַ איד דארף און קען שפּירן אום פסח.

***

וויאַזוי קענען מיר באַקומען די ריכטיגע הרגשה פון

**יעדע תפלה מאכט א רושם אין הימל!**

זייט מתפלל אז **נחמי' צבי בן דינה** זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב

חירות, ווען מיר ליידן פון אַזויפיל פּראָבלעמען, אינדרויסן און אינעווייניג, אינדערהיים, קינדער, פּרנסה, און די פּראָבלעמען אין רוחניות. (זיין אין דזשעיל איינגעשפּארט אונטער גראַטעס)?!

**דער איבערשטער ווייסט דאָס אַלעס, אָבער השי"ת האָט אונז ליב!** ער זעט אונזערע מוטשענישן, ער זעט אַז מיר קענען עס נישט אַליין טון.

דעריבער האָט ער אונז 'אַריינגעשטופּט' אין דעם ליכטיגקייט פון דעם יום טוב פּורים. השי"ת כביכול האט אויסגערופן: "מיין טייערער עולם, איך האָב אַ פּאָרשלאַג צו יעדן איינעם דאָ, איך וועל געבן אַ מיליאָן דאָלער פאר דער וואָס וועט אַרומשווימען אין דעם באַסיין אָנגעפולט מיט עליגעיטאָרס, און אַרויסגיין אומבאַשעדיגט"...

פּורים זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין אַ באַסיין פון עליגעיטאָרס; המן עמלק, קאַלטקייט, יאוש, ויזנב בך כל הנכשלים אחריך, דעפּרעסטקייט, א.א.וו.

השי"ת האָט אונז אַריינגעשטופּט אויטאָמאַטיש. פּורים איז דאָ און מיר דאַרפן טון אַלע מצוות פון דעם טאָג! מיר האָבן זיך געטראָפן שווימען צווישן עליגעיטאָרס. מיר דאַרפן טרינקן, זינגען און שווימען דורכאויס דעם טאָג. מיר דארפן מקיים זיין אַלעס וואָס מרדכי ואסתר און די חכמים האָבן אונז געהייסן טון כדי צו שווימען פאַרזיכערט אָן קיין שאָדן. מיר האָבן ב"ה געפלאטשקעט כדי צו אָנקומען צו דעם ענדע פונעם וואַסער, **אַצינד ביזטו באַרעכטיגט צו באַקומען די מיליאָן דאָלער!**

אָבער זיי נישט יעצט פאַרנומען מיט נקמה. זיי נישט פאַרנומען צו טרעפן ווער ס'האט דיך אַריינגעשטופּט אין וואַסער. גיי נעם דאָס געלט און נוץ עס אויפ'ן ריכטיגן וועג.

מיר האָבן באַקומען אַלע השפּעות אום פּורים, דורכדעם וואָס מ'האָט אונז אַריינגעשטופּט אין דעם באַסיין... פון **זיך אליינס וואָלטן מיר קיינמאָל נישט אָנגעקומען צו דער הויכער מדריגה.** מיר אַליין וואָלטן קיינמאָל נישט געשפּירט וואָס מיר שפּירן יעצט. מיר וואָלטן קיינמאָל נישט געוואוסט וויאַזוי מיר קענען באַקומען דעם כח נישט צו ווערן אַטאַקירט דורך די עליגעיטאָרס.

אָבער די רוחניות פון השי"ת איז גרעסער דערפון מיר האָבן דאָס באקומען מיט צוואנג! מיר האָבן באַקומען אַזויפיל וואָס מיר וואָלטן קיינמאָל נישט באַקומען אויב מיר וואָלטן געבליבן שטיין אין אונזער קאמפּארט זאָנע'.

**יעצט דאַרפן מיר אָבער גיין העכער און העכער!**

יעצט דאַרפן מיר בויען דעם בריק פון פּורים, צו באַקומען דעם חירות פון פּסח!

***

דער 'ירושלמי' (מגילה פרק ג', הלכה ה') זאָגט אַז מיר דאַרפן ליינען די פּרשה פון החודש בעפאָר פּסח, ווייל דער משכן איז געוואָרן אויפגעשטעלט אין דעם ערשטן טאָג פון ניסן. און אַ טאָג דערנאָך איז געווען די 'שריפת הפרה'.

אויב אַזוי דאַן פאַרוואָס ליינען מיר ערשט פּרשת פרה, איידער פּרשת החודש?! זאָגן חז"ל אַז דאָס איז כדי צו דורכגיין די טהרה, איידער מיר טוען סיי וועלכע מצוה. קודם דאַרפן מיר ווערן טהור.

עס שטייט אין ספה"ק בית אהרן, אַז מיר דאַרפן גלייבן אַז פּונקט ווי מיר זענען געוואָרן גערייניגט פון דעם 'אפר פרה' כדי צו מאַכן דעם קרבן פּסח, ממש די זעלבע וועג ווערן מיר גערייניגט היינט צוטאָגס בלויז דורך ליינען די תורה!

***

צדיקים זאָגן אַז דערפאַר מאַכט מען נישט קיין הבדלה מוצאי פּורים, ווייל **פּורים שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ!** פּורים איז אַ חלק און אַ וועג צו אָנקומען צו די ריכטיגע חירות פון פּסח! און כדי צו בלייבן מיט די השפּעות פון פּורים מאַכן מיר טאַקע נישט קיין הבדלה.

וואָס ס'איז געבליבן פאַר אונז איז צו גיין מיט דעם פייער פון פּורים און צו שפּאַצירן אויף דעם בריק וואָס איז געבויעט געוואָרן אום פּורים מיט אונזער עבודה!

השי"ת זאל העלפן אַז ס'זאָל שוין נתקיים ווערן דאָס וואָס מיר בעטן אין דעם יוצר פון מוסף: "כאשר שמענו כן עוד נחזה, כן עוד חוש נא, ברכינו בשלום בחודש הזה".

"חיי וקיים נורא ומרום וקדוש"!

אַ גוטן שבת פּרשת החודש.

*נחמי'.*


בס"ד

# קרית יואל שמות טראק

845-774-4305

**פסח תשפ"ד לפ"ק**

דערמיט ווילן מיר מעלדן אז מיר וועלן איי"ה צושטעלן א

## שמות טראק אויף עטליכע לאקאציעס

לויט די פאלגענדע זמנים

| טאג | פלאץ | צייט |
|---|---|---|
| **דינסטאג תזריע** | **ביהמ"ד אבני צדק (עצי תמרים)** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **מיטוואך תזריע** | **ביהמ"ד ישמח משה (ברך משה)** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **דאנערשטאג תזריע** | **שכונת ויואל משה (בית מנחם זאב)** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **זונטאג מצורע** | **ביהמ"ד הגדול<br>בית החיים 31 סקאנעמאנק** | **פון 9:00 ביז 12:00 מיטאג / פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט<br>פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **מאנטאג מצורע** | **שכונת בלומינג גראוו<br>29 Merriewold** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **מאנטאג דינסטאג מיטוואך דאנערשטאג מצורע** | **ביהמ"ד הגדול<br>בית החיים 31 סקאנעמאנק** | **פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט<br>פון 5:00 מיטאג ביז 10:00 ביינאכט** |
| **ערב שבת קודש מצורע** | **ביהמ"ד הגדול** | **פון 6:00 ביז 12:00 מיטאג** |
| **זונטאג – בדיקת חמץ** | **ביהמ"ד הגדול** | **פון 9:00 מיטאג ביז 9:00 ביינאכט** |
| | | |

צוליב די חוקי המדינה מוז מען זיין זייער פארזיכטיג, דעריבער וועט מען נישט קענען נעמען קיין באקסעס נאר שאפינג בעגס, אויב איר האט אסאך שמות ביטע לייגן נאר אין שטארקע גארבידזש בעגס און נישט מער פון צוואנציג פונט צוליב כבוד שמות

**ישיבות, מוסדות התורה, און בתי מדרשים, אדער ווער עס האט א גרעסערן קוואנטום פון שמות, קענען רופן**

**845-774-4305**

# מקוה החדש אין גרויסן ביהמ"ד

## לעצטע פאזעס צו ענדיגן 'מקוה טהרת מרדכי' המפוארה



עקזאסט דוקס אינסטאלירט



גרויסע סיסטעם צו האלטן מקוה לופטיג און גוטע טעמפעראטור



ריזיגע שטיקער צעמענט אוועקגעשניטן



טייערע עקוויפמענט'ס פאר די מקוה ערהאלטן





הערליכע טיילס ווערט פארענדיגט ביי די שויערס

# מקוה החדש אין גרויסן ביהמ"ד

## לעצטע פאזעס צו ענדיגן 'מקוה טהרת מרדכי' המפוארה





שטיינער פאדלאגע פון פארעסט באלקאן ערזעצט מיט דויערהאפטיגע צעמענט צו סיעלן די מקוה שטאק



גרויסע שטיק פארטש געעפענט צו די שאוערס אונטן אין צייט פון די בוי ארבעט



מקוה הייצונג אינסטאלירט אין די בורות

# מקוה החדש אין גרויסן ביהמ"ד

## לעצטע פאזעס צו ענדיגן 'מקוה טהרת מרדכי' המפוארה



דאפעלטע מקוה טורנסטייל אריינגאנג אינסטאלירט





גאנצע שטח אונטערן פארעסט פארטש ווערט ערצייגט פאר די 4 שאווערס אפטיילונגען אינעם נייעם מקוה

# בעלזא ווער





ליוולענד ציהט סוער אינספעסטרוקטור פון שכונת ויואל משה צום נייעם בעלזער גאס וואס ווערט געבויעט אויף רוט 105

# ביהמ"ד קהל יטב לב - שכונת ווינטשעסטער





הר"ר נפתלי הירצקא מארקאוויטש שליט"א גבאי ביהמ"ד ווינטשעסטער דקיט"ל גיבט א שיעור איבער ליקוי חמה מיט ספעציעלע מכשירים







# פסח יריד - קהל יטב לב, קרית יואל



אויטאס ביים פארבייפארן און אנגעפילט ווערן



אויסנאם סיסטעם פון לאנגע שורות אויטאס וואס האבן שנעל דורכגעמאכט דעם גאנצן סירקל נאך ארמיי באזע פון 'נאמני הקהלה' אויף א שטאבליכן פארנעם




קארס פארן אריבער מיט שטארקע סיסטעם




אלגעמיינע ארבעטער גייען ליידיג ווען 'נאמני' איז אריינגעקומען
מיט א מאסן שטאב מיט הארץ און געפיל

# פסח יריד - קהל יטב לב, קרית יואל



ריזיגע סקיטס אויסגעלייגט אין זייערע פאזיציעס אנצוהייבן יריד



לעצטע אראנזשירונגען דורך ראשי עסקני נאמני הקהלה



ראשי העסקנים הר"ר פישל הכהן ראזענבערג הי"ו בטירחא דגופא
אפצוטראגן פאר אידן וועלכע האבן נישט קיין קאר



געלונגענע סיסטעם ווען יעדע איינציגע קאר איז געווארן פערזענליך באגלייט פון א עסקן
פון אריינפארן אינעם שטח ביזן ארויספארן דארט מיט אלע באשטעלטע פראדוקטן



ריזיגער שטח המוסדות אויף פארעסט פאסיג אויסגעשטעלט צום גרויסן דרייוו טרו פסח יריד

# ליקוי חמה אין קרית יואל רבתי




איר זעט גוט! ס'איז נישט קיין שיקעת החמה, נישט פארוואלקענט, נישט קיין ווינטער שקיעה. דאס איז אין לעפעיעט, נ.י. הארט ביים מאקסימום טאטאל, איינע פון די סאמע צענטערן פונעם ליקוי, אום 3:25 אונמיטן העלן טאג



ליקוי חמה ביי סניף ישיבה קטנה אויף געציל בערגער גאס



ליקוי חמה ביי סניף תלמידי ישיבה קטנה ח"ב אויף מאנטעגנוויאו גאס



ילדי קרית יואל מיט ליע עוו. פאטא גלעזער



הרה"ח ר' אלטר משה קליין שליט"א יו"ר מפעל צדקת העיר ביים ליקוי חמה



ליקוי חמה פארנט פון אלטן ביהמ"ד אויף גארפיעלד ראוד

# ליקוי חמה אין קרית יואל רבתי



הרה"ח ר' יוסף וואלדמאן הי"ו ביים באאבאכטן ווי דער זון שיינט צוריק אויף העכער קרית יואל



בעלי מסחר אויפן דאך פונעם ביזנעס צענטער אויף בעיקערטאון



יא... ס'איז נאך צופרי



שעינע זון... וואס זאגסטו הע'...?



רבני מבצר הכוללים אהל יהושע ביים מיטהאלטן דעם ליקוי החמה



הרה"ח ר' יושע קארנבלי הי"ו מגדולי העסקנים מאכט א 'חלוקה' אויף זון גלעזער

# ליקוי חמה אין קרית יואל רבתי



פארוואס זיך אנשטרענגן ווען ער קען דאס זעען אויף זיין העמד...?



והדרת פני זקן...



אידן קוקן ארויף וואו מען אינסטאלירט הויכע 'זיכערהייט קאמערע' גלייכצייטיג האלט מען אן אויג אויפן זון





ילדי 'בנין גאלדבערגער' לערנען דעם סוגיא בחברותא

# ליקוי חמה אין קרית יואל רבתי




ספעציעלע מאסנאמען אונטערגענומען אין 'ליכט' - 'שאטן'
פונעם ליקוי חמה מיט טרעפיק בלאקערס



צדקה תציל מליקוי...




האיר פני המזרח... קינדער אויף ירושלים גאס האלטן מיט דעם ליקוי החמה נעבן בנין קליין

# ליקוי חמה אין קרית יואל רבתי




כלל ישראל שוהל אויסגעשטאט מיט גלעזער צו טרונקען און צו קוקן פאר
די אידן וועלכע זענען געקומען אין די געגענט מיטהאלטן דעם ליקוי



מיטגעהאלטן פון פארעסט זייט ביים גרויסן ביהמ"ד




גרויסע שיפמענט פון 'איי קיו' גלעזער געשעפט ספעציעל פאר
די הונדערטער ילדי חברת תהלים קהל יטב לב קרית יואל



אפיס שטאב פון קהל יטב לב קרית יואל ארויף אויפן דאך
העכער קהל'ס ביורא אויף גארפיעלד ראוד



בני היכן הלכת? מיין 'זון' וואו ביסטו געגאנגען...?

# ליקוי חמה אין קרית יואל רבתי




פלעדזשער בעפאר ביזנעס.... אידן אויפן דאך פון ביזנעס צענטער. ווערט געזען בעלזער שטראסע



צווישן בערג און טאל גייענדיג אויף די 'דעכער' פון 17 ווען ביורען



עזרת חולים שטאב האלט מיט ליקוי המאורות

# ליקוי חמה אין קרית יואל רבתי



דאס איז נישט קיין ליקוי חמה גלעזער... נייע מעטאד פון נ.י.פ.ד. צו האלטן קאר אייגענטומער געבינדן צו באצאלן זייערע טיקעטס אנשטאט די ביז היינטיגע מעטאד פון אנטון אייזערנע שטיוול אויף די רעדער




ליקוי מיטגעהאלטן פונדערהייער



מאמי... איך זע נאר א האלבע...



קרעין דערהייבט עיר קאנדישאן מאשינען פאר די נייע 'עזר' אפטיילונג פון עזרת חולים אינעם ביזנעס צענטער




# "קביעת מזוזה ומסיבת לחיים" דורך כ"ק אדמו"ר מטאהש שליט"א אינעם נייעם "קרויס שטריימל" געשעפט



דער טאהש'ער רבי שליט"א ביים קובע זיין א מזוזה אינעם נייעם געשעפט



דער רבי שליט"א ביים אנוואונטשן פאר הר"ר וואלף קרויס הי"ו,
איינער פון די חשוב'ע געשעפט אייגנטומער





דער רבי שליט"א ביים אפרעכטן א שלחן לחיים צוזאמען מיט די אייגנטומער און מיטארבייטער פונעם געשעפט



קביעת מזוזה דורך הרה"ח ר' ישראל
אברהם קרויס הי"ו פון די משפחה
המעטירה לבית קרויס שטריימלעך



קביעת מזוזה דורך הר"ר יואל (ב"ר ישראל
אברהם) קרויס הי"ו, פון די חשוב'ע אייגנטומער



קביעת מזוזה דורך הר"ר וואלף קרויס הי"ו, פון די
חשוב'ע אייגנטומער, זון פונעם אומפארגעסליכן
אייגנטומער הרה"ח ר' יושע קרויס ז"ל



קביעת מזוזה דורך הר"ר אלימלך
מאשקאוויטש הי"ו, דער אנפירער
פונעם נייעם קרית יואל לאקאל




חברה הצלה קרית יואל מיט ווערדפולע דיסקאונט אין די דינוב מצה בעקערי" קרית יואל



NY AG James @NewYorkStateAG · 49m

With Passover starting soon, New Yorkers should beware of businesses claiming to offer "Passover Specials," like car cleaning services, but are actually charging more for Passover-related services to take advantage of the Jewish community.

This is blatantly antisemitic.

30 78 319 11K

NY AG James @NewYorkStateAG · 49m

Many Jews clean their homes and cars before Passover to remove 'chametz' or leavened products, and it's illegal to take advantage of a religious holiday to charge more for services.

If you believe you've been a victim of this discrimination, contact us:

NEW YORK STATE ATTORNEY GENERAL

Office of the New York State Attorney General *Letitia James*

File a complaint: Civil rights & discrimination

ניו יארק אטורני דזשענעראל מיט ווארענונג איבער הייבן פרייז אין די יעצטיגע פסח סעזאן


# כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן.



Spotlight Pro
Your house bright
since 2006

**845 537 9787**


העכסט דראמאטישע אטעם פארכאפענדע שפיל:
וואונדער בעכער
וואונדערקינד ניסן
אראפגעשפילט דורך
בארימטע היימישע שפילער:
מרדכי הערש הערשקאוויטש – חיים איצקאוויטש
ארי אבראמאוויטש – יואל ברוין
חיים ברוין – שמעון יואל קליין
מתתי' גרין – חיים הערש גלאנצער
די שפיל וועט אי"ה פארקומען:
ביי אייך אונדערהיים
מיט די "וואונדקינד ניסן" וואס ערהאלט א העכסט דראמאטישע שפיל
פון די בעסטע אידישע שפילער, וועט די גאנצע משפחה זיצן א גאנצע
חודש צוגענאגעלט צום וואודערקינד ניסן טעקע און קאסעטע
וואונדערקינד



וואונדער בעכער
וואונדערקינד ניסן
"וואונדערקינד ניסן" אנטהאלט א העכסט דראמאטישע שפיל דורך די בעסטע אידישע שפילער, די גאנצע משפחה וועט זיצן צוגענאגלט צום וואודערקינד ניסן טעקע און קאסעטע
צו באקומען אין אלע געשעפטן
בעזרת השם יתברך
הר"ר שמעון יואל קליין פרעזענטירט:
ניסן תשפ"ד • יאר 1 • טעקע 9
וואונדערקינד טעקע
ספעציעל דראמאטישע פארשטעלונג
דער וואונדער בעכער
אראפגעשפילט דורך וועלט-בארימטע היימישע שפילער
ווילסט מיר אויך הערן? איך בין אויף די אנדערע זייט דעקל!

טרעק 1

## סדר נאכט

די הערליכע **סדר נאכט** מיט אלע
אירע סימנים, **א סדר אויף א גאנץ**
**יאר**, פאכמאניש אראפגעזינגען
דורך **פרחי שיר ושבח**

טרעק 2

## שאול המלך

דראמאטיש אראפגעשפילט א **קאפיטל**
**אין נ"ך** וויאזוי דער **ערשטער קעניג**
**פון כלל ישראל** לאזט זיך ארויס
אויפ'ן שלאכט קעגן די פלשתים.
**וויאזוי ארבעטער זיך דאס אויס?**

טרעק 3

## דער פריץ ביים סדר

גאר אינטערעסאנטע און **שפאנענדע**
**געשיכטע**, פארציילט דורך דער
וועלט בארימטער מחנך און בעל
מספר **הרב לייביש ליש שליט"א**

טרעק 4

## דער פוילער שרגי

**שרגי האלט נישט ביים זיך רירן**. יעדע
זאך איז אים א **גאנצע טירחא**. אבער
דאן הייבן אן זאכן צו פאסירן זאכן, און
שרגי פארשטייט אז **עס טויג נישט...**

טרעק 5

## ריר זיך!

הערליכע **מידות ניגון** וואס ברענגט
ארויס די געשמאקן פון זיין **פלייסיג**,
אנשטאט ארומזיצן פוילערהייט
און **גארנישט טון מיט די צייט**

טרעק 6

## אין טירגראטן

מיר כאפן א שפאציר אינאיינעם מיט
**ר' מתתי' גרין** אין **טירגראטן** לכבוד
חול המועד, וואו מיר שפאצירן צווישן
די שטייגן פון **אינטערעסאנטע**
**באשעפענישן**, און לערנען זיך הלכות

טרעק 7

## הלל מיט די כוסות

**געשמאקע שפיל**
וואס מען שפילט
אויפ'ן טעקע בשעת
וואס עס שפילט
**הערליכע געשמאקע**
**יום-טוב'דיגע ניגונים**
אויפ'ן קאסעטע
צווישן די כוסות

טרעק 8

העכסט דראמאטישע און אטעם-
פארכאפענדע פארשטעלונג:
## דער וואונדער בעכער

אויסנאם אינטערעסאנטע און **ציענדע פארשטעלונג** לכבוד
חול המועד, דורך די **סאמע בעסטע היימישע שפילער**, הר"ר
**מרדכי הערש הערשקאוויטש**, הר"ר **חיים איצקאוויטש**,
הר"ר **ארי אבראמאוויטש**, הר"ר **יואל ברוין**, הר"ר **חיים**
**ברוין**, הר"ר **שמעון יואל קליין**, הר"ר **מתתי' גרין**, הר"ר
**חיים הערש גלאנצער** און **ילד הפלא יושע ראטענבערג**

**סיינט אייך היינט אויף פאר א סובסקריפשאן** ←
**718.517.8310**
**VINDERKIND.COM**

# המביט לארץ ותרעד: זעלטענער ערדציטערניש טרייסעלט ניו יארקער ראיאן

פרייטאג ארום 10:30 אינדערפרי האבן ניו יארקער אייננוואוינער געשפירט א טרייסל פון אונטער זייערע פיס, צו זייער שאק און וואונדער. דער טרייסלעניש איז געווען אן ערדציטערניש אויף דעם ריכטער וואג פון 4.8, א ציפער וואס איז היבש זעלטן פאר דעם צפון מזרח ראיאן אין די פאראייניגטע שטאטן. דער צענטער פונקט פון דעם ערדציטערניש איז געווען אין לבנון, ניו דזשורסי. עס זענען נישט באריכטעט געווארן קיין באדייטענדע שאדנס בלויז איין שולע וואו א שפאלט אין דעם ערד פון דעם געביידע איז באמערקט געווארן נאך דעם ציטערניש.




דער סאליוואן קאונטי דירעקטאר פון קאמוניקאציע האט געזאגט אז דער ערדציטערניש איז געווען א זעלטענע דערמאנונג אז מיר וואוינען אין א ראיאן וואס קען זען גאנץ באדייטענדע ערדציטערנישן פון צייט צו צייט. גאווערנאר האוקול האט געזאגט אז דער ערדציטערניש איז געווען איינע פון די גרעסטע אין דעם לעצטן יאר הונדערט. "מיר נעמען דאס זייער ערנסט" האט גאווערנאר האוקול געזאגט ביי א פרעסע קאנפרענץ. "עס איז אייביג דא די מעגליכקייט פון עפטערשאקס, אבער מיר האבן נאך נישט געשפירט די שטארקייט פון אזא ערדציטערניש זינט 2011".

קענעדי און נוארק לופטפעלדער האבן ביידע אפגעשטעלט זייערע פליגערס פאר א קורצע צייט צו קענען אפשאצן אויב די ראנוועיס האבן געליטן עפעס שאדן פון די ציטערניש. א גאז ארויסרינונג איז געווארן באריכטעט אין ראקלענד קאונטי, אבער קיין שום האספיטאליזאציע איז נישט געווארן באריכטעט אין רעזולטאט פון דעם ערד טרייסלעניש.

# מאנטיסעלאו פאליציי שעף פארזיכערט מער פאליציאנטן אויף די גאסן

דער נייער שעף פון די מאנטיסעלאו פאליציי דעפארטמענט דזשעי קארלעי האט געזאגט אז אייננוואוינער קענען ערווארטן צו זען מער אפיצירן אויף די גאסן אונטער זיין אדמיניסטראציע.

קארלעי איז נארוואס געווארן אויפגענומען אלץ שעף פון די פאליציי נאכן דינען 27 יאר אין פארשידענע ראלעס אינערהאלב די דעפארטמענט, און ער האט גרויסארטיגע פלענער צו פארבעסערן די קאמוניקאציע צווישן די פאליציי און די געמיינדע. דער נייער שעף זאגט אז ער גלייבט אז איינע פון די וועגן וויאזוי צו פארבעסערן די פובליק זיכערהייט און די פארשטענדעניש צווישן דעם פובליק און די פאליציי איז דורך אוועקשטעלן מער אפיצירן אויף די גאסן פון שטאט. ער זאגט אז ער ווייסט אז זיין אמט איז נישט קיין גרינגע, אבער ער איז גרייט דערפאר, זאגנדיג אז זיינע יארן ערפארונג אינערהאלב די געמיינדע וועט ערמעגליכן ער זאל טון די ארבעט אפעקטיוו.

# קעמפ פייער צינדט אונטער וואלד פייער אין מאנראו

א קליינער קעמפ פייער וואס איז אונטערגעצינדען געווארן דורך א קליינע צאל יוגענטליכע איז שנעל ארויס פון קאנטראל ווען דער פייער האט זיך צושפרייט צו א ריזיגער שטח אינערהאלב דעם וואלד, דעם פארלאפענעם מערץ דעם 30'טען, ארום 5:30 נאכמיטאג.



די פייער לעשער פון מאנראו האט ארייגערופן וואלונטירן פון די פייער דעפארטמענטס אין טשעסטער, גרינוואוד לעיק, ווארוויק, גאושען, וואודבארי און טאקסידא. די פייער לעשער האבן געהאנדלט פראפעסיאנאל און צייטליך אויפגעשטעלט א ליניע פון פארטיידיגונג ארום דעם 32 עיקער פייער צו זיכער מאכן אז עס גייט נישט ארויס פון קאנטראל. מיט עטליכע שעה שפעטער ארום 12:30 ביינאכט האבן ענדליך די פייערלעשער באקומען קאנטראל איבער דעם פייער, אן דעם וואס דער פייער זאל מאכן שאדן פאר מענטשן.

אין די איצטיגע סעזאן פון יאר געפינט זיך די געגענט אונטער א "פארברענען פארבאט", וואס באדייט אז מען טאר נישט אנצינדן קיין פייער אינדרויסן פון א פארזיכערטע ארט, וויבאלד די טרוקענקייט פון די צווייגן און בלעטלעך קענען גרינג אויפפלאמען א פייער און קענען זיך צושפרייטן זייער שנעל. דער פארבאט איז אין קראפט ביז מאי דער 14'טער.

# מוזעאום ווילעדזש ראוד אפגעשלאסן פאר רענאוואציעס

די טאון און בלומינגראוו האט געמאלדן פאר מאטאריסטן אז דער מוזעאום ווילעדזש ראוד וועט ווערן אפגעשפארט אויף ביידע ריכטונגען צווישן די סטעיט רוט 208 און קורלעי לעין פאר עטליכע מאנאטן, אין די צייט וואס זיי וועלן אדורכפירן נויטיגע אינפראסטרוקטור ארבעט.

דער שאסיי איז פארשלאסן געווארן דעם פארלאפענעם אפריל דעם 5'טער אינדערפרי, און איז ערווארטעט צו זיין פארשלאסן ביז ענדע פון דעם זומער סעזאן, וואס איז ארום סעפטעמבער דער ערשטער. דער ארבעט איז ערווארטעט צו זיין צו ערזעצן דעם ווילאו ברוק דאמבע וואס איז א וויכטיגע טייל פון דעם לאקאלן וואסער און דרעינידזש סיסטעם.



# ריכטער מאכט צונישט רעגירונג רעגולאציעס אויף קאנאביס

די קאנאביס אינדוסטריע פירער זענען געווארן געכאפט אין איבערראשונג פרובירנדיג צו פארשטיין די ווירקונג פון דעם באשלוס פון א ניו יארקער ריכטער, אין וועלכע ער האט געזאגט אז רעגירונג רעגולאציעס אויף דעם אינדוסטריע האבן נישט קיין געזעצליכע תוקף. דער געריכטליכער אורטייל קען האבן ווייטגרייכענדע אפעקטן אויף דעם קאנאביס האנדל וואס איז נארוואס געווארן דערקלערט אלץ לעגאל אין ניו יארק סטעיט, נאך וואס האנדלען מיט איר איז נישט לאנג פריער געווען פאררעכענט אלץ א קרימינאלע פארברעכן.

דער סטעיט ריכטער קעווין ברייענט אין קינגסטאן האט געאורטיילט אז די רעגירונג רעגולאציעס וואס זאגט ווער און וויאזוי אפטייקן קענען באקומען א לייסענס צו פארקויפן דעם געווירץ איז נישט אויסגעהאלטן, וויבאלד די רעגירונג רעגולאציעס איז נישט געבויעט אויף קיין שום באזיס. כאטש דער ריכטער האט קריטיקירט אלע רעגירונג פארשריפטן איז אבער נישט קלאר אויב די אורטייל פון דעם ריכטער וועט אפעקטירן דעם גאנצן מארקעט מיט אלע רעגירונג רעגולאציעס, אדער בלויז דעם קעיס אויף וועלכע דער געריכט האט געאורטיילט.

דער אנקלאגע קעגן די ניו יארק סטעיט איז געברענגט געווארן אין געריכט דורך די פירמע "ליעפלי" וועלכע פארקויפט קאנאביס פראדוקטן אויף א וועב זייטל, און האט געקלאגט אז די סטעיט האט אומלעגאל באגרעניצט איר פירמע פון אדווערטייזן אפטייקן וועלכע פארקויפן די פראדוקטן אויף זייער זייטל. דער פירמע האט געוואלט צונישט מאכן די פארשריפטן וועלכע האבן איר באגרעניצט. דער ריכטער האט טאקע געאורטיילט אין שטיצע פון ליעפלי, זאגנדיג אז די אלע רעגולאציעס האבן נישט קיין געהעריגע לאגישע טעמים, און אז די אורזאכן וואס די סטעיט ברענגט איז בלויז צו אונטערשטיצן עפעס וואס זיי האבן שוין פריער אפגעמאכט, און נישט אז די רעגולאציעס זענען געמאכט געווארן אויף דעם באזיס.

וויבאלד פון דעם ריכטער'ס אורטייל ווייזט זיך אויס אז ער האלט אז אלע רעגולאציעס איבער וויאזוי קאנאביס קען ווערן פארקויפט איז נישט אויסגעהאלטן, האט די גאנצע אינדוסטריע געכאפט א שאקל, וויבאלד זיי ווייסן נישט וואס זיי זענען יא אדער נישט ערלויבט צו פארקויפן און וויאזוי. די אינדוסטריע לאביאיסטן האבן זיך געוואנדען צו די סטעיט רעגולאטארן צו בעטן זיי צו קלארשטעלן וויאזוי זיי קענען ווייטער אנגיין אין זייערע געשעפטן.

# ניו יארקער קענען באקומען 5.6 ביליאן דאלאר פון קרעדיט קארד אפמאך



פאפולערע קרעדיט קארד פירמעס זענען איינגעגאנגען אויף אן אפמאך וואס קען פאטענציאל שפארן פאר קאנסומער ביליאנען דאלארן, און וועט אין די זעלבע צייט געבן קאמפענסאציע פאר סוחרים וואס האבן געליטן פון די אויסנאמליכע פרייז וואס די פירמעס האבן פארלאנגט פון די געשעפטן פאר'ן טשארדזשען זייערע קרעדיט קארטלעך.

דער אפמאך איז דערגרייכט געווארן נאך א קלעס-עקשאן אנקלאגע וואס ריטעילערס האבן אריינגעגעבן אנטקעגן די פירמעס וויזע און מעסטער-קארד, פאר'ן אנגעבליך קאנספירירן צו אנהאלטן הויכע פרייזן פאר די וועלכע טשארדזשען זייערע קארטלעך, ווען אין די זעלבע צייט האבן זיי אוועקגעשטעלט רעגולאציעס וואס האבן צוריקגעהאלטן סוחרים פון קענען נעמען געלט פון זייערע קונדען דורך אנדערע מעטאדן.

די ניו יארקער סוחרים וועלכע האבן אקצעפירט וויזע און מעסטער קארד קרעדיט קארטלעך דורכאויס דעם פעריאד צווישן יאנואר 1 פון 2004 און יאנואר 25 פון 2019 זענען בארעכטיגט צו באקומען א טייל פון די 5.6 ביליאן דאלאר. די געלטער וואס די קרעדיט קארטל פירמעס האבן געטשארדזשד פון די סוחרים איז געווען פון 1 ביז 2 פראצענט פון די פרייז וועלכע די קאסטומער האבן געצאלט. די אפמאך מיט די קרעדיט קארטל פירמעס וועט אויך צווינגען זיי זאלן פארהאנדלען מיט ריטעילערס פאר א נייע פרייז. אנגעבליך האבן די פירמעס געמאכט ביליאנען דורך די באזונדערע "סווייפ אפצאל".

# נייע געזעץ וועט פארבאטן צו פארקויפן געוויסע וואג פארלוסט פראדוקטן פאר מינדעריעריגע

א געזעץ וואס איז געווארן באשטעטיגט אין ניו יארק וועט פארבאטן געשעפטן לענגאויס ניו יארק צו פארקויפן געוויסע אווער-די-קאונטער וואג פארלוסט פראדוקטן און פראדוקטן געצילט צו בויען די מוסקלען פאר סיי וועם אונטער די יארגאנג פון 18 יאר.

די געזעץ איז געווארן צוזאמגעשטעל דורך אסעמבלי מיטגלידער נילי ראזיק און סטעיט סענאטאר שעלי מעיער. לויט די שטיצער פון דעם געזעץ זענען פיל פון די פראדוקטן פיל מיט געפארפולע באשטאנדטיילן וואס קענען גורם זיין ערנסטע געזונטהייט פראבלעמען, וואס רעכענט אריין סטראוקס, געוויסע קענסערס, לעבער שאדן און טויט ח"ו, און זיי ווילן דעריבער באשיצן מינדעריעריגע פון די ריזיקע דערפון.

לויט הארווארד פארשער זענען די אלע סארט אווער די קאונטער פראדוקטן וועלכע ווערן פארקויפט מיט דעם ציל צו פארלירן וואג אדער צו בויען מוסקלען נישט געהעריג רעגולירט דורך די פעדעראלע מעדיצינען אגענטור, און די פראדוקטן ווערן זייער אפט פארקויפט אן איבערווייזן קיין שום וויסענשאפטליכע איבערצייגונג איבער זייער זיכערקייט אדער אפעקטיווקייט. זיי זאגן אויך אז עס העכערט די ריזיקע פון עסן דיסארדערס און שעדליכע סטירויד באנוץ ביי יוגענטליכע.

# ניו יארקער גאז פרייזן געשטיגן איבער א וואך פריער




די גאז פרייזן לענגאויס דעם סטעיט זענען געשטיגן צום צווייטן וואך אין א צי און דערגרייכט דעם עווערידזש פון $3.36 פער גאלאן דעם פארלאפענעם מאנטאג, וואס איז העכער מיט איין צענט פון די פרייז א וואך פריער ווען עס איז געשטאנען ביי אן עווערידזש פון $3.35 פער גאלאן, לויט די פעדעראלע ענערגיע אינפארמאציע אדמיניסטראציע.

דורכאויס דעם חודש איז די מיטלמעסיגע פרייז פאר גאז געשטיגן מיט ארום 9 צענט לויט דעם אגענטור. דורכאויס דעם פארלאפענעם יאר זענען גאז פרייזן געשטאנען אזוי נידריג ווי 3.11 אום יאנואר 22 פון 2024 און אזוי הויך ווי 3.86 אום אויגוסט 14 פון 2023. די עווערידזש פרייז פון גאזאלין אין די פאראייניגטע שטאטן די פארלאפענעם וואך איז געשטאנען ביי 3.52$, וואס באדייט אז די פרייזן אין ניו יארק איז נאך אלץ ארום 4.4% נידריגער ווי איבער דאס לאנד.



**FOR SALE**

**3 Holland - Prestwick area**
Rare opportunity! Brand new, custom house. 4 bedroom 4 baths, walkout basement, many upgrades, ready to move. Asking $1,199,000



**FOR SALE**

**105 high St – Smith Gardens area** Renovated 3,000 sq. ft., brand new kitchen, bath, option to subdivide the property to build another house + additional rental income



**FOR SALE**

**Paksh /Atzia Temorim**
5 room apartment 3 bedroom 2 full bathrooms 2nd floor



**FOR SALE**

**Schinas V'yoel Moshe**
5, 6, 7, rooms on different floors. Call for more information.

**FOR RENT**

- One one-room apartment on Quickway Rd. good for a single not for a couple
- 3 room apartment walk in in SVM
- 4 room apartment in SVM
- 4 room apartment brand new in Blooming Grove
- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in SVM 2nd floor
- 6 and 7 room apartment on Forest Rd. 1th floor
- 7 room apartment in SVM 2nd floor private entrance
- 7.5 room Apartment in SVM 3rd and 4th floor private entrance
- 7.5 room apartment in SVM 3rd floor
- 10 room apt on Meron Dr. Short term lease
- 3000 sq. ft. Retail space on the 17 M
- Private offices available in Atzia Temorim
- 2,000 sq. ft. unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32 asking only 450
- 1500 sq ft office space on Rovna Ct.
- Big office on Forest Rd.
- Big space on Forest Rd. with shul and Mikvah
- Beautiful private office with conference room on Raywood

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**FOR SALE**

- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg Ct. tenant occupied
- 5 room apartment in Atzia Temorim 2ndfloor
- 5 ½ room apartment on Lemberg Ct. top floor
- Oversized 6 room apt on Satmar Dr. ready to move in
- 6 room apt in atzia temorim 2nd floor
- 6 room apartment in SVM top floor
- 7 room apartment in SVM 2nd floor private entrance
- 7 Room apartment top floor with attic in SVM
- 8 room apartment in atzia temorim walk in private entrance
- 9 room apartment SVM 3rd floor
- Big divided apartment into a 5 & 6 room apartment both are tenant occupied
- Upgraded 9 room apt. Forest-Mountain area top floor with attic
- Private house in Woodbury Villas

**HFA REALTY GROUP**

845.781.2410
Sales@HFArealty.com

ext. 3 משה יוסף פריעדמאן
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 מרדכי יואל אונגאר
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 Monroe NY 10949
845-774-6234
845-501-0246
אדווערטייזמענט:
Ads@kyweekly.com
נייעס:
News@kyweekly.com
בריוון:
Letters@kyweekly.com
מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949

## אינהאלט

| | |
|---|---|
| שריפטן צום וואכנשריפט | 80 |
| אן ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו | 84 |
| שאלת חכם | 88 |
| זמני בית הוראה | 90 |
| על הצדיקים | 92 |
| די תפיסה וועגן פארציילן | 96 |
| בילדער זייטן | 98 |
| לאקאלע באריכטן | 116 |
| לוח הזמנים לעיר קרית יואל | 119 |
| וועטער פון קרית יואל | 119 |

## זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קר"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 7:19 | 9:02 | 8:48 |

## וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג |
|---|---|---|
| רעגן 62/45 | זוני' 54/41 | זוני' 64/49 |

אין פאל פון אן עקסידענט ח"ו, רופט גלייך:
Orange Collision Inc.
24 Hour Towing · Car Rental · Auto Body Repair
845-782-2426

WE KNOW MENSWEAR
MEN'S CORNER
New location: 10 MORDCHE SCHER BLVD
Free delivery 845.782.6756

TAKING ADVANTAGE OF THE EXTRA SUNLIGHT
Note the change of hours
Now seeing patients from 9 AM to 9 PM
elite
Adult & Pediatric Primary Care
845.782.4000 / 14 Raywood Dr

די נומער פאר אלע אייערע שמחות!
845 782.1340
בעידן תדוותא
טראנספארטאציע רוט אינפארמאציע
845.782.1340 #1 דערנאך דרוקט #9

845.204.8138 | contact@berryslandscapingny.com
Berry's LANDSCAPING

USEFUL
USE YOUR SPACE FULLY
CUSTOM CLOSETS
845.210.6610 • sales@usefulny.com

F&W BOOKKEEPING
845.492.3945
fandwbookkeeping@gmail.com

HANDYWORK MONROE INC
for a complete job, well done
יואל זאב שווארץ
845-248-3585

FishDirect
from the ocean to your table
845.253.8040 | מרדכי וואלף בראווער

פלאמבינג - עלעקטריק
845-239-7697
לייבל קופטשיק

בס"ד
פרייז רעליוועט
kj vitamins & health food
845.783.8711
21 Hayes Ct.
we carry all major brands

AWR WINDOWS
REACH US AT: 845.774.6495
SERVICE@AWRWINDOWS.COM

COLORIFIC
845 783.6863

Upstate Collision
LEASING · RENTAL · COLLISION · 24 HR TOWING
845.599.9000 | AFTER HOURS: 845.500.1400


בס״ד
JEWELRY MASTER
BROOKLYN, NY
THE W MALL
355 FLUSHING AVE. #114
BROOKLYN, NY 11205
718.400.1210
P
FREE PARKING
LATE NIGHT 9-11 PM
Starting Weds., Apr. 10
MONROE ONLY
MONROE, NY
BUSINESS CENTER II / UNIT # 204
52 BAKERTOWN RD.
MONROE, NY 10950
845.782.6365